STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07632

DI VIKHTIKSTE FIGURN UN MOMENTN IN DER IDISHER GESHIKHTE

Samuel H. Setzer

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

די וויכטיקסטע פיגורן און מאָמענטן אין דער אידישער געשיכטע

פון גלות בבל ביז צו דער חשמונאים תקופה

(עסייען, שטודיען און אנאַליזן)

פון

ש. צ. זעצער

דריטער טייל

פאַרלאַג „דאָס וואָרט" ביבליאָטעק

ניו־יאָרק, 1941

Copyright by
SAMUEL H. SETZER
New York, N. Y.
1 9 4 1

Posy-Shoulson Press, New York
255

א

עזרא הסופר

די באַוואונדערונג, וואָס די חז״ל האָבן פאר עזראן געהאט. — זיי האָבן אים אויף איין מדרגה מיט משה רבנו געשטעלט. — ווי א מלאך מושיע האָט ער זיך פאר דעם נייעם ישוב אין ארץ ישראל באַוויזן. — די שלעכטע צייטן, וואָס זיינען אָנגעקומען פאר דעם אידישן ישוב. — די פיינטלעכע באַציאונגען פון די פאָרשטייער פון דער פערסישער מאכט צום אידישן ישוב אין ארץ ישראל. — די גגישות, וואָס זיי האָבן פון די שומרונים געהאט אויסצושטיין. — די פלאָג פון געמישטע הייראַטן. — מיט עזראס אָנקומען קיין ארץ ישראל ווערט די לאַגע געענדערט.

די חכמי התלמוד האָבן גאָר קיין גענוג לויב־ווערטער ניט געקענט געפינען, ווען זיי האָבן וועגן עזרא הסופר גערעדט. זיי האָבן גערעדט וועגן אים מיט גוואַלדיקער ליבשאַפט און מיט גוואַלדיקער יראת הרוממות. „עזרא איז ראוי געווען — זאָגן זיי אין איין אָרט — אז עס זאָל דורך אים געגעבן ווערן די תורה צו די אידן, ווען משה זאָל אים ניט געווען מקדים זיין״.*) „פריער, אז די תורה איז פארגעסן געוואָרן פון די אידן — זאָגן זיי אין א צווייטן אָרט — איז געקומען עזרא פון בבל און האָט זי צוריק איינגעפונדע־וועט״.**)

און אין מדרש רבה, קהלת זאָגן זיי וועגן אים, אז ווען ער וואָלט געלעבט אין דער צייט פון אהרן הכהן, וואָלט עזרא גרעסער געווען פאר אים. און אין א צווייטן אָרט, זאָגן זיי דאָרטן, אז

---

*) סנהדרין, כ״א, ב׳.

**) סוכה, כ׳.

קיינער איז ניט אין זיין דור, ווי ער, ראוי געווען, א כהן גדול צו זיין.*)

און ווידער זאָגן זיי אין אן אנדער אָרט — ברכות, ד׳, א׳ — אז „אין זכות פון עזראן זיינען די אידן ווערט געווען, עס זאָל געווען געשען א נס מיט זיי, ווי עס איז געשען מיט זיי אין די טעג פון יהושע בן נון, נאָר דער חטא — די זינדיקייט פון דעם דור — האָט גורם געווען דער נס זאָל ניט געשען, און זיי זיינען ניט אויפגע־גאנגען קיין ארץ ישראל נאָר מיט דער דערלויבעניש פון כורשן.״

און עס איז גאָר קיין וואונדער ניט וואָס די חז״ל אונזערע האָבן מיט אזוי פיל באגייסטערונג וועגן עזראן גערעדט. עזרא איז געווען איינער פון אָט יענע נאציאָנאלע העלדן, וואָס שאַפן די גע־שיכטע פון זייער פאָלק, איינער פון יענע גרויסע פערזענלעכקייטן,

*) עזרא האָט ניט משמש געווען בכהונה גדולה. ווארום ער איז דאָך געקומען קיין ארץ ישראל פילע יאָרן נאָך יהושע בן יהוצדק, וועלכער איז געוואָרן כהן גדול נאָכדעם, וואָס די עולים האָבן דעם צווייטן בית המקש אויפגעשטעלט. נאָך יהושעס טויט ווידער איז די כהונה גדולה איבערגעגאנגען צו זיינע — יהושעס — אָפּשטאָמלינגע. „ומ״ש בספר חגי: יהושע בן יהוצדק הכהן הגדול״ — לא יהושע שמש מעולם בכהונה גדולה דהוא הוגלה לבבל בימי יכניה, כדכתיב: „ויהוצדק הלך בהגלות וגו׳. אלא יהושע בנו היה כהן גדול, כשעלו מבבל, בבית שני. ומה שלא היה עזרא בן שריה הסופר כהן גדול ובן אחיו יהוצדק כהן — זה הטעם: לפי כי יהושע עלה עם זרובבל כמה ימים ושנים קודם שעלה עזרא — אין פירוש המיוחס לרש״י על „דברי הימים״, אין דברי הימים א׳, ה׳.

און דער אבן עזרא אין חגי א׳, א׳, שרייבט: „ויהוצדק, אבי ישוע, היה כהן גדול בבית ראשון כאשר נשרף. כי כן כתוב. כי על כן ירש בנו מעלתו, בצאת ישראל מגלות בבל. ולכן לא שמש עזרא דודו בכהונה גדולה בימי ישוע, גם בימי בנו ונכדו. ככתוב בספר עזרא. לויט דעם אָבער וואָס עס ווערט דערציילט אין מלכים און אין ירמיהו וועגן דער צייט פון חורבן בית ראשון זעט זיך ניט די מעגלעכקייט צו דערלאָזן, אז יהוצדק האָט דעם אַמט פון כהן גדול באקליידעט. שריה איז לויט דעם אלעם, וואָס עס ווערט דאָרטן דערציילט, ביז צום גאָר לעצטן מאָמענט אין לעבן פון בית ראשון דער כהן גדול געווען. ער איז פון נבוכדנצרן אין רבלה אומגעבראכט געוואָרן ערשט נאָכדעם, וואָס מען האָט דעם בית המקדש פאַרברענט. מען מוז דעריבער אָננעמען, אז רש״יס מיינונג, אז דער הכהן הגדול אין דעם פסוק: „ויהושוע בן יהוצדק הכן הגדול״ באַציט זיך אויף ישוען, ניט אויף יהוצדק, איז דיריכטיקסטע.

וועלכע שטייען אין צענטער פון א גאנצער עפּאָכע, וואָס די גראַנ־דיעזע און אינטעסיווע געשעענישן פון א דור א גאנצן ווערן פון זיי געמייסטערט.

עזרא קען ווירקלעך צו משה רבנו פארגליכן ווערן. ער איז ווירקלעך פאר דעם אידישן פאָלק א צווייטער משה געווען. משה רבנו איז אין א געוויסן זין דער שעפער פון אידישן פאָלק געווען. ער האָט דאָס אידישע פאָלק אין א נאַציאָנאַלן אָרגאַניזם אָרגאַניזירט. ער האָט פאר זיין לעבן אייגנארטיקן און פעסטן אינהאלט געשאפן. ער האָט געשטאַלט און פוחעם דער פּסיכיק פון אידישן פאָלק גע־געבן.

און אזוי איז אויך עזרא געווען.

אויך אים זען מיר פאר אונזערע אויגן אין דער תגא פון א „יוצר האומה" דערשיינען. ער האָט די נייע ווענדונג, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין דער אידישער געשיכטע, באַלד נאָך דעם חורבן, אין גלות בבל, איר פארענדיקונג געגעבן.

עזרא איז געווען דער, וואָס האָט דאָס אידישע פאָלק פאר אן „עם הספר" געמאכט אין דעם זין, אז פון דאַן אָן האָט דער ספר, די פאָרשריפטן פון דער תורה, דאָס גאַנצע אידישע לעבן אָנגעהויבן צו קאָנטראָלירן. ער איז דער גרינדער געווען פון דער וואונדער־באַרער גייסטיקער טעריטאָריע אונזערער, וואָס מיר האָבן מיטגענומען מיט זיך איבעראַל, וואו מיר זיינען נאָר פארוואָגלט געוואָרן, פון דער וואונדערבארער גייסטיקער טעריטאָריע, וואָס האָט אזוי אָפּגעזונ־דערט, אזוי אָפּגעפרעמדט געהאַלטן די אידישע וועלט פון דער ארומיקער, פון דער וואונדערבארער אידישע גייסטיקער טעריטאָריע, וואָס איז באַשטאַנען אין דער אויספּירלעכער רעאַליזירונג פון די אַלע פאָרשריפטן פון דער תורה. ער האָט זיין גאַנצן לעבן אָפּגע־געבן דאַרויף, אז די אַלע פארשיידנסטע ווינקעלעך פון אידישן לעבן זאָלן פון די רעליגיעזע און געזעצגעבנדע נאָרמען פון דער אידישער תורה קאָנטראָלירט ווערן, אז די פאָרשריפטן פון דער תורה זאָלן דער אומטייַלבארער עלעמענט פון אידישן לעבן ווערן.

עראיז ווירקלעך פאר דעם אידישן פאָלק א צווייטער משה רבנו געווען. ווי א מלאך מושיע האָט ער זיך פאר דעם נייעם ישוב אין ארץ ישראל באוויזן אין א מאָמענט, ווען ער האָט א שארפן קריזים איבערגעלעבט, אין א מאָמענט, ווען עס האָט די געפאר פון נאציאָנאלן אונטערגאנג געשוועבט איבער דעם קאָפּ פון אידישן פאָלק, און ער האָט די געפאר באזייטיקט און קראפט און לעבן אויף דורי דורות דעם פאָלק געגעבן. עס איז געווען די טעטיקייט פון עזרא, וואָס האָט ארויפגעפירט דאָס אידישע פאָלק אויף זיין באַשטימטן היסטאָרישן וועג און האָט אים מיט אומשטערבלעכקייט באשיינקט.

די קארגע זעכציק יאָר, וואָס זיינען פאָראיבער פון זינט דער צווייטער בית המקדש איז אויפגעבויט געוואָרן ביז דעם אָנקומען פון עזרא קיין בבל, זיינען געווען יאָרן פון פיל אומרואיקייט און טרויער פאר די איבערגעבעבענע אידישע פאַטריאָטן פון נייעם ישוב. דער בית המקדש איז שוין אמת א פארטיקער און פארענדיקטער געשטאַנען. עס האָט אָבער נאָך זייער פיל געפעלט דארויף, אז די אידישע איינוואוינער פון יהודה זאָלן קענען זען אין דעם, וואָס זיי האָבן שוין דערוואָרבן, די פולע פארווירקלעכונג פון די אלע גאולה האָפנונגען זייערע. ניט נאָר האָבן זיי זיך ניט אלס די פאָלשטענדיקע בעלי־בתים פון לאנד געפילט, נאָר זיי האָבן זיך נאָך, ווי א פרעמדער, אונטערדריקטער עלעמענט אין זייער אייגן לאנד געמוזט פילן.

דער אמט פון פּאָליטישן פירער, פון וועלטלעכן פאָרשטייער, איז נאָך דעם אוועקגיין פון זרובבל פון דער עפנטלעכקייט בטל געוואָרן אין אידישן לעבן, און די דעה איבער דער אדמיניסטראַטיווער און פּאָליטישער זייט פון ישוב איז געווען ניט ביי דעם כהן גדול, וועלכער האָט אין נאָמעןביידע עמטער פארטראָטן, אי דעם אמט פון גייסטיקן פירער און אי דעם אמט פון וועלטלעכן פירער, נאָר ביים פארטרעטער פון דער פערסישער מאכט. ער איז דער אמתער פּאָליטישער פאָרשטייער פון יהודה געווען, און וויסנדיק, אז טראָץ דעם טרויעריקן צושטאנד פון לאנד, טראָץ דער פּאָליטישער אָפּהענגיקייט, וואָס האָט דעם אידישן ישוב געהאלטן אין קייטן

געשמידט, האָבן זיך נאָך אַלץ פּילע עלעמענטן אין ישוב געפונען וואָס האָבן ניט אויפגעגעבן זייערע האָפנונגען, צו זען ארץ ישראל אינגאַנצן פריי און זעלבסטשטענדיק. האָבן זיי נאָך אַלץ געטרוימט, אַז ארץ ישראל זאָל זיך אויך פון איר אונטערגעוואָרפן זיין אונטער דער פערסישער הערשאַפט באַפרייען, האָט ער זיך, זייענדיק געהעצט נאָך דערצו פון די מסירות און בלבולים פון די שומרונים און פון די איבעריקע אידישע שונאים, מיט וואָס מער שטרענגקייט, מיט וואָס מער דיקטאַטאָרישער באַנעמונג צום אידישן ישוב באַצויגן, ניט נאָר אַלס נקמה און שטראָף פאַר זייער שטאָלצן שטרעבן און טרוימען, ניט נאָר צו באַפרידיקן דאָס להכעיס געפיל זיינס, צו ווייזן זיי מיט וויפיל רשעות ער קען זיי אין זייער לאַנד פּייניקן, נאָר אויך כדי עס זאָל בולט איינגעקריצט ווערן אין זייער באַוואוסטזיין, אַז ארץ ישראל איז ניט מער, ווי נאָר אַ פערסישע פראָווינץ, כדי וואָס מער אָפּצוטויטן אין זיי דעם גלויבן, אַז זיי וועלן נאָך די איינציקע הער־שער איבער פאַלעסטינא זיין.

און דערצו נאָך זיינען צוגעקומען די נגישות און רדיפות, וואָס דער ישוב האָט דירעקט געהאַט אויסצושטיין פון די שומרונים און פון די איבעריקע אידישע שונאים, וואָס האָבן זיך געפונען צווישן די אַנדערע פעלקערשאַפטן, וואָס האָבן ארץ ישראל באַוואוינט. די אידישע שונאים זיינען די אַלע יאָרן פאַראייניקט געבליבן אין זייער בייזוויליקער אידנפיינדלעכער טעטיקייט. זיי זיינען אויף דער וואַך געשטאַנען שטענדיק, וואָס מער צרות דעם אידישן ישוב צו פאַר־שאַפן. זיי האָבן זיך ניט באַנוגנט מיט די צרות, וואָס זיי האָבן אינדירעקט דעם אידישן ישוב פאַרשאַפט דורך די מסירות און בלבולים, מיט וועלכע זיי זיינען אויף אים צו דער פערסישער מאַכט געקומען. ווען און וואו זיי האָבן נאָר געקענט האָבן זיי אויך דירעקטע נגישות די אידן אָנגעטאָן. ווען און וואו זיי האָבן נאָר געקענט האָבן אויך זיי אַליין, ניט נאָר דורך די פאָרשטייער פון דער פערסישער מאַכט, דעם אידישן ישוב געדריקט. און אויב די פאַראייניקטע שונאי ישראל האָבן ניט געקענט אויספירן, דער בית המקדש זאָל אַ ניט פאַרענדיקטער בלייבן, האָבן זיך אָבער זייערע

מסירות אויף די אידן אויף אזוי פיל מיט דערפאָלג געקרוינט, זיי זאָלן דאָס בויען פון די ווענט ארום ירושלים קענען שטערן.

אָט אזוי פארצווייפלט איז געווען די לאַגע פון דעם נייעם ישוב. עס האָט אויסגעזען, ווי דאָס אידישע פאָלק איז אָפּגענאַרט געוואָרן פון אַלע זיינע בעסטע האָפנונגען. עס האָט אויסגעזען גלייך, ווי נאָר דארויף זיינען זיי צו אזוינע ליכטיקע האָפנונגען און טרוי־מען דערהויבן געוואָרן, כדי זיי זאָלן נאָכדעם נאָך שטאַרקער פילן דאָס טיפע פאַלן זייערס, כדי עס זאָל פאַר זיי דאָס בילד פון זייער פאַרצווייפלטער לאַגע נאָך אין מער שאַרפערע פאַרבן ארויסטרעטן.

און נאָך ערגער איז געווען דאָס, וואָס אויך דער גייסטיקער צושטאַנד פון אידישן ישוב האָט אָנגעהויבן בארג אראָפּ צו גיין און איז שוין אויך צוגעקומען צו אזא פונקט, א וואו עס האָט די נעפאַר פון נאַציאָנאַלן אונטערגאַנג אָנגעהויבן צו לויערן.

דער אידישער ישוב אין־ארץ ישראל האָט זיך מיד און פאַר־מאַטערט נעפילט פון די אָפּטע פיינדלעכע ארויסטרעטונגען געגן זיי מצד די פאַרשטייער פון דער פערסישער מאכט און מצד די פאַר־אייניקטע אידישע שונאים. ער האָט זיך מיד און פארמאטערט גע־פילט פון זיין מיט פארדאכט, האס און שנאה ארומגערינגלט שטענדיק. און אויב די אידישע איינוואוינער האָבן ניט געקענט דעם גאנצן האַס און שנאה, וואָס האָט זיי ארומגערינגלט, צו באזייטיקן, האָבן זיי געזוכט כאָטש אויף וויפיל עס איז א מער פריינדלעכע אטמאָספערע פאַר זיך צו שאַפן.

און דעריבער האָבן איצט פילע אידישע עלעמענטן פון נייעם ישוב אָנגעהויבן צו ענדערן די ביז איצט איינגעשטעלטע באציאונגען מצד דעם ישוב צו די פרעמדע פעלקערשאפטן, אויך צו יענע, וואָס זיינען אידישע שונאים געווען. מיט דעם צוועק צו באפרייען זיך פון די נגישות זייערע, האָבן זיי געזוכט פריינדלעכע באציאונגען מיט זיי צו פאַרקניפּן, האָבן זיי געזוכט זייער פריינדשאפט צו געווינען. און צו איבערצייגן זיי, אז זיי מיינען ערנסט מיט זייער פריינדשאפט

צו זיי, זיינען זיי אזוי ווייט געגאנגען, אז זיי האָבן זיך אויך אָנגעהויבן מתחתן צו זיין מיט זיי.

און ניט נאָר מיט אָט יענע עלעמענטן פון די פרעמדע פעלקער־שאפטן, וואָס האָבן ריינערע און געלייטערטערע רעליגיעזע באַגריפן פאַרמאָגט, וואָס האָבן א מער זיטלעך און עטיש לעבן געפירט, האָבן זיי זיך דאַן אָנגעהויבן אויסצומישן, נאָר אויך מיט אזוינע עלעמענטן, וואָס זיינען אין די דאָזיקע אלע הינזיכטן אויף א גוואַלדיק נידעריקער מדרגה געשטאַנען.

און ניט נאָר צווישן די נידעריקע שיכטן פון פאָלק איז דער דאָזיקער אסימילאַציאָנס־פּראָצעס אָנגעגאַנגען, נאָר אויך צווישן די העכערע קלאַסן, און אויך אייניקע מיטגלידער פון דער כהן גדול פאַמיליע האָבן געמישטע הייראַטן פּראַקטיצירט.

נאָר א קליינע צאָל פון די אדל־לייטע האָבן זיך דיין געהאַלטן פון געמישטע חתונות, און באַזאָנדערס זיינען נזהר געווען אין דעם די משוררים־לויים, וועלכע האָבן זייער גאַנצן לעבן אוועקגעגעבן דאַרויף, די העברעאישע שפּראַך און די העברעאישע ליטעראַטור צווישן דעם יונגן דור צו פאַרשפּרייטן.

און מיט א שאַרפן ווייטאָק אין האַרצן האָבן די דאָזיקע שבלים בודדות, די דאָזיקע יחידי־סגולה, וואָס זיינען ניט מיט דעם שטראָם פון דער אסימילאַציע פאַרטראָגן געוואָרן, צוגעזען, ווי די ריינלעכקייט פון דער אידישע ראַסע ווערט אין געפאַר געשטעלט. מיט א ווייטאָק אין האַרצן האָבן זיי צוגעזען, ווי עס ווערט די אָפּגעזונדערטקייט, די אייגנאַרטיקייט פון אידישן לעבן אלץ מער און מער אָפּגעווישט און ווערט מיט דעם ארומיקן לעבן איינס. אין שרעק זיינען זיי גע־שטאַנען פאַר דער מעגלעכקייט, דאָס אידישע פאָלק זאָל זיך מיט די פרעמדע פעלקערשאַפטן, וואָס וואוינען אין און ארום ארץ ישראל אסימילירן. האָבן די אידן דאַרויף פון בבל קיין ארץ ישראל באַדאַרפט קומען, זיי זאָלן דאָרטן אויף דעם באָדן פון זייער אייגן לאַנד אלס נאַציאָן אונטערגיין? איז דאָס ווירקלעך דער איינציקער באַשייד פון דעם גרויסן גאולה־חלום, מיט וועלכן דאָס אידישע פאָלק האָט זיך ביז יעצט געשפּייזט? זיינען דאָס די רעאַליזירונגען פון

זייערע גרויסע האָפנונגען? וועלן זיי גאָר איגנאָרירן דאָרטן אַלס פאָלק אויפהערן צו עקזיסטירן אנשטאָט דעם, וואָס זיי האָבן געהאָפט און געגלויבט א גרוים און מעכטיק פאָלק דאָרטן צו ווערן.

זיי האָבן מיט א שאַרפן וויטאָק אין הארצן צוגעזען, ווי עס ווערט דער חורבן פון פאָלק גרעסער און גרעסער און זיי האָבן גאָר ניט געקענט טאָן צו פאַרקלענערן אים. זיי האָבן זיך צו שוואך געפילט, זיי זאָלן זיך קענען אנטקעגן דעם גרויסן און שטאַרקן שטראָם פון לעבן שטעלן. עס זיינען נויטיק געווען דאַרויף די ריזיקע כחות פון א גייסטיקן העלד, די טעטיקייט פון דער גרויסער פערזענלעכקייט, וועלכע קען לויט די וואונשן און פאַרלאַנגען פון זיין הארצן דאָס לעבן מייסטערן. דער ישוב האָט אָבער ניט דאַן אזא גייסטיקן העלד פאַרמאָגט. עס האָט זיך ניט אין אים דאַן אזא גרויסע פערזענ־לעכקייט געפונען. ערשט מיט דעם אָנקומען פון עזראן פון בבל קיין ארץ ישראל האָט זיך אין אידישן ישוב דאָרטן אָט יענער גייסטיקער העלד באַוויזן. אין עזראַן האָט דער אידישער ישוב דערוואָרבן אָט יענע נויטיקע פאַר אים פערזענלעכקייט, וואָס קען דאָס לעבן מייסטערן, וואָס קען פאַר דער געשיכטע נייע וועגן און שטעגן צייכענען.

ב

דער אידישער ישוב אין בבל אין עזראס צייט

די קערנדלעך, וואָס די אידישע נביאים און זייערע תלמידים האָבן אין אידישן לעבן פאַרפלאנצט, האָבן אין בבל אומגעשטערט געבליט און געוואקסן. — דאָס געפיל פון פאַראַנטוואָרטלעכקייט ביי די אידן אין בבל פאר דער גייסטיקער ירושה, וואָס עס איז זיי פון זייערע גרויסע לערער געבליבן. — דער גראַדער וועג, איבער וועלכן די רעליגיעזע און מאָראלע ענטוויקלונג פון אידישן פאָלק אין בבל איז געגאנגען. — די משפחה טראַדיציעס פון עזראס יחוס. — שוין פון געבוירן איז ער אלס נר ישראל באַשטימט געוואָרן צו זיין.

אויב אין ארץ ישראל, אין לאַנד, וואָס עס איז אין צענטער פון די אלע האָפנונגען פון גאנצן אידישן פאָלק געשטאַנען דאן, זיינען אָפט זיגזאַגן פאָרגעקומען אין דער נייער וועגדונג, וואָס די אידישע געשיכטע האָט אין גלות בבל אָנגענומען, אויב אין דער גייסטיקער אנטוויקלונג פון די אידן דאָרטן איז אָפטמאָל א שטיל־שטאַנד אריינגעטראָטן, און זי איז ניט שטענדיק אויף א נאָרמאַלן און פראָגרעסירענדן וועג געגאנגען, איז דאָס אָבער גאנץ אנדערש געווען אין בבל. דאָרטן האָבן די קערנדלעך פון דער נייער זריעה, וואָס די נביאים און די תלמידים זייערע האָבן אין אידישן לעבן פארפאַלנצט, אומגעשטערט געבליט און געוואקסן ביז זיי האָבן זיך אין א שיינעם און מעכטיקן בוים צעוואַקסן. דוקא דאָרטן האָט זיך אַלץ מער און מער געשטארקט דאָס רעליגיעזע געפיל פון אידישן פאָלק און עס האָט זיך אַלץ מער און מער זיין לעבן אין אייגנארטיקע, אָפּגעזונדערטע פאָרמען אנטוויקלט.

דאָס, וואָס דער אידישער ישוב דאָרטן איז אויף אַזוי פיל פאַר־קלענערט געוואָרן דורך דעם אָפּפאַלום פון די עולים, האָט ניט גע־בראַכט דערצו, אַז עס זאָלן זיינע לעבנס־זאַפטן אויסגעטריקנט ווערן, אַז עס זאָל זיין כח החיים געמינערט ווערן, נאָר פאַרקערט נאָך, אַז עס זאָל אים דורך דעם נאָך מער אינטעסיווע מאָראַלע ענערגיע געגעבן ווערן, אַז עס זאָלן נאָך מער נאָך דורך דעם זיינע לעבנס־זאַפטן פרוכטבאַר און שעפּעריש ווערן.

וואָס וויניקער אין צאָל די איבערגעבליבענע אידן אין בבל האָבן זיך געזען, אַלץ שטאַרקער, אַלץ שאַרפער האָט אין זיי געלעבט דאָס געפיל פון פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער גייסטיקער ירושה, וואָס איז זיי פון זייערע גרויסע לערער געבליבן, אַלץ מער האָבן זיי געפילט, אַז עס דאַרף גרויס זיין זייער אָנשטרייננגונג אויף דער וואַך צו שטעהן שטענדיק, עס זאָל ניט דאָס היילקע פייער, וואָס האָט אָנגעהויבן זייער לעבן צו באַלייכטן, אויסגעלאָשן ווערן, אַז די גאַנצע שווערע משא פון פאַרטצוזעצן די דערהויבונג, וואָס עס איז אין זייער לעבן פאַרגעקומען, מוז איצט פון זיי געטראָגן ווערן, און דעריבער מוז יעדער איינער פון זיי די נאַציאָנאַלע פליכטן זיינע פאַרפילפאַכן.

די אידן אין בבל זיינען שטאַרק באַזאָרגט געווען וועגן דעם, זיי זאָלן דאָרטן ניט אַלס נאַציאָן אונטערגיין, און דעריבער האָבן זיי געזוכט מיט אַלע מעגלעכקייטן זייערע אייגנאַרטיקייטן איינצו־היטן און קולטיווירן און פלעגן די אַלע לעבנס־פאָרמען, דורך וועלכע זיי האָבן געקענט זייער נאַציאָנאַליטעט אָנהאַלטן.

זיי האָבן זיך געהאַלטן אָפּגעזונדערט פון די שכנים זייערע און האָבן ניט פּראַקטיצירט קיין געמישטע הייראַטן. זיי האָבן זיך נאָר צווישן זיך מתחתן געווען, מיט די מיטגלידער פון זייער אייגן פאָלק און די פאַרשריפטן פון דער תורה זיינען די רעגולירנדע נאָר־מען פון זייער לעבן געוואָרן.

זיי האָבן זיך שולדיק געפילט, וואָס זיי האָבן זיך ניט פּייאיק אַרויסגעוויזן זייער גליק מקריב צו זיין אויף דעם מזבח פון זייער ליבע צו זייער פאָטערלאַנד, ווי עס האָבן עס געטאָן די פון זייערע

ברידער, וואָס האָבן בבל פארלאָזט און קיין ארץ ישראל געגאַנגען און האָבן עס געזוכט צו פארגיטיקן דורכדעם, וואָס זיי האָבן זיך געמיט, זיי זאָלן זיך האלטן שטריינג אין די מצוות פון דער תורה.

דאָס, וואָס זיי זיינען ווייט געווען פון זייער מוטער־לאַנד האָט געבראַכט דערצו, זיי זאָלן אין דער אויספירלעכער רעאליזירונג פון די פאָרשריפטן פון דער תורה דעם איינציקן יסוד און גורם זעען פון זייער עקזיסטענץ אלס נאַציאָן, דעם איינציקן בונד, וואָס קען האלטן צוזאַמען די אלע מיטגלידער פון אידישן פאָלק אין גלות.

און דאָס, וואָס זיי האָבן ניט געקענט מקיים זיין אין גלות פילע מצוות פארשיידענע פון דער תורה, ווי די אלע פארשיידענע מצוות התלויות בארץ, די מצוות, וואָס גייען צוזאַמען מיט דעם געפינען זיך פון די אידן אויף זייער אייגענעם באָדן אין ארץ ישראל, ווי תרומות און מעשרות און קרבנות און פילע אנדערע מצוות, האָט געבראַכט דערצו, זיי זאָלן גוואַלדיקע מדקדקים זיין בנוגע צו אָט יענע אלע מצוות, וואָס זיי האָבן אויך אין גלות געקענט מקיים זיין. צוליב דעם, וואָס זיי האָבן ניט געהאַט די מעגלעכקייט קרבנות מקריב צו זיין, איז די תפלה גאָר אויף א גרויסער מדרגה און זייער לעבן געשטעלט געוואָרן, איז ביי זיי די עבודת ה׳ אָן אמתע עבודה שבלב געוואָרן. זי האָט ביי זיי די ריינסטע און געלייטערטסטע פאָרמען אָנגענומען. זיי האָבן געהאַט אלגעמיינע שולן, וואו זיי פלעגן זיך צענויפקומען צו דאַוונען דאָרטן בצבור. די שפּראַך, אויף וועלכער זיי האָבן זיך צוזאַמענגערעדט מיט זייערע שכנים און אויף וועלכער זיי האָבן אויך צווישן זיך גערעדט, איז, אמת, געווען אראַמיש. זיי האָבן אָבער אויך געקענט גוט העברעאיש און צווישן זיך איז אויך זי זייער מוטער־שפּראַך געווען. מיט דעם גרעסטן פליים האָבן זיי דערצויגן דעם יונגן דור על ברכי התורה, וועלכע איז געווען דער אלגעמיינער שטודיום פון אלעמען. און אויב פריער האָבן די גולים אַממערסטן מיט דעם שטודיום פון די ווערק פון די נביאים זיך באַשעפטיקט, ווייל עס איז נאָך ביי זיי פריש די וואונד פון חורבן געווען, האָבן דעריבער

דאַן די רייד פון די נביאים אממערסטן צו זיי אפּעלירט, זוכנדיק און געפינענדיק אין זיי טרייסט און שטאַרקונג פון מוט — האָבן זיי זיך שפּעטער מיט ספּעציעלער אויפמערקזאמקייט צו דער תורה אָנגעהויבן צו באַציען. אויב פריער איז די אגדה געווען דער ווירקנדסטער פאַקטאָר אין לעבן פון די גולים, האָט איצט זיין פּלאַץ די הלכה פאַרנומען.

אזוי ניך, ווי עס איז דער געווינשטער מאָמענט געקומען, עס זאָלן רעאַליזירט ווערן די האָפנונגען און די סענטימענטן, וואָס די נביאים האָבן אין פאָלק קולטיווירט, אז דאָס אידישע לעבן זאָל מיט אייגנאַרטיקן רעליגיעזן און מאָראַלן כאַראַקטער געשטעמפּלט ווערן, האָט די תורה, אלס דאָס בוך פון די אַלטע אידישע רעלי־גיעזע און געזעצגעבנדע נאָרמען, אלס דאָס בוך, וואָס האָט באַדאַרפט דער באַזיס זיין פון דעם גאַנצן אידישן לעבן, אָנגעהויבן דער אַל־געמיינער שטודיום פון די גולים צו ווערן, אָנגעהויבן אין צענטער פון דער ספּעציעלער אויפמערקזאמקייט אין גלות געשטעלט צו ווערן.

דער למוד התורה און דאָס מקיים זיין פון די מצוות פון דער תורה האָט פיל טיפערע וואָרצלען געלאָזט אין גלות, ווי אין ארץ ישראל. דער שבת, למשל, איז פיל מער אָפּגעהיט געוואָרן אין בבל, ווי אין ארץ־ישראל. ער האָט פיל מער אין בבל, ווי אין ארץ ישראל אלס הייליקער טאָג אויסגעזען, און אויך נאָך פילע אנדערע מצוות זיינען פיל אויספירלעכער, פיל שטרענגער אָפּגעהיט געוואָרן אין בבל, ווי אין ארץ ישראל.

די רעליגיעזע און מאָראַלע אנטוויקלונג פון אידישן פאָלק איז, ווירקלעך, אין בבל אויף א גראַדן וועג געגאַנגען. דאָס אידישע פאָלק האָט זיך דאָרטן אַלץ מער און מער אלס באַזונדער נאַציע קריסטאַליזירט, וואָס איז אזוי אָפּגעטיילט פון די שכנים פעלקער זיינע מיט זיינע אייגנאַרטיקע, אָפּגעזונדערטע לעבנס־פאָרמען. און וואָס ווייטער איז אַלץ מער פאַרשוואונדן געוואָרן די מעגלעכקייט, אז עס זאָל א געפאַר פון אונטערגאַנג אויף דעם אידישן ישוב אין

בבל ווען עס איז לויערן, אז די אידישע באפעלקערונג דארטן זאל זיך מיט די ארומיקע איינוואוינער צונויפגיסן.

און אין אט אזא אטמאספערע און אין אט אזא צייט פון דערהויבונג פון אידישן פאלק איז עזרא דערצויגן געווארן און גע־וואקסן.

און צו דעם אלעם זיינען נאך צוגעקומען די משפחה טראדיציעס פון זיין יחוס. ער איז ווי שוין פון געבארן אלס נר ישראל באַ־שטימט געווארן. שוין אלס קינד נאך האט ער אין זיין בלוט און מארך די ליבע צו דער תורה באדארפט פארמאגן. די ליבע צו דער תורה און די גרייטקייט זיך מוסר נפש צו זיין איבער איר האבן געמוזט איבערגיין צו אים אויך בירושה פון זיינע עלטערן, וועלכע זיינען אין א משך פון פילע דורות כהנים גדולים געווען, גאטס תורה פארשפרייט און פאר זייןווארט געקעמפט.

ג

עזרא אין בבל

מעשה אבות סימן לבנים — דער זיידע זיינער חלקיה דער כהן גדול, וועלכער איז אין צענטער געשטאנען פון די ראַדיקאַלע ענדערונגען אין רעליגיעזן לעבן פון אידישן פאָלק אין דער צייט פון דעם מלך יאשיה. — עזרא איז גאָר גיך דער געקרוינטער גייסטיקער פירער פון זיין פאָלק אין בבל געוואָרן. — פילנדיק זיך פריי פון מאַטעריעלע זאָרגן, ווייל ער האָט פון א רייכער פאַמיליע געשטאמט, ווייל ער האָט געירשנט רייכטום פארמאָגט, האָט ער זיין גאַנצע צייט אוועקגעגעבן דערויף — מיט דעם שטודיום און פארשפרייטן פון דער תורה צווישן פאלק זיך צו באַשעפטיקן. — די קלאנגען, וואָס האָבן צו אים דערגרייכט וועגן דעם מצב פון דעם אידישן ישוב אין ארץ ישראל, האָבן פאר אים קלאָר געמאכט, אז ווי נויטיק זיין טעטיקייט זאָל ניט פאר די אידן אין בבל זיין, איז זי נאָך פיל נויטיקער פארן ארץ ישראלדיקן אידישן ישוב. דער בריוו, וואָס דער פערסישער קעניג האָט עזראן מיטגעגעבן, ווען ער — דער לעצטער — האָט זיך אין וועג געלאָזט. — דריי טעג פאר פסח לאָזט זיך עזרא מיט די ביינאָע טויזנט פאַמיליען, וואָס זיינען מיט איהם מיטגעגאנגען, קיין ארץ ישראל. — נאָך א רייזע פון ארום פינף מאָנאַטן איז עזרא מיט די אויסוואנדערער קיין ירושלים געקומען.

„מעשה אבות סימן לבנים". שוין אויף איינעם פון זיינע — עזראס — זיידעס איז דער געבענשטער גורל אויסגעפאלן צו שפילן די ראָלע פון א רעפאָרמאטאָר אין אידישן לעבן און ארייינצוטראָגן אין דעם ראדיקאַלע ענדערונגען. עזרא האָט געשטאמט פון חלקיהו דעם כהן גדול, וועגן וועלכן עס ווערט דערציילט אין תנ"ך, אז אין דער צייט פון יאשיהו המלך א הונדערט און זעכציק יאָר פאר דער צייט, וועגן וועלכער מיר רעדן, האָט ער געפונען דעם ספר דברים אין בית המקדש, און נאָכדעם, וואָס עס איז דעם קעניג באַקאַנט געוואָרן דער אינהאַלט פון ספר האָט ער דורכגעפירט דעם גרויסן אַקט

פון אויסרייניקן גאַנץ יהודה און ירושלים פון געצנדינערייַ און האָט דאָס אידישע פאָלק צו גאָט און צו זיין תורה באַקערט.

„און חלקיהו דער כהן גדול — ווערט וועגן דער דאָזיקער פּאַסירונג אין מלכים ב׳ דערציילט — האָט געזאָגט צו שפן הסופר: א ספר פון דער תורה האָב איך געפונען אין הויז פון גאָט. און חלקיהו האָט געגעבן דעם ספר צו שפן און ער האָט אים געלייענט. און שפן הסופר איז געקומען צום קעניג... און האָט צו אים אזוי געזאָגט: „א ספר האָט מיר געגעבן חלקיהו הכהן״. און שפן האָט אים פאָרגעלייענט פאַר דעם קעניג. און ווען דער קעניג האָט געהערט די רייד פון ספר התורה — האָט ער צעריסן זיינע קליידער. און דער קעניג האָט באַפוילן צו חלקיהו הכהן און אחיקם בן שפן און עכבור בן מיכיה און שפן דער סופר און עשיה דעם קנעכט פון קעניג אזוי צו זאָגן: „גייט פאָרשט גאָט פאַר מיר און פאַר גאַנץ יהודה וועגן די רייד פון דאָזיקן געפונענעם ספר, ווארום גרויס איז דער צאָרן פון גאָט, וואָס האָט זיך אָנגעצונדן אויף אונז דערפאַר, וואָס אונזערע עלטערן האָבן ניט געהאָרכט די רייד פון דעם דאָזיקן ספר צו טאָן ווי אלעס, וואָס עס איז געווען אונז געשריבן... און דער קעניג האָט געשיקט און עס האָבן זיך צו אים צונויפגעקליבן די אלע עלטסטע פון יהודה און ירושלים. און דער קעניג איז ארויפגעקומען אין הויז פון גאָט און די אלע מענטשן פון יהודה און די אלע איינוואוינער פון ירושלים מיט אים, און די כהנים און די נביאים, און דאָס גאַנצע פאָלק פון קליין ביז גרויס און ער האָט געלייענט אין זייערע אויערן די אלע רייד פון ספר הברית, וואָס עס איז געפונען געוואָרן אין הויז פון גאָט. און דער קעניג איז געשטאַנען אויף דער פּלאַטפאָרם און האָט כורת ברית געווען פאַר גאָט נאָכצוגיין נאָך גאָט און צו היטן זיינע געבאָטן און זיינע אָנזאָגונגען און זיינע געזעצן מיט דעם גאַנצן האַרץ און מיט דער גאַנצער נשמה צו מקיים זיין די אלע רייד פון דעם דאָזיקן אָפּמאַך, וועלכע זיינען אויפגעשריבן אויף דעם דאָזיקן ספר. און דאָס גאַנצע פאָלק איז צוגעשטאַנען צו דעם דאָזיקן אָפּמאַך.״*)

*) מלכים ב׳, כ״ב און דברי הימים ב׳, ל״ד.

און, ווי חלקיהו הכהן, אזוי האָט אויך שריה הכהן, וואָס עזרא איז זיין אן אור־אייניקל*) געווען, די תורה פון גאָט צווישן פאָלק פאַרשפּרייט. ער איז דער לעצטער כהן גדול פון בית ראשון געווען, און איז געהרגעט געוואָרן אויף דעם באַפעל פון נבוכדנצר אין רבלה, און זיינע זין האָבן אוועקגעטראָגן מיט זיך די תורה קיין בבל.

אָט אַזוינע טראַדיציעס האָט עזרא אין זיין בלוט פון זיינע עלטערן געירשנט. אָט אַזאַ ליבשאַפט און איבערגעבנקייט צו דער תורה איז פון דור דורות אין זיין משפחה אָנגעגאַנגען. די ספּעציעלע אויפמערקזאַמקייט צו דער תורה, מיט דעם שטודיום פון וועלכער זיי האָבן זיך מיט אזוי פיל חשק און התמדה באַשעפטיקט, דער

---

*) לויט דעם סדר היחוס, וואָס ווערט אונז געגעבען —אין „דברי הימים” א׳, ה׳ — פון אהרן הכהן אָן ביז צום לעצטן כהן גדול שריה און זיין זון יהושע בן יהוצדק, קומט אויס, אז עזרא האָט געשטאַמט פון דעם פּנחס צווייג פון דער אהרן הכהן דינאַסטיע. ער איז דער איין און צוואַנציקסטער דור פון פּנחסן געווען און דער 23טער פון אהרנן.

און אין „עזרא” ז׳ ווערן אָנגעגעבן נאָר 17 דורות פון אהרנן ביז עזראן. עס פעלן דאָרטן פון אונטן ארויף — נאָך דעם 2טן עזריה — די פאָלגנדע זעקס דורות: יוחנן, עזריה, אחימעץ, צדוק, אחיטוב, אמריה.

און פון צדוק הכהן אָן, וואָס איז געווען כהן גדול בימי שלמה, זיינען די אלע ווייטער אויסגערעכנטע פּערזאָנען כהנים גדולים געווען.

און לויט ווי עס קומט אויס לויט דעם ספר „עזרא”, וואָס זאָגט אונז, אז עזרא איז געווען שריהס א זון, איז עזרא הסופר געווען יהושע בן יהוצדקס א פעטער. וואָרום שריה איז דאָך געווען דעם לעצטען כהן גדולס אן אייניקל. יהוצדק איז דאָך שריהס א זון געווען. עס איז אונז אבער שווער צו דערלאָזן, אז עזרא זאָל געווען זיין שריהס א זון. ווארום פון דעם חורבן ביז זיין — עזראס — אויפגיין קיין ארץ ישראל זיינען דאָך פאַראיבער אזוינע קארגע 130 יאָר. מען מוז דעריבער אָננעמען, אז עזרא איז געווען אן אור־אייניקל שריהס. ווארשיינלעך זיינען אויסגעלאָזט אויך דאָ צוויי דורות. מען דארף אָננעמען, אז עזרא איז געווען א זון פון א צווייטען שריה, וואָס איז געווען אן אייניקל פון ערשטן שריה, פון שריה דעם כהן גדול. און דאָס וואָס זיי האָבן זיך ביידע מיט דעם נאָמען שריה גערופן, האָט מעגלעך געמאכט, אז עס זאָל אין סדר היחוס פון עזראן, וואָס דער ספר „עזרא” גיט אונז, גאַנצע צוויי דורות אויסגעלאָזט ווערן.

הייסער באגער זייערער, צו זען די פֿאַרשריפֿטן אירע אין אידישן לעבן רעאַליזירט, זיינען געווען די כאַראַקטעריסטישע אייגנשאַפֿטן זייערע און זיי זיינען דער תמצית פֿון זייער לעבן געווען; און אין עזראן האָבן די דאָזיקע אייגנשאַפֿטן זייער העכסטן אויסדרוק געקראָגן. זיי האָבן זיך פֿון דור צו דור אַנטוויקלט ביז זיי זיינען אין עזראן צו דער העכסטער שלימות פֿון זייער אַנטוויקלונג דערגאַנגען. מער ווי ביי וועמען פֿון זיינע עלטערן איז דער שטודיום פֿון דער תורה זיין שטענדיקע באַשעפֿטיקונג געווען. מער ווי ביי וועמען פֿון זיינע עלטערן איז עס זיין לעבנס־אידעאַל געווען צו זען אין דעם טאָג־טעגלעכן לעבן פֿון אידישן פֿאָלק די תורה זיך אָפּשפּיגלען. מער, ווי ווער פֿון זיי, האָט ער מיט דער גרעסטער אויספֿירלעכקייט און מיט דער שטרייגנגסטער פּינקטלעכקייט די אַלע דינים און מצות פֿון דער תורה מקיים געווען.

און דעריבער האָט זיך אויך זיין טעטיקייט מער ווי די טעטיקייט פֿון וועמען פֿון זיי מיט גרויסן דערפֿאָלג געקרוינט. עזרא איז גאַר גיך דער געקרוינטער גייסטיקער פֿירער פֿון זיין דור געוואָרן, ער איז גאַר גיך אַלס דער גרעסטער אויטאָריטעט אָנערקענט געוואָרן פֿון אידישן ישוב אין בבל. נאָכדעם, ווי ער האָט זיך, ווי געהעריק, פֿאַר זיין הייליקער אַרבעט צוגעגרייט, פֿאַרברייענגענדיק זיין גאַנצע צייט אין שטודירן די תורה, איז ער אין דער עפֿנטלעכקייט אַרויסגעטראָטן, איז ער דער לערער פֿון זיין פֿאָלק געוואָרן. ער האָט איבערגעשריבן די תורה אין פֿילע עקזעמפּליאַרן און אויך אַנדערע, זיינע אַרויסהעלפֿער, האָט ער אונטער זיין השגחה מיט דער דאָזיקער אַרבעט באַשעפֿטיקט, און פֿאַרשפּרייט צווישן פֿאָלק די דאָזיקע איבערגעשריבענע עקזעמפּליאַרן. ער פֿלעגט אויך אַרויסטרעטן אין עפֿנטלעכע פֿלעצער אַליין פֿאַרצולעזן דאָרטן פֿאַר די פֿאַרזאַמלטע אידן די תורה און קאָמענטירן און דערקלערן זי. און מחמת זיין דאָזיקער טעטיקייט איז ער אויך מיט דעם נאָמען עזרא הסופר געקרוינט געוואָרן.

זייענדיג פֿריי פֿון מאַטעריעלע זאָרגן צוליב דעם, וואָס ער האָט פֿון רייכע פֿאַמיליען געשטאַמט און ער האָט געירשנטע רייכקייט פֿאַרמאָגט, האָט ער געקענט זיין גאַנצע צייט דער דאָזיקער הייליקער

ארבעט ווידמענען, האָט ער געקענט זיין גאַנצע צייט אוועקגעבן פאַר זיין לעבנס־מיסיע צו זען דאָס אידישע לעבן באַזירט אויף די פאַרשריפטן פון תורת משה, און וועלכער ער האָט די פאַרקער־פערונג פון דער געטלעכער שלימות געזען און וועלכע ער האָט אויף גאַנץ באַזונדערע העכערע מדרגה פון הייליקייט אוועקגעשטעלט, ווי די ווערק פון די אַנדערע גביאים. משה איז ביי אים די קרוין און דער גרעסטער פון אלע נביאים געווען און אין דעם, וואָס איז פון אים געשריבן געבליבן, האָט ער די גרעסטע געטלעכע השפעה געזען. און אָט דאָס געפיל פון פאַרגעטערונג און גליענדער ליבע, וואָס האָט ביי אים צו תורה משה געלעבט, האָט ער אויך געוואָלט אין הארצן פון אידישן פאָלק איינפלאַנצן, וואָס עס האָט זיך אים אויך איינגעגעבן.

עזרא איז דער שעפער געווען פון דעם קארדינאַלן פרינציפ, אויף וועלכן עס האַלט זיך דאָס גאַנצע אידנטום, אז קיין קדושה, קען זיך ניט מיט דער קדושה פון דער תורה, פון תורת משה, פאַר־גלייכן, אז אידנטום מיינט ניט נאָר אגדה, נאָר אויך הלכה, און אלס דאָקטרין פאַר דעם טאָג־טעגלעכן לעבן, הויפּטזעכלעך — הלכה, וועלכע קומט סיי ווי אָבער — אויך דאָס דאַרף פעסטגעשטעלט ווערן — אין דער באַגלייטונג פון דעם אגדה עלעמענט אין די אלע שאַטירונגען זיינע.

און ניט נאָר אין דער הלכה פון דער תורה, נאָר אויך אין דער הלכה פון תלמוד.

על אפּם ועל חמתם פון די הדיוטות און עמי הארצים, וואָס שרייבן לאַנגע און „טאַלאַנטפולע" סעריעס וועגן ביבל־קריטיק קען מען נאָך אלץ ניט ריידן ביי אונז וועגן דעם גייסט פון די נביאים אין נעגנזאַץ צום גייסט פון תלמוד. דער תלמוד איז די וויטער־דיקע פאָלקאָמערע אנטוויקלונג פון תנ"ך. עס שוועבט אויף אים ניט ווייניקער דער גייסט פון די נביאים, ווי דער גייסט פון דער תורה. מיר האָבן ניט קיין אידנטום, וואָס באַשטייט פון באַזונדערע שטיי־ענדע עלעמענטן, פון טיילן, וואָס זיינען אין געגנזאַץ איינער צום צווייטן, נאָר מיר האָבן איין פאַראייניקט אידנטום, וואָס די טיילן

זיינען אין דעם גאנצן און דאָס גאַנצע אין די טיילן. פון דער גאַנצער באַגייסטערונג און קדוש שפּרינגען פון יענע אידן פאַר די נביאים הערט זיך עבודה זרה. עס איז א צוגיין צום אידנטום פון גויים. עס הערט זיך פון דעם מיט קריסטנטום. מען קען אין דעם זען אן אָפּשפּיגלונג פון מיסיאָנערישע שטיק. צווישן די שורות פון די לויב־געזאַנגען צו די נביאים פילט זיך ווי א בייזוויליקע כונה באהאלטן — א נעגאַטיווע באַציאונג צום תלמוד אונטער־צושטרייכן, א באַהאַלטענע כונה די ווערק פון די נביאים אלס די איינציקע ווערטפאלע ווערטן אונזערע ארויסצושטעלן.

דאָס אלעס איז אָבער נאָר פאַרבייגייענדיק. לאָמיר זיך, אלזא, אומקערן צו דער טעמע פון אונזער באהאנדלונג.

פון נאָך מער אנטשיידענדן כאַראַקטער איז געווען דער טייל פון עזראס טעטיקייט, וואָס ער האָט אָנגעפירט אין ארץ ישראל. אויב אין בבל האָט ער די ראָלע פון א גרויסן לערער און וועגווייזער געשפּילט, האט ער אין ארץ ישראל די ראָלע פון א גרויסן רעפאָר־מאַטאָר, פון א „עומד בפרץ” געשפּילט, פון אזוינעם, וואָס צייכנט אייגענע וועגן דער געשיכטע און, אויב מיר קענען זיך פאָרשטעלן אין אונזער געדאַנק די עקזיסטענץ פון אידנטום אין בבל אויך אָן זיין ווירקונג און טעטיקייט, איז אונז אָבער שווער זיך פאָרצושטעלן די עקזיסטענץ פון אידנטום אין ארץ ישראל, ווען ער — עזרא — זאָל דאָרטן ניט געווען זיין טעטיקייט אָנפירן. ווער ווייס צי עס וואָלט דער אידישער ישוב אין ארץ ישראל גאָר אין גאנצן ניט געווען אונטערגעגאַנגען, ווען ניט די ווירקונג פון זיין טעטיקייט. עס איז זייער מעגלעך, אז, ווען ניט עזרא וואָלט דער אידישער ישוב אין ארץ ישראל ניט געווען געקענט בלייבן עקזיסטירן. אלנפאלס איז אָבער דאָס זיכער, אז ווען ניט ער, וואָלט דער אידישער ישוב ניט געווען אנטוויקלט זיך אין די פאָרמען פון אנטוויקלונג וואָס ער האָט דורך זיין אָנקומען קיין ארץ ישראל אָנגענומען. און מיר וואָלטן אויך געזען פאַר זיך א גאַנץ אנדערש אידיש פאָלק, ווי דאָס אידישע פאָלק, וואָס מיר זעען יעצט פאַר זיך.

די אלע יאָרן, וואָס עזרא האָט זיך געפונען אין בבל, איז זיין הייסער וואונש געווען, ער זאָל איבערפאָרן קיין ארץ ישראל. אויס־לעבן זיינע עלטערע יאָרן אויף דעם באָדן פון הייליקן לאַנד. עזרא, וואָס האָט אזוי פאַרהייליקט און פאַרגעטערט די תורה און האָט מיט אזוי פיל באַנגער און ליבע געזוכט די אלע מעגלעכקייטן, דורך וועלכע ער זאָל קענען אויף דעם אויספירלעכסטן וועג די אלע מצות פון דער תורה מקיים זיין, האָט געמוזט פיל קרענקונג האָבן דערפון, וואָס דורך זיין געפינען זיך אין בבל איז פון אים אוועקגענומען געוואָרן די מעגלעכקייט פילע פון די פאָרשריפטן פון דער תורה, די אלע מצות התלויות בארץ, מקיים צו זיין. עס האָט דעריבער אויך צוליב דעם נאָך א גליענדער וואונש אָנגעפילט זיין הארץ, ער זאָל וואָס פריער אין ארץ ישראל זיך קענען באַזעצן, כדי עס זאָל קיין פגימה אין זיין עבודת השם זיך ניט געפינען, כדי ער זאָל קיין איין מצוה אפילו פון די אלע מצות, וואָס געפינען זיך אין דער תורה, ניט פאַרפעלן מקיים צו זיין. זיין ארבעט אבער אין גלות אלס גייס־טיקער פאָרשטייער פון די גולים, זיין טעטיקייט אלס לערער און וועגווייזער פון אידישן פאָלק, וואָס האָט זיך אין בבל געפונען, האָבן אים אלץ לייגער אין בבל פאַרהאַלטן און האָבן אים ניט גע־געבן די מעגלעכקייט זיך ארויסצורייסן פון דאָרטן, און זיין רייזע קיין ארץ ישראל האָט געמוזט פון איין מאָל אויף דעם צווייטן מאָל אָפּגעלייגט ווערן.*)

---

*) די חז״ל זאָגן אין מגילה ט״ז, ב׳, אז עזרא האָט פון ברוכס מויל תורה געלערנט. ער איז זיינער א תלמיד געווען. און דאָס איז די אורזאכע, וואָס עזרא האָט זיך די גאנצע צייט אויפגעהאַלטן אין בבל, די אורזאכע, וואָס ער איז ניט אויפגעגאנגען קיין ארץ ישראל אין די טעג פון דער עליה הראשונה, צוזאמען מיט זרובלן. ווארום ברוך בן נריה איז לויט דער באהויפטונג ערשט ארום דער צייט, ווען די צווייטע עליה איז פאָרגעקומען, געשטאָרבן.

גדול תלמוד תורה — זאָגן זיי דאָרטן — יותר מבנין בית המקדש. שכל זמן שברוך בן נריה קיים לא הניחו עזרא ועלה. תורה לערנען איז וויכטיגער אפילו ווי דעם בית המקדש בויען. ווארום כל זמן ברוך האָט געלעבט, האָט איהם עזרא ניט איבערגעלאָזט און קיין ארץ ישראל אויפגעגאנגען. עזרא האָט לויט דער

עס איז אָבער ענדלעך געקומען דער מאָמענט, ווען ער האָט דערפילט, אַז ער טאָר ניט מער דאָס רעאַליזירן פון זיין הייסן וואונש אָפּלייגן. דאָס איז געווען דאַן, ווען עס האָבן זיך צו אים דערטראָגן די קלאַנגן וועגן דעם תהו ובהו, וואָס האָט געהערשט אין גייסטיקן לעבן פון די אידן אין ארץ ישראל. עזרא האָט דאַן דערפילט, אַז ווי נויטיק עס באַדאַרף אים ניט האָבן דער אידישער ישוב אין בבל, דאַרף אים נאָך נויטיקער האָבן דער אידישער ישוב אין ארץ ישראל. צו די מאָטיוון, וואָס האָבן אים פון פריער נאָך געצויגן קיין ארץ ישראל, איז איצט אַזוי אַרום נאָך א וויכטיקער און איבערוועגנדער מאָטיוו צוגעקומען, דער באַגער זיינער דעם לעבן פון די אידן אין ארץ ישראל ליטערונג און דערהויבונג ברייננגען און אין גאָטס וועגן די ברידער זיינע אין יהודה פירן, און ער האָט באַשלאָסן זיך באַלד אין וועג לאָזן.

און כדי זיין טעטיקייט, צו וועלכער ער האָט זיך געגרייט אין ארץ ישראל, זאָל מיט זיכערן דערפאָלג געבענטשט זיין, האָט ער געוואָלט, עס זאָלן מיט אים צוזאַמען גרויסע מחנות פון די גולים מיטגיין, כדי עס זאָל אין אידישן ישוב פון ארץ ישראל א נייער שטראָם פון בעסערן מענטשלעכן מאַטעריאַל אריינפליסן, וואָס זאָל זיין גוטן איינפלוס אויסאיבן אויך אויף די אין לאַנד געבאָרענע אידישע איינוואוינער. ער האָט געוואוסט, וואָס פאַר א שווערע אַרבעט עס שטייט אים פאָר, ווען ער וועט קומען קיין ארץ ישראל. ער האָט געוואָלט דעריבער, אַז עס זאָלן מיט אים וואָס מער אַרויס־העלפער און מיטאַרבעטער קיין ארץ ישראל קומען. און דעריבער האָט ער זיך געווענדט צום קעניג אַרטאַקסערקסעס דעם ערשטן און

דאָזיקער באַהויפּטונג ניט געוואָלט פאַרלירען די מעגלעכקייט, וואָס ער האָט געהאַט, פון ברוכס מויל תורה צו לערנען, דעריבער האָט ער די גאַנצע צייט, וואָס ברוך האָט געלעבט, בבל ניט פאַרלאָזט.

דערויף אָבער מען זאָל קענען אָננעמען די דאָזיקע דערקלערונג פאַר עזראס ניט קומען פריער קיין ארץ ישראל וואָלט מען באַדאַרפט געבן עזראן אַן אריכות ימים פון אַזוינע 150 יאָר. און אויך לויט זייערע — די חז״לס — חשבונות מוז מען אים אַן אריכות ימים פון ניט ווייניקער ווי אַזוינע 100 יאָר געבן.

געבעטן ביי אים די דערלויבניש צו אָרגאַניזירן אַ גרופּע עולים קיין ארץ ישראל.

דער קעניג אַרטאַקסערקסעס, וועלכער האָט פאָרטגעזעצט די גוטע טראַדיציעס פון די מערסטע פון די פריערדיקע בבל־פּערסישע מלכים אין באַצוג צו זייערע באַציאונגען צום אידישן פאָלק, וועלכער האָט ווי יענע אַ ריינעם און געליטערטן באַגריף וועגן גאָט פאַרמאָגט, האָט ניט נאָר נאָכגעגעבן דעם פאַרלאַנג פון עזראַן, וועלכער איז גרויס און אָנגעזען געווען ניט נאָר ביי אידן, נאָר אויך ביי דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג, און פלעגט נאָענט צום קעניגלעכן הויף שטיין, נאָר האָט אים אויך מיטגעגעבן מתנות רייכע פון דער קעניג־לעכער קאַסע פאַר דעם בית המקדש, אויסדריקנדיק דערביי דעם וואונטש, אַז זיין טאַט זאָל אַלסביישפּיל דינען פאַר די אַלע אדל־לייט פון זיין מדינה. ער האָט אויף אַן אויספירלעכן וועג באַשטעטיקט די צושטימונג זיינע אין אַ פריינדלעכן צושריפט, וואָס ער האָט געשיקט צו עזראַן.

דער דאָזיקער צושריפט האָט זיך געלייענט ווי פאָלגט:

„ארתחשסתא*) דער מלך המלכים צו עזרא הכהן, דער פאָרשער פון געזעץ פון גאָט, וואָס אין הימל, דעם פאָלקאָמען, און אַזוי ווייטער".

---

*) לויט די חז"ל איז אָט דער ארתחשסתא אויך דער דריוש, וואָס האָט געגעבן די דערלויבעניש צו בויען דעם בית המקדש. פון זינט דאָס בויען פון בית המקדש איז פאַרענדיקט געוואָרן ביז דער עליה פון עזראַן איז אַזוי אַרום, לויט זיי נאָך, ניט מער ווי נאָר איין יאָר פאַרבייגעגאַנגען. און זע רש"י, עזרא, ו'. און אין מסכת ר"ה, ג', ב'. לויט זיי נאָך איז אויך די עליה פון נחמיהן פאָרגעקומען אין דער צייט פון דעם דאָזיקן דריוש. לויט זיי נאָך זיינען די מלכי פרס פאַר דער צייט פון דער ערשטער עליה אָן ביז צו דער עליה פון נחמיהן און אייניקע יאָרן שפּעטער נאָך די פאָלגנדע פּערזאָנען געווען: כורש, אחשורוש זיין זון, וואָס האָט גענומען אסתרן פאַר אַ ווייב, און דריוש. דער פּעריאָד יאָרן, וואָס ציט זיך פון חורבן הבית ביז דער עליה פון נחמיהן באַשטייט פון ניט מער, לויט זיי נאָך, ווי נאָר אַזוינע קאַרגע ניינציק יאָר. אין אמתן אָבער ציט זיך די דאָזיקע צייט איבער אַ פּעריאָד פון אַרום 140 יאָר, און די פאָלגנדע פּערזאָנען פאַר דער דאָזיקער צייט, פון דער ערשטער עליה ביז דער עליה פון נחמיהן, זיינען די הערשער איבער דער פּערסישער אימפּעריע געווען: כורש, קאַמביזעס, אַרטאַקסעקסעס.

„פון מיר איז די פאראָרדנונג געגעבן געוואָרן, אז יעדער איינער, וואָס וועט באַוויליקן פון מיין קעניגרייך פון פאָלק ישראל און זיינע כהנים און לויים צו גיין קיין ירושלים מיט דיר — זאָל ער גיין.

„און צוליב דעם, וואָס דו ביזט פון קעניג און זיינע זיבן יועצים געשיקט צו באַזוכן יהודה און ירושלים לויט דעם דת פון דיין גאָט, וואָס איז ביי דיר אין האַנט, און מיטפירן דאָס זילבער און דאָס גאָלד, וואָס דער קעניג און זיינע יועצים האָבן באַוויליקט צום גאָט פון ישראל, וואָס זיין וואוינונג איז אין ירושלים, און דאָס גאַנצע זילבער און גאָלד, וואָס די גאַנצע מדינה פון בבל וועט מנדב זיין, מיט דעם, וואָס דיין פאָלק און די כהנים וועלן מנדב זיין צום הויז פון זייער גאָט אין ירושלים — צוליב דעם איז דיר רשות געגעבן, דו זאָלסט מעגן קויפן פאַר דעם געלט אָקסן, באַראַנען, שאָף און זייערע מנחות און זייערע גיסעגונגען און דו זאָלסט זיי מקריב זיין אויף דעם מזבח, וואָס אין הויז פון אייער גאָט אין ירושלים. און דאָס, וואָס עס וועט פאַר דיר און פאַר דיינע ברידער גוט זיין מיט דעם איבעריקן זילבער און גאָלד צו טאָן — זאָלט איר טאָן, ווי עס זעט דער ווילן פון גאָט זיין דאַרויף.

„און די כלים, וואָס ווערן דיר געגעבן צו באַנוצן זיך מיט זיי אין הויז פון דיין גאָט — זאָלסטו ברייגגען פאַר גאָט אין ירושלים, און דאָס איבעריקע, וואָס וועט נאָך נויטיק זיין אין הויז פון דיין גאָט, זאָל דיר געגעבן ווערן פון די אוצרות פון קעניג. און פון מיר ארתחשסתא דער קעניג איז געגעבן א פאַראָרדנונג צו די אַלע פאַר־וואַלטער פון מיינע אוצרות, וואָס פון יענער זייט טייך, אז אַלעס, וואָס עס וועט פון אייך בעטן עזרא הכהן, דער פאָרשער פון דת פון גאָט אין הימל זאָל אויספירלעך געטאָן ווערן — ביז הונדערט טאַלענטן זילבער און הונדערט מאָס ווייץ און הונדערט מאָס וויין און הונדערט מאָס בוימל און זאַלץ ניט באַשריינקט. אַלעס, וואָס עס איז פאַרלאַנגט פון גאָט אין הימל זאָל אויספירלעך געמאַכט ווערן פאַר דעם הויז פון גאָט אין הימל. וואָרום פאַר וואָס זאָל זיין א צאָרן אויף דער קעניגרייך פון קעניג און זיינע זין.

„און צו אייך מאַכן מיר עס באַוואוסט, אז די אַלע כהנים און

לויים, זינגערס און טויער־היטער, די נתינים און די באדינער פון דעם הויז פון גאָט — זאָל קיינער ניט האָבן די מאַכט ארויפצור־ווארפן אויף זיי קיינע צינזען, שטייערן און אָפּצאָלונגען".

„און דו עזרא לויט דער חכמה פון דיין גאָט וואָס אין דיין האַנט — באַשטים שופטים און דיינים, וואָס זיי זאָלן משפטן דאָס גאַנצע פאָלק, וואָס פון יענער זייט טייך. צו די אלע, וואָס וויסן די געזעצע פון דיין גאָט, און די, וואָס וויסן ניט — זאָלט איר זיי לאָזן לערנען.

„און יעדער איינער, וואָס וועט ניט טאָן דאָס געזעץ פון דיין גאָט און דאָס געזעץ פון קעניג זאָל גיך גערעכטיקייט געטאָן ווערן צו איהם — צו טויטן אים אדער ארויסווארצלען אים פון לאַנד אָדער צו באַשטראָפן אים מיט געלט און ארעסטירן".*)

דער קעניג האָט אויך געוואָלט מיטשיקן מיט עזראן „חיל און רייטער צו העלפן די ארויסוואנדערער פון דעם פיינד אויף דעם וועג". עזרא האָט זיך אָבער אָפּגעזאָגט דערפון, ווייל ער האָט עס באַ־טראַכט פאַר מער ווירדיק, זיי זאָלן זיך ניט מיט קיין זייטיקער הילף באַנוצן. „מיר האָבן געזאָגט דעם קעניג — שרייבט עזרא — אז די האַנט פון גאָט איז אויף די אלע, וואָס זוכן אים, צום גוטן און זיין שטאַרקייט און זיין צאָרן — אויף די אלע, וואָס פארלאָזן אים.**)

דער גרויסער כבוד, וואָס דער קעניג האָט אין דעם דאָזיקן צו־שריפט זיינעם ארויסגעוויזן צו עזראן, דער פיינער טאָן, אין וועלכן עס איז אין אים געשריבן אלעס — האָט פיל פרייד עזראן פארשאַפט, און ער האָט פיל דאַנק און לויב צו גאָט געגעבן פאַר דעם חסד, וואָס ער האָט מיט אים געטאָן.

און געלויבט זאָל זיין גאָט — מיט די דאָזיקע ווערטער פאַר־ענדיקט עזרא דאָס איבערשרייבן פון צושריפט פון קעניג צו אים — דער גאָט פון אונזערע עלטערן, וואָס האָט אריינגעגעבן אזא (גע־

*) עזרא, ז'.

*) עזרא, ח', כ"ב.

דאנק) אין הארצן פון קעניג צו באשיינען דאס הויז פון גאט, וואס אין ירושלים, און צו מיר האט ער גענייגט גנאד פאר דעם קעניג און זיינע יועצים און פאר די אלע מעכטיקע הארן פון קעניג.*)

נאכדעם, ווי עזרא האט דארויף די דערלויבניש פון קעניג גע־האט, „האט ער זיך געשטארקט, ווי די האנט פון זיין גאט איז געווען אויף אים און ער האט צענויפגענומען פון די אידן וויכטיקע מענטשן, זיי זאלן אויפגיין מיט אים". ער האט זיך גענומען באלד פאר דער ארבעט די אויסוואנדערונג צו ארגאניזירן. ער האט ארויסגעלאזט אן אויפרוף צו די אלע בני הגולה — אויפפאדערנדיק אין אים די אלע פארנעמסטע פערזענלעכקייטן, וואס צווישן זיי, זיי זאלן גיין צוזאמען מיט אים קיין ארץ ישראל. אויף דער אויפפאדערונג זיינער האבן זיך אפגערופן א טויזנט מאן,*) צוזאמען מיט זייערע פרויען און קינדער, פון די פארנעמסטע אידישע פאמיליען אין גלות. צווישן די אויסוואנדערער האט זיך אויך געפונען אן אור־אייניקל פון זרובבל.

די דאזיקע צאל שיינט אפילו צו זיין זייער א קליינע. ווען מען האט אבער אין זינען, אז דער צוועק פון דער צווייטער עליה האט ניט באדארפט זיין און איז אויך ניט געווען קיין קאלאניזאטארישער, דאס לאנד אויפצולעבן און די חורבות דארטן אויפצובויען, ווי עס איז דער צוועק פון דער ערשטער עליה געווען, נאר א קולטורעלער און דערציערישער, דאס גייסטיקע לעבן פון אידישן ישוב אין ארץ ישראל אויף א העכערער מדרגה צו שטעלן; ווען מען האט ווידער אין זינען, אז צו דעם צוועק, האט מען באדארפט זיין זייער איבער־קלייבעריש בנוגע די עלעמענטן, וואס זאלן פאר דער אויסוואנדערונג

---

*) עזרא, ז׳, ח׳.

**) אין עזרא ח׳ ווערן אנגעגעבן די נעמען פון די ראשים פון די משפחות, וואס האבן צוזאמענגעשטעלט די עולים פון בבל. און דער סך הכל פון די אויסגערעכנטע צאלן פון די דערוואקסענע זכרים, וואס האבן זיך אין די דאזיקע אויסוואנדערנדע משפחות געפונען, באטרעפט ארום 1500.

דערוואָרבן ווערן, אז די הויזיקע עלעמענטן האָבן באַדאַרפט זיין מענטשן מיט א „שאר רוח" און האָבן באַדאַרפט דערוואָרבן ווערן פון צווישן די פערזענלעכקייטן וואָס זיינען די לערער און וועג־ווייזער פון די גולים געווען; ווען מען פאַרגעסט נאָך ניט אויך דאָס, אז אין דער צייט פון דער צווייטער עליה זיינען די אידן אין בבל פיל מער איינגעוואָרצלט געווען דאָרטן, ווי אין דער צייט פון דער ערשטער עליה און זיי האָבן אויך מער אָדער ווייניקער געוואוסט וועגן די אומגינסטיקע לעבנס־באַדינגונגען, וואָס האָבן צו יענער צייט געהערשט אין ארץ ישראל — ווען מען האָט דאָס אַלעס אין זינען, מוז אויך די הויזיקע צאָל אלס א גאַנץ באַדייטנדע באַטראַכט ווערן.

אזוי צי אזוי פון פילע ערטער אין לאַנד האָבן זיך די אויס־וואַנדערער צענויפגעקליבן, ווי מיר האָבן שוין געזאָגט, אין צאָל פון א טויזנט מאַן, אויסער די פרויען און די קליינע קינדער, צו עזראַן. עזרא האָט פאַרזאַמלט אַלע צום טייך אהוא*) און האָט זיך דאָרטן אָפּגעשטעלט אויף דריי טעג. ער האָט מיט זיי דאָרטן אין תפלות און פאַסטן פאַבראַכט צו בעטן פון גאָט, „ער זאָל זיי אין א גראַדן וועג פירן, זיי און זייערע קינדער און זייער פאַר־מעגן".

נאָכדעם ווי די דריי טעג האָבן זיך געענדיקט*), האָבן זיי זיך געלאָזט אין וועג אריין צו גיין קיין ירושלים, מיטפירנדיק מיט זיך די אַלע רייכטימער, וואָס זיי האָבן אליין מיט זיך גענומען, ווי אויך די אַלע רייכטימער, וואָס עס האָבן זיי פילע פון זייערע ברידער, וואָס זיינען אין גלות געבליבן, מיטגעגעבן, ווי אויך פילע פון דער ניט־אידישער באַפעלקערונג פון בבל. די רייזע זייערע איז פאַר־איבער רואיק און נאָך א צייט פון ארום פינף מאָנאַטן זיינען די אויסוואַנדערער געקומען בשלום קיין ירושלים.

---

*) ריכטיקער: ביים טייך, וואָס גערופנט זיך נעבן אהוא.

*) אינטערעסאַנט איז, וואָס לויט ווי עס ווערט דערציילט אין עזרא האָבן זיי זיך דריי טעג פאַר פסח אין וועג געלאָזט.

ד

עזרא אין ירושלים

די פרייד, וואָס האָט ארומגענומען דעם אידישן ישוב אין ארץ ישראל, ווען עזרא איז געקומען אהין. — מער פון אלעמען האָבן זיך געפרייט מיט זיין אָנקומען די, וואָס האָבן מיט א שאַרפן ווייטאָג אין הארצן צוגעזען, ווי די געפאַר פון אונטערגאנג הויבט אָן אויף דעם אידישן ישוב אין יהודה צו שוועבן. — אויף דעם פערטן טאָג פון זיין אָנקומען קיין ירושלים זיינען פילע פון זיי צוגעקומען צו עזראן, נאָכדעם ווי ער האָט פארענדיקט מקריב צו זיין קרבנות אויפן מזבח און געקלאָגט זיך פאר אים אויף די געמישטע הייראטן, וואָס דער ישוב פראקטיצירט. — עזראס ודוי נאָכדעם, וואָס ער האָט דידאָזיקע אָנקלאגע געהערט. — עזרא וויינט דאן דעם גאַנצן צער פון דער נשמה זיינער אויס פאר גאָט. — א קאָלעקטיווער היפנאָז הויבט זיך אָן דאן איבער די אלע פארזאמלטע צו וועבן. — דער גרויסער קרבן אויף וועלכן די פארזאמלטע האָבן זיך באשלאָסן אונטער דער ווירקונג פון דעם דאָזיקן היפנאָז. — דער בית דין, וואָס עזרא האָט באַשטימט, אויף צו רייניקן די אידישע ראַסע.

עזראס קומען קיין ירושלים — ערשטן טאָג פון אב אין יאָר 458 פאר דער נייער צייטרעכנונג — האָט א גרויסן רושם געמאכט אויף דעם אידישן ישוב אין ארץ ישראל, און ער — עזרא — איז פון אים — פון ישוב — מיט גוואַלדיק גרויסן כבוד אויפגענומען געוואָרן. זיין רוהם אלס פאָלקס־לערער און פאָרשער פון דער תורה האָט נאָך פריער קיין יהודה דערגרייכט, און דעריבער האָט זיין אָנקומען פיל פרייד דעם גאַנצן אידישן ישוב פארשאפט.

און נאָך גרעסער איז די פרייד פון די אידישע איינוואוינער פון ארץ ישראל געוואָרן, ווען זיי האָבן געזען די רייכע מתנות, וואָס ער האָט מיט זיך פאר דעם בית המקדש געבראכט און ווען זיי האָבן זיך דערוואוסט, אז ער האָט אויך מיט זיך דעם גוטן ווילן און גנאָד פון קעניג פאר דעם אידישן ישוב געבראכט, ווען זיי האָבן זיך דערוואוסט, אז ער איז מיט דער דערלויבניש און דער־

פוטיקונג פון פערסישן קעניג אהער געקומען. זיי האָבן זיך שטאַלץ געפילט אויף די וואַרימע און כבוד־צוטיילענדע רעקאָמענדאַציע בריוו, וואָס עזרא האָט געבראַכט מיט זיך פון קעניג צו די פאַר־טרעטער זיינע אין לאַנד, געפינענדיק טרייסט אין דעם פון די אָפטע דערנידערונגען, וואָס זיי האָבן ביז יעצט פון די דאָזיקע פאַרטרעטער געהאַט אויסצושטיין.

מער אָבער פון אַלעמען האָבן זיך דאַן אויפגעריכט געפילט די בעסערע עלעמענטן פון ישוב, די, וואָס האָבן מיט אַ שאַרפן ווייטאָק אין הארצן צוגעזען, ווי עס הויבט אָן די געפאַר פון נאַציאָנאַלן אונטערגאַנג אויף דעם אידישן ישוב צו שוועבן. זיי האָבן זיך מער ווי אַלע אַנדערע מיט זיין אָנקומען אין לאַנד געפרייט. אויף אים האָבן זיי זייער האָפנונג געלייגט, אַז ער וועט דעם בייזן שטראָם אין אידישן לעבן דעם וועג פאַרשטעלן, אַז ער וועט דאָס אידישע לעבן אין יהודה צוריק צו זיין הויכער מדרגה דערהויבן.

און ווען עזרא האָט אויף דעם פערטן טאָג פון זיין אָנקומען קיין ירושלים פאַרענדיקט צו מקריב זיין די קרבנות אויף דעם מזבח, זיינען פילע פון זיי צוגעקומען צו עזראן און געקלאָגט זיך פאַר אים אויף די געמישטע הייראַטן, וואָס דער ישוב פראַקטיצירט. זייער הארץ האָט צופיל געוויטאָקט אויף דער מאָראַלער ירידה פון זייער פאָלק, זיי זאָלן געוועזן קענען אָפלייגן אויף שפּעטער די קלאָגן זייערע אויף דעם ישוב פאַר אים פאַרצוברייננגען. זיי האָבן געמוזט וואָס גיכער פאַר דעם גרויסן לערער זייערן זייער פאַרביטערט הארץ אויסריידן.

„עס*) זיינען צו מיר — דערציילט עזרא — די שרים געקומען און געזאָגט צו מיר: דאָס פאָלק ישראל און די כהנים און די לויים האָבן זיך ניט אָפגעזונדערט פון די פעלקער פון די לענדער, וואָס זיינען אין זייערע אומווירדיקייטן: פון כנעני, פון חתי, פון פריזי, יבוסי, עמון, מואב, מצרים און אמורי. ווארום זיי האָבן גענומען פון זייערע טעכטער פאַר זיי אליין און פאַר זייערע זין און דער זרע קודש האָט זיך אויסגעמישט מיט די פעלקער פון לאַנד און די

---

*) עזרא, ט׳, ב׳.

האנט פון די שרים און סגנים איז געווען אין דער דאָזיקער פעלשונג צום ערשטן".

די דאָזיקע אָנקלאַגע האָט עזראן זייער נידערגעשלאָגן. ווי שלעכט ער האָט זיך ניט געקענט פאָרשטעלן דעם גייסטיקן מצב פון דעם אידישן ישוב אין ארץ ישראל, ווען ער — עזרא — איז נאָך אין בבל געווען, האָט ער זיך אָבער דאָך ניט געקענט פאָרשטעלן, אז ער זאָל אזוי שלעכט זיין, אז עס האַלט דערביי, אז די אידישע מאָראַל, די אידישע אייגנאַרטיקייטן און ענדלעך אויך די אידישע נאַציאָנאַליטעט זאָל דאָרטן מיט דער צייט אין גאַנצן פאַרשוואונדן ווערן דורך דעם דאָזיקן פּראָצעס פון דעם ערגסטן סאָרט אסימילאציע — געמישטע הייראַטן.

בעת איך האָב דאָס אַלעס*) — דערציילט עזרא אליין — געהערט, האָב איך אויף זיך מיין מאַנטל און מייינע קליידער צעריסן און איך האָב די האָר פון מיין קאָפּ און מיין באָרד געריסן און בין טרויעריק געזעסן שטוינענד.

און ער איז אָט אזוי א גאַנצן טאָג אין טיפן טרויער געזעסן און אַרום אים די „יראי ה'". ער האָט צו זיך ניט געקענט קומען פון די טרויעריקע נייס, וואָס מען האָט אים דערציילט. ער האָט דעם גאַנצן טאָג אין פאַסטן פאַרבראַכט און איז פון תענית אויפגעשטאַנען, ווען עס איז די צייט געקומען די מנחת הערב מקריב צו זיין.

„און ביי דער מנחת הערב — דערציילט עזרא ווייטער — בין איך אויפגעשטאַנען פון מיין תענית און איך האָב געריסן מיינע קליידער און מיין מאַנטל און איך האָב געקניט אויף מיינע קניען און אויסגעשפּרייט מיינע הענט צו גאָט מיין גאָט און איך האָב געזאָגט": „מיין גאָט, איך שעם זיך צו אויפהויבן, מיין גאָט, מיין פּנים צו דיר, וואָרום אונזערע זינד שטייגן אריבער אונזערע קעפּ, און אונזער שולד איז גרויס ביז צום הימל. פון די טעג פון אונזערע עלטערן זיינען מיר אין גרויסע זינד ביז צו היינטיקן טאָג, און צוליב אונזערע זינד זיינען מיר געגעבן געוואָרן, מיר, אונזערע קעניגע און אונזערע כהנים אין דער האַנט פון די קעניגע פון די

---

*) דאָרטן, ווייטער.

לענדער, צו דער געפענגעניש, רויב און שאַנדע, ווי מיר געפינען זיך צו היינטיקן טאָג. און אצינד אויף אַ קליינער ווײַלע איז אַ לייט־זעליקייט געווען פון גאָט אונזער גאָט צו איבערלאָזן אונז אַן איבער־בלייבונג און צו פאַרפעסטיקן אונז אויף דעם הייליקן אָרט זיינעם, צו דערלייכטן אונזערע אויגן און צוגעבן אונז אַ קליינע דערנערונג פון אונזער ארבעט. ווארום כאָטש מיר זיינען קנעכט, האָט אָבער גאָט אונז ניט פאַרלאָזט אין אונזער קנעכטשאַפט און ער האָט גע־נויקט צו אונז גנאָד פאַר די מלכים פון פּרס צו געבן אונז אויפ־לעבונג, צו דערהויבן דאָס הויז פון אונזער גאָט און צוריקצושטעלן זיינע חורבות און צו געבן אונז שוץ אין יהודה און ירושלים.

„און איצט וואָס זאָלן מיר זאָגן אונזער גאָט נאָך אַלעם דעם, וואָס מיר האָבן פאַרלאָזט דיינע מצות, וואָס דו האָסט אָנגעזאָגט דורך דיינע נביאים אַזוי צו זאָגן: „דאָס לאַנד, וואָס איר קומט צו ירשענען עס איז אַן אומריין לאַנד דורך דער אומריינקייט פון די פעלקער פון לאַנד, דורך זייערע אומווירדיקייטן וואָס זיי האָבן עס אָנגעפילט פון מויל צו מויל מיט זייער אומריינקייט. און איצט אייערע טעכטער זאָלט איר ניט געבן צו זייערע זין און זייערע טעכטער זאָלט איר ניט נעמען צו אייערע זין און איר זאָלט ניט זוכן זייער שלום און זייער טובה קיינמאָל.

„און נאָך דעם אַלעם, וואָס עס איז געקומען איבער אונז צוליב אונזערע שלעכטע מעשים און צוליב אונזער גרויסער שולד. וואָרום דו אונזער גאָט האָסט אונז געשוינט, שטראָפנדיק אונז ווייניקער ווי אונזערע זינד זיינען געווען און דו האָסט אונז אַזאַ רעטונג געגעבן — זאָלן מיר ווידער פאַרשטערן דיינע מצות און מתחתן זיין זיך מיט די פעלקער פון די דאָזיקע אומווירדיקייטן. דו וועסט דאָך צאָרנען אויף אונז ביז צום פאַרלענדן, אַז עס זאָל קיין שריד ופליט ניט בלייבן. גאָט, דער גאָט פון ישראל, דו ביזט גערעכט, וואָס מיר זיינען איבערגעבליבן ווייניק היינט צו טאָג. מיר זיינען פאַר דיר אין אונזער שולד, ווארום מיר האָבן קיין תקומה ניט פאַר דיר צוליב דעם".

און אָט דער מאָמענט, ווען עזרא האָט דעם צער פון זיין נשמה אויסגעוויינט פאַר גאָט, איז דער גרויסער מאָמענט געווען, וואָס האָט מיט זיך באַנייאונג און דערהויבונג דעם אידישן ישוב אין

ארץ ישראל געבראכט, וואָס האָט זיכערע און אומגעענדערטע ווענען פאַר דער אנטוויקלונג פון אידישן גייסט אָנגעצייכנט.

דאָס טראַגישע בילד פון דעם אין טיפן טרויער זינקענדן גרויסן לערער שווין אין ערשטן מאָמענט פון זיין אָנקומען אין לאַנד האָט די טיפסטע טיפענישן פון דער נשמה פון פאָלק דערשיטערט און האָט אין אידישן ירושלים א שטימונג פון באַדענקען זיך, פון חרטה און תשובה געשאפן. ווי גרויס עס איז געווען דער צער פון די פאַרזאַמלטע צוצוזען, אין וואָס פאַר א שרעקלעכע גיהנום יסורים עס צאַפּלט זיך די נשמה פון דעם גרעסטן אידן פון זייער דור, וואָס האָט אזוי פיל ליבע פאַר זיי פאַרמאָגט, וואָס וואָלט מיט דער גרעסטער שמחה די גרעסטע קרבנות געבראַכט פאַר זיי, אין א מאָמענט, אין וועלכן ער וואָלט זיך אויף דער העכסטער מדרגה פון גרויס פרייד באַדאַרפט געפינען, אזוי גרויס זיינען אויך געווען די הרהורי תשובה, פון וועלכע זיי זיינען אין אָט דעם מאָמענט דורכגעדרונגען געוואָרן. ווי גרויס עס איז געווען דער טרויער זיינער, אזוי גרויס איז אויך געווען די גרייטקייט זייערע, זיך איבער־צוגעבן אינגאנצן אין זיינע הענט. ער זאָל זייער פירער און ווענ־ווייזער זיין, דער הארציקער און פון אזוי פיל פיין און צער דורכ־געדרינגענער ווידוי זיינער, זיין שטילער פאָרוואורף פאַר זייערע זינד, האָבן אויף די פאַרזאַמלטע א פיל טיפערע ווירקונג געהאַט, ווי ווען ער וואָלט געווען אנטקעגן זיי מיט פייערדיקע שטראָף־רייד שטאַרקע ארויסגעטרעטן.

און מיט יעדן מאָמענט האָט זיך אַלץ מער און מער די צאָל פון די פאַרזאַמלטע ארום עזראן פאַרגרעסערט. און וואָס מער עס האָט זיך די צאָל פון די פאַרזאַמלטע פאַרגרעסערט, אַלץ מער און מער איז אויך געשטיגן דער צער פון טרויער. וואָס האָט די אַלע פאַרזאַמלטע דורכגעדרונגען, זייער צער און טרויער איבער דעם, וואָס זיי האָבן זיך געגן גאָט פאַרזינדיקט, און האָבן זיינע ווענן פאַרלאָזט, און איבער דעם טרויעריקן בילד, וואָס זיי האָבן פאַר זיך געזען, די אומענדלעכע ליידן, וואָס זייער גרויסער לערער האָט פאַר זייערע אויגן דורכגעלעבט. מיט א בלוטנד הארץ האָבן זיי צוגעזען, ווי דער גרויסער לערער זייערער רייסט אויף זיך די קליידער זיינע, און יעדעס מאָל, ווען ער האָט אויף זיך די האָר פון קאָפּ געריסן,

האָבן זיי געפילט ווי עס קומט אויך א ריס אין דער נשמה זייערער פּאָר.

עס האָט זיך א קאָלעקטיווער היפּנאָז איבער די אַלע פּאָר־זאמלטע אָנגעהויבן צו וועבן. זיי האָבן אָנגעהויבן צו פילן, ווי עס ווערט זייער לעבן מיט זיין לעבן צוזאמענגעוואקסן, אז זיי הויבן אָן באהערשט צו ווערן פון אים, אז עס הויבט אָן ביי זיי א פּאָר־לאַנג און באַגער רייף צו ווערן — צו פּאָלגן אלעס, וואָס ער וועט זיי הייסן.

און ווען דער היפּנאָז האָט זיין העכסטן פונקט דערגרייכט, האָבן די אַלע פּאַרזאַמלטע, וועלכע זיינען זייער פיל אין צאָל געוועזן און זיינען באשטאַנען פון מענער, פרויען און קינדער אין א גרויס געוויין אויסגעבראָכן.

עס איז דער גרויסער וואונדער געשען.

א גאַנצער קאָלעקטיוו א גרויסער האָט אונטער דעם איינפלוס פון א גרויסן פירער, פון אַן אויסדערוויילטער פּערזענלעכקייט, אין איין מאָמענט זיין הייליקונג און דערלייטערונג דערפילט. אין איין מאָמענט האָט זיי אַלעמען איין אַלגעמיינער געדאַנק דורכגעבליצט. אין איין מאָמענט איז זיי אַלעמען קלאָר געוואָרן, אז זיי מוזן און וועלן ברענגען דעם גרויסן קרבן, אויף וועלכן זיי וואָלטן זיך קיינמאָל ניט געגלויבט פייאיק צו זיין, דעם גרויסן קרבן, קיין גרעסערן פון וועלכן מיר קענען זיך גאָר ניט פאָרשטעלן.

יענער מאָמענט איז איינער פון די אינטערעסאַנטסטע מאָמענטן אין דער מענטשלעכער געשיכטע געוועזן אין דעם זין. אויף וויפיל ער אילוסטרירט אונז, וואָס פאר א גרויסע וואונדער עס קענען דורך קאָלעקטיוון היפּנאָז באשאפן ווערן, אויף וויפיל עס שפּיגלט זיך אָפּ אין אים די קראַפט פון דעם איינפלוס, וואָס די גרויסע פּער־זענלעכקייט קען אויף די מאַסן אויסאיבן, אויף וויפיל עס איז אין אים געבראַכט געוואָרן דער גרעסטער קרבן, וואָס מענטשן האָבן קאָלעקטיוו ווען געבראַכט, דער קרבן פון אָפּזאָגן זיך פון די אייגענע פרויען און קינדער.

איינער פון די פאַרזאַמלטע, שכניה בן יחיאל איז אויפגעשטאַנען — ווערט דערציילט אין עזרא ו׳, ב׳ אין צוזאמענהאַנג מיט דער פּאַסירונג וועגן וועלכער מיר האָבן גערעדט ביז איצט — און געזאָגט

צו עזראן: מיר האָבן געפעלשט אין אונזער גאָט און מיר וואוינען מיט פרעמדע פרויען פון די פעלקער פון לאַנד, און איצט איז אָבער דאָ א האָפנונג פאַר די אידן בנוגע צו דעם. לאָמיר כורת ברית זיין צו אונזער גאָט אָפצוזאָגן זיך פון די אלע פרויען און קינדער, וואָס זיינען געבאָרן געוואָרן פון זיי אויף דער עצה פון גאָט און פון די וואָס ציטערן איבער חעם געבאָט פון אונזער גאָט און זאָל געטאָן ווערן, ווי די תורה הייסט. שטיי אויף, וואָרום אויף דיר איז די זאַך און מיר זיינען מיט דיר. שטאַרק זיך און טו.

עזרא האָט ניט פאַרזאַמט אויסצונוצן די גינסטיקע שטימונג, וואָס איז געשאַפן געוואָרן און האָט זיך אויפגעהויבן פון דער ערד און באַשוואוירן די אלע אידן, וואָס האָבן זיך אַרום אים געפונען צו טאָן אַזוי, ווי שכניה האָט פאָרגעשלאָגן און זיי האָבן אלע געשוואוירן.

און כדי אָט דער באַשלוס זאָל דורכגעפירט ווערן פון גאַנצן ישוב האָט מען געלאָזט אויסרופן איבער גאַנץ יהודה, אז אלע זאָלן זיך אין א משך פון דריי טעג פאַרזאַמלען קיין ירושלים מיט דער דראָהונג, אז דער, וואָס וועט ניט קומען, וועט מען זיין פאַרמעגן קאָנפיסקירן און אים פון קהל הגולה פאַרשטויסן.

ווען די גערופענע זיינען געקומען — אין צוואַנציקסטן טאָג פון חודש כסליו — קיין ירושלים, האָט עזרא זיי אויפגעפאָדערט, זיי זאָלן זיך צוגיין מיט זייערע פרעמדע פרויען. און ער האָט א ספעציעלן בית דין געגרינדעט, וואָס זאָל זיך מיט דער דאָזיקער אַנגעלעגנהייט באַשעפטיקן. דער בית דין האָט באַדאַרפט חוקר ודורש זיין די אלע נויטיקע פעלע און זען, אז עס זאָל אלעס ריכטיק דורכגעפירט ווערן. די ארבעט פון בית דין האָט פונקט דריי מאָנאַטן געדויערט. דעם ערשטן טבת האָט זיך זייער טעטיקייט אָנגעהויבן און דעם ערשטן ניסן האָט זי זיך פאַרענדיקט.

ה

ווי עזרא האָט די אידישע ראַסע גערייניקט

דער ערשטער אָנהויב, וואָס עזרא האָט געמאכט. — דער שטורם, וואָס דער דאָזיקער שריט האָט געגען דעם אידישן ישוב אין יהודה ארויסגערופן. — דער אידישער ישוב איז ארומגערינגלט געוואָרן מיט אן אַטמאָספערע פון גיפטיקע נקמה און שנאה געפילן. — די קרענקונג און פאַרביטערונג פון די מיט אומרעכט פאַרשטויסענע עלעמענטן. — דער פארזוך פון די אויפגערייצטע אידישע שונאים צו פארניכטן דעם אידישן ישוב. — עס הויבט זיך נאָכאמאָל אָן צו מערקן א מאָראַלער פאַנאַנדערפאַל אין אידישן ישוב. — די אידישע באַפעלקערונג אין יהודה הויבט ווידער אמאָל אָן צו פראקטיצירן געמישטע הייראטן. — די תקנות, וואָס עזרא האָט איינגעפירט.

מיט א טיפן וויי‍טאָק אין הארצן האָט עזרא מיט דער שטריינגס־טער אויספירליכקייט דורכגעפירט דעם פּראָצעס פון רייניקן די אידישע ראַסע פון פרעמדע עלעמענטן. עס האָט אים זיין האַרץ געבלוטעט אויף די שרעקליכע טראַגעדיעס, וואָס האָבן זיך פאַר זיינע אויגן אָפּגעשפּילט. ווי מענער און פרויען, עלטערן און קינדער האָבן זיך געמוזט שיידן און ווערן אָפּגעפרעמדט איינער פון צווייטן. ווי שטאַרק אָבער עס האָבן אים ניט די צרות פון פּרט גערירט, האָט ער זיך דאָך פון די געפאָדערטע נויטיקע קרבנות ניט געקענט אָפּ־זאָגן, יקוב הדין את ההר, זאָלן פילע פּרטים ליידן, אבי עס זאָל דורך דעם דער כּלל פון דער געפאַר, וואָס שוועבט אויף אים געהאָלפן ווערן. ער האָט זיך ניט געקענט העלפן. די דאָזיקע קרבנות זיינען דער איינציקער וועג געווען, דורך וועלכן ער האָט געקענט דערגרייכן די רעאַליזירונג פון די צוויי וויכטיקע אויפגאַבן אין לעבן זיינעם, וועלכע זיינען באַשטאַנען אין דעם, די ריינקייט פון

דעם אידישן בלוט איינצוהיטן און די פאָרשריפטן פון דער תורה פאַר די רעגולירנדע נאָרמען פון אידישן לעבן צומאַכן.

די געמישטע הייראַטן האָבן ניט נאָר מיט ראַסן־ענטאַרטונג דעם אידישן פאָלק געדראָט, נאָר האָבן אויך אוממעגלעך געמאַכט, עס זאָלן קענען ביי אים זיכערע נאַציאָנאַלע עקזיסטענץ־פאָרמען פעסטגעשטעלט ווערן און אייגנאַרטיקע לעבנס־פירונגען. די לעבנס־אַרטן און זיטן פון מיטגלידער פון פרעמדע פעלקער, וואָס האָבן זיך אין אידישן נאַציאָנאַלן אָרגאַניזם אַנגעשלאָסן, האָבן געמוזט פאַר דעם א גרויסע שטערונג זיין און האָבן ניט געלאָזט דאָס אידישע לעבן אין אייגענע האַרמאָנישע פאָרמען זיך אויסקנעטן. די דערציאונג פון יונגן אידישן דור וואָלט ניט ביי דער אָנהאַלטונג פון דעם פּראַקטיצירן פון געמישטע הייראַטן, קיין שטריינג אידישע געקענט זיין און איר גאַנצקייט און איינהייטלעכקייט וואָלט געמוזט געשטערט ווערן פון די עלעמענטן, וואָס וואָלטן אין איר אריינ־געטראָגן געוואָרן פון די פאַטערס אָדער מוטערס, וואָס האָבן זייער דערציאונג אין א גאַנץ אַנדער אַטמאָספּערע געהאַט, אין אַן אַטמאָ־ספערע פון עבודה זרה קולט און פון אין אלערליי דעגענירירטע פאָרמען פון סעקסועלער אויסגעלאַסנקייט.

ווי עס האָט אים דעריבער זיין האַרץ ניט ווי געטאָן אויף דעם צעשטערטן פאַמיליען־גליק, וואָס דאָס דערוויטערן פון די פרעמדע עלעמענטן פון אידישן פאָלק האָט אין אידישן לעבן אריינגעטראָגן, ווי אויך ער אליין האָט אין חעם אַקט, אַן און פאַר זיך, פיל אכזריות געמוזט זען, האָט ער דאָך געמוזט שטרעבן דערצו, ער זאָל אין פולער שטרייננקייט אויסגעפירט ווערן, כדי די אויפגאַבע זיינע, וואָס ער האָט זיך אין לעבן געשטעלט, דאָס אידישע פאָלק זאָל א פאָלק פון יראי ה׳ און למודי ה׳ זיין זאָל מיט וואָס מער דערפאָלג גע־קרוינט ווערן.*)

אין דער פולער מאָס אָבער האָט עזרא די רעאַליזירונג פון זיינע

---

*) אויספירליכער וועגן דעם דאָזיקן ענין אין צוזאמענהאנג מיט דעם קטרוג מיט וועלכן פילע פון דער מחנה מקטרגים אויף דעם אידישן פאָלק טרעטן ארויס געגן אונז, ווען זיי שטעלן זיך אָפּ אויף דער דאָזיקער טעטיקייט פון עזראן — אין די הוספות, וואָס וועלן צוגעגעבן ווערן צום סוף פון ווערק.

וואונשן געזען ערשט אין דעם צווייטן פעריאָד פון זיין טעטיקייט, מיט א דרייצן־פערצן יאָר נאָכדעם, ווי ער איז קיין ארץ ישראל געקומען, אין דעם פעריאָד יאָרן, ווען זיין טעטיקייט איז געגאַנגען האַנט אין האַנט מיט דער טעטיקייט פון נחמיהו בן חכליה, וועלכער איז צו יענער צייט פון פרס קיין ארץ ישראל געקומען.

אין דעם ערשטן פעריאָד פון זיין טעטימקייט איז נאָר דער אָנהויב געמאַכט געוואָרן. די גאַנצע ארבעט אָבער איז ערשט שפּעטער אָפּגעטאָן געוואָרן.

אין ערשטן מאָמענט באַלד נאָכדעם ווי עס איז פון אידישן ישוב עפּנטלעך די שבועה געגעבן געוואָרן, זיי זאָלן פון זיך די פרעמדע פרויען אָפּזונדערן, ווען דער ענטוזיאַזם איז נאָך פריש און ווירקנד געווען, האָט עזרא דעם גאַנצן אידישן ישוב אונטער זיין איינפלוס פאַראייניקט געהאַלטן. אין גאָר א קורצע צייט ארום אָבער האָט דער דאַזיקער איינפלוס אָנגעהויבן אָפּגעשוואַכט צו ווערן און עס האָט א געפאַר אָנגעהויבן צו שוועבן, עס זאָל אַלעס צום פריערדיקן מצב זיך צוריקקערן.

אויף פאַרשיידענע אומגינסטיקע אופנים האָבן זיך די אומשטענדן אין יענע יאָרן קאָמבינירט, זיי זאָלן די טעטיקייט פון עזרא פאַראַליזירן און זיין איינפלוס אָפּשוואַכן.

אין דער ערשטער ליניע זיינען געשטאַנען די רדיפות און נגישות, וואָס די אידן האָבן געהאַט אויסצושטיין פון זייערע שונאים, וועלכע זיינען פון טאָג צו טאָג אַלץ גרעסער און גרעסער געוואָרן.

אויב די רייען פון די אידישע שונאים צווישן די פרעמדע פעלקערשאַפטן זיינען נאָך גאָר פריער פיל געווען זיינען זיי יעצט נאָך מער געוואָרן. די אויסגעשלאָסענע מיטגלידער פון דער אידישער קהלה, די אָבגעגטע פרויען און פאַרשטויסענע קינדער, די אַלע באַליידיקטע און געקריוודעטע, ווי אויך די אַלע, כמעט, פריינט און קרובים זייערע זיינען פון פריינט אין בלוטיקע שונאים פון דעם אידישן ישוב פאַרוואַנדלט געוואָרן. דער אידישער ישוב איז ארומגערינגלט געוואָרן מיט אַן אַטמאָספערע, אין וועלכער עס האָבן די גיפטיקסטע נקמה און שנאה געפילן געהערשט. דער גאַנצער ארומיקער באָדן איז פאַר זיי מיט ראַכע זוכענדן האַס פאַרזייט געוואָרן. זיי האָבן דאָן כמעט גאָר אין גאַנצן קיין פריינט ניט געהאַט. אַלע

זיינען זיי שונאים געווען, און עס האָבן זיך יעצט צווישן די שונאים זייערע אויך מענטשן פון א העכערער קוואַליטעט, פון באַדייטענדן מאָראַלן ווערט געפונען.

מיט דער פסולת, וועלכע איז דאַן דערוואַטעווערט געוואָרן פון אידישן אָרגאַניזם, האָט דער האַסטיקער שטראָם פון אַלגעמיינעם ענטוזיאַזם, וואָס האָט דעם גאַנצן אידישן ישוב באַהערשט די אידישע ראַסע צו רייניקן אויך אַזוינע עלעמענטן פאַרטראָגן, וואָס האָבן באמת ובלב תמים צום אידישן גלויבן זיך באַקערט, וואָס האָבן זיך ניט נאָר סאָציאַל מיט דעם אידישן פאָלק פאַראייניקט, נאָר אויך רעליגיעז. א פאָלקס־באַוועגונג לאָזט זיך ניט קאָנטראָלירן, און ווי זי זאָל ניט באַזירן אין אירע הויפּט־מאָמענטן אויף צדק און יושר, קען זי זיך דאָך אָפּטמאָל אין אירע ביימאָמענטן אויף קרומע וועגן פאַרנעמען. אין דער טעטיקייט, וואָס ווערט פון א קאָלעקטיוו רעאַליזירט כאַפּט זיך אָפּטמאָל דער עלעמענט פון אכזריות אריין, מעג דער אינספּיראַטאָר פון אירע שטרעבונגען דער ריינסטער אידעאַליזם זיין, מעגן די טענדענצן און כוונות אירע דער גרעסטער קעגנזאַץ זיין צו דער פון איר אין לעבן פּראַקטיצירטער אכזריות.

און ווי גרויס עס איז די קריינקונג געווען פון די דאָזיקע מיט אומרעכט פאַרשטויסענע עלעמענטן, אַזוי גרויס איז אויך געווען דער צער און צאָרן זייערער, אַזוי גרויס איז אויך געווען די פאַרביטערונג זייערע.

און דער דאָזיקער כעס און צאָרן זייערער האָט אין א געוויסן זין מאָראַלע באַרעכטיקונג געגעבן צו דער אַלגעמיינער שנאה, וואָס האָט געבושעוועט דאַן געגן די אידן, און האָט די ראָלע פון א געגן קראַפט געשפּילט, אָפּצושוואַכן אביסל דעם מאָראַלן באַזיס, אויף וועלכן עס האָט דער אקט פון רייניקן די אידישע ראַסע פון פרעמדע עלעמענטן באַזירט.

מער ווי ווען עס איז פריער האָבן יעצט די אַלע פאַרשיידענע אידישע שונאים פאַראייניקט זייער גיפטיקע טעטיקייט געגן דעם אידישן פאָלק. זיי האָבן כמעט, ווי אַן אָפענע מלחמה דערקלערט דעם אידישן ישוב, און האָבן געקעמפט קעגן אים ווי קעגן א שונא אויף דעם שלאַכטפעלד. זיי האָבן אויך מיט וואָפן נאָכדעם אָנגעהויבן צו

באקעמפן דעם אידישן ישוב. נאָך א רייע פון איבערפאלן אויף די אידישע איינוואוינער, וואס האבן זיך אין די פראווינץ שטעט גע־פונען, האבן זיי אויך באלאגערט ירושלים, וועלכע איז פון זיי שיעור ניט אין א בארג אש פארוואנדלט געוואָרן. זיי האבן אין פילע ערטער די חרובע מויערן*) ארום ירושלים נאָך מער איינגעבראכן, האבן זיינע הילצערנע טויערן פארברענט און פילע בנינים חרוב ונחרב געמאכט. אויסער דעם בית המקדש, וועלכן זיי האבן צוליב זיין הייליקייט, וואס איז אויך פון זיי אנערקענט געווען, געשווינט, האבן זיי אויף אלעם אין ירושלים זייער פארניכטנדע האנט ארויפגעלייגט. די אידן זיינען געווען הילפלאז געגן זיי. ווארום די מערסטע פון זיי זיינען ניט געאיבט געווען אין וואפן־קאמף, און זיי האבן אויך ניט געהאט קיין מיליטערישע העלדן און פראקטישע פירער, וואס זאלן פייאיק זיין פון א שווערער לעבנס־סיטואציע זיך קענען באַ־פרייען. עזרא איז גרויס אלס לערער און דערציער געווען. אבער ער איז ניט געווען קיין פראקטישער קעמפער. עס זיינען צו שווער געווען די אויפגאבן פון יענעם מאמענט פאר די ארגאניזאטארישע פייאיקייטן זיינע. דאגעגן זיינען די אידישע שונאים גוט געאיבט געווען אין דעם באנוצן זיך מיט וואפן און זיי האבן געהאט גע־שיקטע און דורכגעטריבענע פירער, אן דער שפיצ פון וועלכע עס זיינען געשטאנען סנבלט החורני און טוביה העמוני, וועלכע זיינען ביידע מענער פון אנטשלאסענעם טאט און געוואגטן מוט געווען, טוביה איז מיט אייניקע אידישע פאמיליעס פארוואנדעט געווען, און ווען אויך ער מיט סנבלטן זיינען פון דעם אידישן ישוב דערוויי־טערט געוואָרן, זיינען זיי די אנפירער געוואָרן פון די אלע פרעמדע עלעמענטן, וואס האבן זיך געטראפן און באליידיקט געפילט, אין זייער טעטיקייט דעם אידישן ישוב צו באקעמפן.

דאס איינציקע, וואס עס איז פאר די אידן אין ארץ ישראל געבליבן איז געווען זיי זאלן אפעלירן נאָך הילף צו דער פערסישער מאכט אין פערסיען. איז אבער אויך אט דער איינציקער וועג זייערער

*) שישראל לא בנו חומת העיר ושעריה, כי אם בנין בית המקדש לבדו — רש"י, נחמיה, א׳: ביז נחמיהן האבן זיך די אידן ניט פארנומען מיט בויען די מויערן פון דער שטאט און איהרע טויערן, נאָר מיט דעם בויען פון בית המקדש אליין.

אָפּגעשניטן געוואָרן פון זיי. די פּערסישע מאכט האָט אירע אייגענע צרות געהאַט אין ארץ ישראל און האָט גאָר ניט געקענט טאָן פאר די אידן דאָרטן. מגביזס וועלכער איז דער פארטרעטער געווען פון דער פּערסישער מאַכט אין סוריא און די ארומיקע טעריטאָריען, אין כּלל פון וועלכע עס איז אויך ארץ ישראל אריינגעגאַנגען, האָט רעוואָלטירט נעגן דער פּערסישער מאַכט, וועלכע האָט געמוזט פילע מיליטערישע מחנות אהין שיקן און דער גאַנצער געגנד פון עבר הנהר איז דורך דעם אין א ריזיקן שלאַכטפעלד פארוואַנדלט גע־וואָרן. און דעריבער האָבן די אידישע שונאים געקענט פריי און אומגעשטערט אָנגיין מיט זייערע נגישות און רשעות קעגן די אידן, ניט מורא האָבנדיק כּלל, אז די פּערסישע מאכט זאָל זיך מיט זיי אָפּרעכענען דערפאַר.

די דאָזיקע אַלע מלחמה מהומות — וועגן וועלכע איך האָב אין דער פאָריגער שטעלע גערעדט — וואָס זיינען פאָרגעקומען דאַן אין לאַנד, האָבן זייער א שלעכטע ווירקונג געהאַט אויף דעם אידישן ישוב נאָך אין אַן אנדער וועג. ניט נאָר האָבן זיי סאָציאַל און פּאָליטיש שוואַך און הילפלאָז דעם אידישן ישוב געמאכט, נאָר זיי האָבן אין אים אויך א גוואַלדיקע דעמאָראַליזאַציע אריינגעטראָגן.

יעדע מלחמה ברייגנט מיט זיך פון איין זייט גרויס פאַראָרימט־קייט צו די ברייטע שיכטן פון פאָלק, און פון דער צווייטער זייט פארגרעסערט זי אומגעהויער דאָס רייכטום פון אייניקע. און אָט אזוי איז אויך געווען די ווירקונג פון יענע מלחמה מהומות, וואָס ארץ ישראל האָט דאַן איבערגעלעבט.

פאר פילע פון די אידישע אדעליקע פאַמיליען האָבן די דאָזיקע מלחמה מהומות געדינט אלס קוואַל פון רייך צו ווערן. און פאר דעם גרעסטן טייל פון פראָסטן פאָלק האָבן זיי גרויס נויט און פאַראָרימקייט מיט זיך געבראַכט. די ערשטע זיינען נתעשר געוואָרן דורך דעם, וואָס זיי האָבן צוגעשטעלט פּראָוויאַנט און פארשיידענע אנדערע פאר דעם מיליטער, וואָס האָט זיך געפונען אין ארץ ישראל, נויטיקע זאַכן. און די לעצטע זיינען פאַראָרימט געוואָרן דורך דעם, וואָס זיי האָבן געמוזט אויף זיך דעם עול פון שווערע און פילע שטייערן טראָגן.

און דאָס האָט געבראַכט דערצו, דער ישוב זאָל אויפהערן א חטיבה מיוחדת צו זיין. עס זאָל זיך אָנהויבן פאַרמירן אין אים שטאַרק אָפּגעגרענצטע איינער פון צווייטן באַזונדערע טיילן. דאָס האָט געבראַכט דערצו, עס זאָל די סאָלידאַריטעט פון אידישן ישוב פאַרשווינדן, עס זאָל אָפּגעשוואַכט ווערן די אַלגעמיינע ברידערלעכ־כע פאַראייניקונג, וואָס האָט פריער געהערשט אין אים. דער שטאַר־קער אונטערשייד, וואָס האָט זיך פאַרמירט אין דעם וואוילזיין פון די פאַרשיידענע עלעמענטן פון ישוב, דאָס, וואָס ער איז פאַנאַנ־דערגעטיילט געוואָרן אויף שאַרף אָפּגעזונדערטע איינער פון צווייטן קלאַסן, האָט געבראַכט דערצו, עס זאָלן זיך אין אים אויך קלאַסן־אַנטאַגאָניזם און קלאַסן־באַציאונגען פאַרמירן.

דער איבערפלוס פון רייכטום, וואָס האָט אין לאַנד אריינגע־פליצט, האָט געבראַכט מיט זיך די אַלע פאָלגן, וואָס רייכטום פון אזא כאַראַקטער ברייננט מיט זיך אין יעדן לאַנד: דעם חשק צו א לוקסוס־לעבן, די ליידנשאַפט נאָך מער דאָס רייכטום צו פאַרגרע־סערן, וואָס מער געלט צו מאַכן, און דאָס לויז ווערן פון די איינ־צוימענדע מאָראַלישע אינסטינקטן און נייגונגען פון מענטשן.

גלייכצייטיק האָבן די אויפגעקומענע גבירים צוגעזען דאָס אָרימ־קייט פון פאָלק און האָבן גאָר ניט געטאָן צו העלפן זיי, זיי זאָלן זיך קענען צוריק אויף זייערע פיס שטעלן. פילע פון זיי האָבן, פאַרקערט, מיט דער גרעסטער אכזריות נאָך מיטגעהאָלפן דערצו, זיי זאָלן וואָס מער רואינירט ווערן, זיי זאָלן שוין קיינמאָל ניט קענען צו זיך קומען. זיי פלעגן זיי אנטלייען געלט אויף פּראָצענט און ווען זיי האָבן ניט געהאַט צו באַצאָלן, האָבן זיי פון זיי זייערע פעלדער צוגענומען און אויך די זין און טעכטער האָבן זיי צו זיך פאַר קנעכט און דינסטן פאַר זייערע חובות צוגענומען.

און פילע פון די אדל־פאַמיליען האָבן אויך געפּרובט שלום שליסן מיט די פרעמדע עלעמענטן, וואָס זיינען פריער פון אידישן פאָלק דערווייטערט געוואָרן, זיי זיינען זיך ווידער צענויפגעקומען מיט די פרויען, וואָס זיי האָבן פאַרלאָזט פריער, און האָבן אויך נייע פאַמיליען־בונדן מיט די פרעמדע פעלקערשאַפטן געשלאָסן.

און אויך פילע פון פּראָסטן פאָלק האָבן זיך אויף דעם זעלבן

וועג געלאָזט. אויך פילע פון פּראָסטן פאָלק האָבן אָנגעהויבן גע־מישטע הייראטן צו פּראַקטיצירן.

און פאָרגעקומען איז די דאָזיקע דערשיינונג אי צוליב דעם, וואָס אויך אייניקע פון פּראָסטן פאָלק זיינען פון דעם שטראָם פון דער אַלגעמיינער דעמאָראַליזאציע פאַרטראָגן געוואָרן און האָבן די העכערע קלאַסן נאָכגעטאָן, און אויך צוליב די נייע באַדינגונגען, אין וועלכע עס איז דער אידישער ישוב געשטעלט געוואָרן. די דאָזיקע נייע באַדינגונגען האָבן געבראַכט דערצו, עס זאָל פאַרשווינדן פון פאָלק דער פריערדיקער ענטוזיאזם אין דער שטרעבונג זיינער דעם נאַציאָנאַלן אָרגאַניזם זיינעם ריין פון פרעמדע עלעמענטן צו האַלטן. זיי האָבן זיך פאַרמאַטערט געפילט פון די נגישות, וואָס זיי האָבן געהאַט פון זייערע שונאים אויסצושטיין און האָבן גע־וואָלט די שנאה צו זיי אָפּשאַפן דורך דעם, וואָס זיי זאָלן די אורזאַכע, וואָס האָט די דאָזיקע שנאה ארויסגערופן, מבטל זיין.

אָט אזוי טרויעריק איז דער אַלגעמיינער מצב פון יהודה געווען אין יענעם מאָמענט, וועגן וועלכן מיר ריידן. ירושלים איז, כמעט, ווי פאַרוויסט געשטאַנען. די איינוואוינער, וועלכע האָבן ניט געהאַט מער איבער זיך די שוץ פון די שטאָט־מויערן, האָבן פאַרלאָזט ירושלים און באַזעצט זיך אין אַנדערע פּלעצער, וואו זיי האָבן פאַר זיך מער זיכערע רו געקענט געפינען.

די כהנים און לויים, וועלכע האָבן אויפגעהערט צו באַקומען זייערע מתנות, תרומות און מעשרות, האָבן פאַרלאָזט דעם בית המקדש און געגאַנגען זוכן פאַר זיך אַנדערע קוועלן פון פּרנסה, פון וועלכע זיי זאָלן זיך און זייערע פאַמיליען דערנערן קענען.

עזרא האָט דאַן דעריבער ניט נאָר ניט געקענט אויף א גרעסערן מאַסשטאַב אָנגיין מיט דער ארבעט זיינער, ניט נאָר האָט ער ניט געקענט א גרעסערן דערפאָלג פאַר זיין טעטיקייט ברייינגען, דעם איינפלוס זיינעם אויף דעם אידישן ישוב פאַרשטאַר־קערן, נאָר ער האָט דאַן גאָר אינגאַנצן מיט קיין טעטיקייט ניט געקענט אָנגיין. עס איז אויך דער איינפלוס, וואָס ער האָט אויס־געאיבט אויף דעם אידישן ישוב באַלד, ווי ער איז געקומען אהין, כמעט, ווי אינגאַנצן פאַרשוואונדן. מיט שרעק האָט עזרא צוגעזען,

ווי עס לויערט די געפאַר פאַר אים, עס זאָל די גאַנצע אַרבעט זיינע צו נישט ווערן. און ערשט, ווען נחמיה איז מיט דרייצן יאָר שפּע־טער פון אים אין לאַנד געקומען, האָט ער זיך פון דער דאָזיקער שרעק באַפרייט און האָט מיט גרויס דערפאָלג, וועלכע האָבן זיינע אייגענע דערוואַרטונגען איבערגעשטיגן, די איבערגעריסענע טעטיקייט זיינע באַניַיט, וועלכע האָט דאַן שוין אויף שטענדיק דעם שיקזאַל פון אידישן פאָלק באַשטימט.

צווישן די תקנות וואָס ווערן עזראַן צוגעשריבן געפינען זיך אויך די פאָלגנדע וויכטיקע תקנות: די תקנה פון קריאַת התורה בצבור אום שבת און מאָנטיק און דאָנערשטיק; די תקנה פון גרינדן חדרים איבעראַל און די תקנה פון איינפירן ביי אידן דעם כתב אשורי. פריער איז די תורה געווען געשריבן אין אַלטן העבּרעאישן שריפט, עזרא אָבער, וואָס זיין שטרעבונג איז געווען, וואָס מער די תורה צווישן פאָלק פאַרשפּרייטן, האָט דעריבער געפונען פאַר צוועק־מעסיק צו פאַרבייטן דעם שווערערן און ווייניקער באַקוועמלעכן העברעאישן שריפט אויף דעם גרינגערן און מער באַקוועמלעכן אשורישן שריפט.

די אַלטע העברעאישע שריפט איז, אמת, נאָך אויך דאַן גע־בליבן ביי אידן. מען האָט זיך מיט איר אָבער באַנוצט נאָר פאַר וועלטלעכע ענינים, אָבער די אַלע שריפטן, וואָס עס איז אין זיי א צד של קדושה פאַראַן, זיינען נאָר אין העברעאיש געשריבן גע־וואָרן. אַרום דער צייט פון חורבן בית שני איז די אַלטע העברע־אישע שריפט שוין גאָר אינגאַנצן פאַרשוואונדן פון אידישן לעבן, און איז איבערגעבליבן נאָר ביי די שומרונים, וועלכע האָבן איר ניט פאַרביטן קיינמאָל אויף קיין אַנדער שריפט און האָבן שטענדיק זייערע ספר תורות אין דער אַלטער העברעאישער שריפט געשריבן.

לויט ווי יוסיפוס דערציילט איז עזרא געשטאָרבן אין ירושלים. די לעגענדע דערציילט אָבער, אַז ער איז מיט א געוויסער מיסיאָן געגאַנגען קיין בבל און איז אויף דעם וועג אַהין געשטאָרבן. און ווי דעם טויט פון יעדער גרויסער אידישער פערזענלעכקייט, האָט די אידישע טראַדיציע אויך זיין טויט מיט פילע לעגענדן שיינע באַפּוצט.

ו

נחמיה

דער אייגנטימלעכער כאַראַקטער פון ספר נחמיה. — דער אונטערשייד צווישן אים און ספר עזרא איז ווי דער אונטערשייד אין דעם כאַראַקטער פון די מחברים פון די דאָזיקע ספרים. — דער גייסט פון בוך מענטש, פון שריפטשטעלער און דער גייסט פון פראַקטישן טוער. — דער גייסט פון פשטות און תמימות, וואָס רוט אויפן ספר נחמיה. — דער מערקווירדיקער פרומער טאָן, וואָס פילט זיך אין אים. — דער באַליבטער אויסדרוק זיינער אלע מאָל, אז „גאָט זאָל אים דאָס אלעס צום גוטן געדענקען". — די אויפגאבן, וואָס די געשיכטע האָט אויף נהמיהן ארויפגעלייגט.

איינע פון די מערקווירדיקסטע ספרים אין תנ"ך איז דער ספר „נחמיה", ער צייכנט זיך מערקווירדיק אוים מיט זיין רואיקן און געלאסענעם טאָן און מיט דעם באשיידענעם אופן פון דערציילן פון מחבר זיינעם. עס ליגט אויף אים ווייניקער ווי אויף אלע אנדערע ספרים פון תנ"ך דער שטעמפל פון ליטעראטור. מען זעט, אז דער מחבר האָט פאר זיך קיין אנדערע כונות ניט געהאט מיט דעם פארפאסן פון ספר זיינעם אויסער די —אין איינפאכע און פראָסטע ווערטער די גרויסע פאסירונגען אין אידישן לעבן פון זיין צייט, ארום וועלכע עס האָט זיך זיין טעטיקייט קאָנצענטרירט, און ניט מער, ווי נאָר אויף א פראָקטאָקאָלישן אופן, כמעט, פאר דער געשיכטע צו פארצייכענען. עס פעלט אין ספר נחמיה אָט יענע ליטעראַרישקייט, וואָס געפינט זיך אין צווייטן ענלעכן צו אים היסטאָרישן ספר פון יענעם בוך — אין ספר „עזרא", עס איז אין אים קיין שפור ניטאָ פון דעם פאטאָס, פון דעם אויפגערעגטן טאָן, אין די פאסנדע דערויף מאָמענטן, וואָס געפינען זיך אין דעם לעצטן ספר, אפילו ווען ער שילדערט אונז די אממערסטן נעשפאנטע

מאָמענטן פון זיין טעטיקייט, די מאָמענטן, וואָס אנטהאלטן עלע־מענטן פון ברוויזנדער ענערגיע און אָנגעשטריינגטן קאמף, אפילו דאן רעדט ער וועגן דעם אלעם אין אזוינע שטילע און רואיקע טענער און מיט אזא שפּאָרזאמקייט אין זיין שפּראך גלייך ווי ער וואָלט ווירקלעך, פאר אונז נאָר א פּראָטאָקאָל אָנוואָרפן.

דער אונטערשייד אין דעם כאראקטער פון די דאָזיקעביידע ספרים איז ווי דער אונטערשייד אין דעם כאראקטער פון די מחברים פון די דאָזיקע ספרים. אין ביידע ספרים שפּיגלט זיך די פּער־זענלעכקייט פון זייערע מחברים אָפּ. און פון דאָנען שטאַמט דער ספּעציעלער כאראָקטער פון דעם ספר נחמיה, וואָס באשטייט אין דער ניט געפּליגעלטקייט פון זיין שפּראך, אין דער ניט פארביקייט פון זיינע שילדערונגען, אין דער שפּאָרזאמקייט פון זיינע ווערטער, אין דער מערקווירדיקער פּשטות און תמימות פון דעם אופן דערציילן זיי וועגן זיין טעטיקייט.

עזרא איז געווען א בוך־מענטש, א שריפטשטעלער, און דערי־בער שוועבט אויף דעם ספר זיינעם דער גייסט פון בוך־מענטש, פון פאָלקס־לערער, פון פּראָפּאגאנדיסט און אגיטאטאָר, פון מענטשן, וואָס דאָס שרייבן איז די הויפּט־טעטיקייט אין זיין לעבן.

נחמיה אָבער איז א פּראקטישער טוער, א מענטש, וואָס האָט געשאפן אין טאָטן. און דעריבער שוועבט אויף זיין ספר, אויף דעם ספר „נחמיה” דער גייסט פון פּראקטישן טוער, פון אדמיניס־טראטאָר, וואָס קען שיינע טאָטן אויפטאָן, ער קען אָבער ניט שיין ריידן; וואָס דער גאנצער ענין פון שרייבן איז ניט מער ווי נאָר א צופעליקער מאָמענט, א צופעליקע אקטיוויטעט אין זיין לעבן.

און צוזאמען מיט דער פּשטות און תמימות, מיט וועלכע דער ספר נחמיה צייכנט זיך אויס, צייכנט ער זיך אויך אויס מיט דעם מערקווירדיקן פרומן טאָן, וואָס הערשט אין אים, מיט דער פון פול הכנעה דורכגעדרונגענער רעליגיעזיטעט אין וועלכער ער איז איינ־געהילט. אין פילע ערטער הערט זיך אין זיינע ווערטער א מין שטיל פארענטפערן זיך פאר א גרויסן טייל פון זיין טעטיקייט, וואָס קען אין די אויגן פון לעזער אלס אומגערעכט אויסזען און ער רופט אָפטמאָל גאָט פאר אן עדות, אז זיין כונה איז א גוטע און פרומע שטענדיק געווען.

און זיינע כונות זיינען ווירקלעך שטענדיק גוט און פרום געווען. ער האָט שטענדיק דעם כבוד און דעם וואוילזיין פון אידישן פאָלק פאַר זיינע אויגן געהאַט, און נאָר אויף דעם האָט שטענדיק זיין טעטיקייט באַזירט. זיין שטריינגקייט און האַרטקייט אין דעם באַגיין זיך זיינעם מיט די אידישע שונאים, ווי אויך מיט די ווידער־שפּעניקע עלעמענטן פון אידישן פאָלק גופא, זיינען אַ נויטווענ־דיקייט געווען, כדי די געפאַר פון נאַציאָנאַלן אונטערגאַנג, וואָס האָט איבער דעם קאָפּ פון אידישן פאָלק געשוועבט, איינגאַנצן צו באַזייטיקן. עס איז אין דער שטרייגנקייט אַ „משום צורך השעה" געווען, און זי איז לגמרי ריין געווען פון אירגנד־וועלכן עלעמענט פון הערשאַפט זוכענדן דעספּאָטיזם און טיראַניי.

„זכרה לי אלהים לטובה"! — דערמאָן עס מיר גאָט צום גוטן. דאָס איז איינע פון די פראַזן, וואָס ער — נחמיה — חזרט אָפט איבער, ווען ער רעדט וועגן דעם, וואָס ער האָט אויפגעטאָן פאַר דעם אידישן פאָלק.

און עס איז אים, ווירקלעך דאָס אַלעס צום גוטן פאַראייביקט געוואָרן. צוזאַמען מיט דעם נאָמען פון עזרא האָט דאָס אידישע פאָלק אויך זיין נאָמען פאַראייביקט. וואָרום זיי זיינען ביידע די גרויסע מייסטער געווען, וואָס האָבן דאָס היסטאָרישע אידנטום גע־שאַפן, וואָס האָבן אייביקע עקזיסטענץ דעם אידישן פאָלק געגעבן. זיי האָבן געקעמפט געגן די אויסערלעכע און אינערלעכע געפאַרן, וואָס האָבן געדראָט דערמאָלס די עקזיסטענץ פון אידישן פאָלק און באַזיגט זיי און געבראַכט דערמיט אייביקן לעבן דעם אידישן פאָלק.

איך האָב שוין פריער געשריבן וועגן דעם טרויעריקן מצב, אין וועלכן דער אידישער ישוב האָט זיך געפונען אייניקע יאָר איידער נחמיה איז אָנגעקומען קיין ארץ ישראל, וועגן דער דעמאָ־ראַליזאַציע, וואָס האָט געהערשט אין לאַנד און וועגן די געפאַרן, וואָס האָבן געלויערט פאַר דעם קיום פון אידישן פאָלק. עס איז דאָך אָבער געווען אַ גרויסער אונטערשייד צווישן דעם קריטישן מצב, אין וועלכן עס האָט זיך איצט דאָס ארץ ישראל אידנטום געפונען און צווישן די ענלעכע צושטענדע, וואָס האָבן נאָר פריער, פאַר דער עפּאָכע פון גלות בבל, עקזיסטירט.

דאָס אידנטום האָט דאַן נאָך ניט קיין אינטענסיוון אינהאַלט פאַרמאָגט, ניט געהאַט נאָך דאַן קיין פיל פאַרצווייגטן און וואָגיקן פאַרמעגן. יעדער קריטישער מאָמענט אַזעלכער איז דעריבער דאַן אין דער באַגלייטונג פון דער געפאַר געקומען אַז עס זאָל דאָס גאַנצע אידנטום גאָר גיך, ווי רויך פאַרשוואונדן. געגן די צעשטערנד־ווירקענדע כחות דאַן אין אידישן לעבן האָט דאָס אידנטום דאַן ניט געקענט אַרויסשטעלן אַ באַדייטנדע מחנה פון אינערלעכע בוי־ענדע, געגן־ווירקנדע כחות. די מאָראַלישע געפאַלנקייט, אין וועלכע עס פלעגן אין די פריערדיקע צייטן די אידן פון ארץ ישראל אריינ־פאַלן, האָט געטראָגן דעם כאַראַקטער פון אַ מין עפּידעמיע. זי האָט כמעט, דאַן דאָס גאַנצע פאָלק אַרומגענומען און דעריבער פלעגן די קריטישע מאָמענטן, וואָס פלעגן פאָרקומען דאַן אין אידישן לעבן, טראָגן אויף זיך אַ סך מער דעם כאַראַקטער פון אַן ערשטער פאַזע פון אַ פאַנאַנדערפאַלונגס־פּראָצעס, אין וועלכער עס וועדן שוין אויך געטראָגן די קערנדלעך פון דער לעצטער פאַזע זיינער ווי דעם כאַראַקטער פון גלאַט אַזוי אַ קריזיס.

גאַנץ אַנדערש איז דאָס אָבער איצט געווען. איצט זיינען די דאָזיקע קריטישע מאָמענטן אין אידישן לעבן געווען ווירקלעך, ניט מער, ווי נאָר אַ קריזיס. אמת זייער אַ שווערער קריזיס, וועלכער האָט אין זיך די מעגלעכקייט אויך פאַר אַן אָנקומענדער געפאַר געטראָגן. זיי זיינען אָבער דאָך ניט די געפאַר אַליין געווען, ווי עס זיינען די קריטישע מאָמענטן אין יענע פריעריקע צייטן געווען. ווי שווער דער קריזיס איז ניט געווען, ווי גרויס איז ניט געווען די מעגלעכקייט פאַר דעם אָנקומען פון אַ שלעכטן פינאַל פאַר אים, איז נאָך גרעסער געווען די מעגלעכקייט, אַז דאָס אידנטום זאָל פון אים בשלום אַרויסקומען.

דאָס אידנטום האָט שוין דאַן צופיל איינגעפונדעוועטן און איינ־טענסיוון אינהאַלט פאַרמאָגט, עס זאָל ניט געווען קענען דאַן אַ ווידערשטאַנד אַרויסווייזן, ווען עס איז אַ געפערלעכער אַטאַקע אונ־טערגעוואָרפן געוואָרן. עס האָט דאַן, ווירקלעך, שוין צופיל פילפאַר־צווייגטן און וואָגיקן פאַרמעגן פאַרמאָגט, עס זאָל געווען מוזן דורך אַן אָנגריף, ווי שטאַרק ער האָט ניט געמעגט זיין, פון דער וועלט פאַרשוואונדן. דאָס אידנטום איז שוין דאַן אויף פעסטע יסודות

געשטאַנען, און ווי שטאַרק עס האָט ניט געקענט זיין דעריבער דאָס האַמערן פון צעשטערנדע כחות איבער דעם בנין זיינעם, איז דאָך נאָך אַלץ ווייט געווען די געפאַר, אַז דער בנין וועט גאָר גיך גאָר אינגאַנצן פאַנאַנדערפאַלן.

ווי גרויס עס איז דאָן ניט געווען די צאָל פון צווישן דעם אידישן ישוב, וואָס האָבן אין טיפער מאָראַלער געפאַלנקייט געזונקען, האָט די דאָזיקע נפילה מוסרית דאָך ניט געטראָגן דעם כאַראַקטער פון אן עפּידעמיע, האָט זי דאָך ניט דאָס גאַנצע פאָלק ארומגענומען. גרויס איז געווען די צאָל פון די, וואָס זיינען פאַרפירט געוואָרן, וואָס זיינען פאַרכאַפּט געוואָרן פון שטראָם פון אסימילאַציע און אַלגעמיי-נער דעמאָראַליזאַציע. עס איז אבער נאָך דאן אויך די צאָל פון די, וואָס „לא כרעו לבעל" גרויס געווען, די צאָל פון די, וואָס זיינען ניט מיט דעם אַלגעמיינעם שטראָם הינגעריסן געוואָרן. געגן דער מחנה פון די נעגאַטיווע, צעשטערנדע ווירקנדע דאָן כחות אין אידישן לעבן, האָט דאָס אידנטום דאָן אויך געקענט ארויסשטעלן א באַדיי-טנדע מחנה פון פּאָזיטיווע, בויענדע, געגן ווירקנדע קרעפטן.

און, ווירקלעך, די עלעמענטן פון אידישן ישוב דאָן, וואָס זיינען טריי צו די לערן פון די גרויסע נביאים געבליבן, זיינען ניט נאָר מיט דעם אַלגעמיינעם שטראָם ניט מיטגעגאַנגען, נאָר זיי האָבן זיך אויך געשטעלט געגן איר; זיי זיינען אויך אקטיווע קעמפער געווען. זיי האָבן אן אָנגעשטריינגטן קאַמף געפירט געגן די דעמאָראַליזירנדע כחות און געזוכט צו ברייננגען דעם ישוב צוריק צו דער פריערדיקער מאָראַלער הויך זיינער.

און ווען זיי האָבן געזען, אַז דער קאַמף איז צו שווער פאַר זיי, אַז זיי נויטיקן זיך אין א גרויסן פּראַקטישן פירער, אין אן אנערקענטן אויטאָריטעט, וואָס זאָל מיט זיינע גרויסע אדמיניסטראַטיווע פייאי-קייטן, מיט זיין אומערשראָקענעם מוט און אומערשעפּלעכער ענערגיע קענען די עקזיסטירנדע אומשטענדן באַהערשן און ענדערן, האָבן זיי זייערע אויגן געווענדט קיין פּערסיען צו נחמיהן, וועלכער איז דאָן געווען דער שר המשקים אין קעניגלעכן הויף אין שושן.

נחמיה האָט באַלאַנגט צו דער תלמידים משפּחה פון די גרויסע לעצטע אידישע נביאים, און ווי זיי, איז אויך ער א גרויסער שומר

תורה ומצוה געווען. האָט דאָס אלעס צוזאַמען מיט דעם גרויסן אמט, וואָס ער האָט אין קעניגלעכן הויף פאַרנומען, זיין נאָמען ביז צום העכסטן גראַד ביי די אידן אין פערסיען באַרימט געמאַכט, און ער איז איינער פון די גרעסטע זיילן צווישן די פירער פון דעם פּערסישן אידנטום געוואָרן, און פון פּערסיען איז די רוהם פון נאָמען זיינעם אויך קיין ארץ ישראל פאַרטראָגן געוואָרן. די תלמידים און אָנהייגער פון עזראן האָבן דעריבער אין די שווערע מינוטן פון געפערלעכן קריזיס, וואָס דער אידישער ישוב האָט דורכגעלעבט, זייערע האָפנונגען מיט דער הילף, וואָס זיי קענען פון נחמיהן באַקומען, פאַרבונדן. זיי האָבן געשיקט א דעלעגאַציע צו אים, זי זאָל פאַר אים שילדערן דעם טרויעריקן מצב, אין וועלכן ארץ ישראל געפינט זיך, און בעטן אים, ער זאָל קומען קיין ארץ ישראל און איבערנעמען די פירערשאַפט איבער דעם ישוב אין זיינע הענט. זיי האָבן געהאָפט, אז ער וועט פאַרניכטן די אלע בייזע כחות, וואָס האָבן דאַן אין אידישן ישוב געבושעוועט. זיי האָבן געגלויבט, אז ער וועט דעם לעצטן קלאַפּ געבן די דראָענדע פאַרניכטונגס־געפאַרן פאַר דעם אידישן פאָלק און וועט זיי שוין אויף שטענדיק פון אידישן לעבן פאַריאָגן.

און זייער האָפנונג און גלויבן איז ווירקלעך מקויים געוואָרן.

עס איז פון דאַן אָן פילע מאָל די שיף פון אידישען לעבן פילע בייזע וואַסערן אויסגעקומען דורכצושניידן. ווי גרויס עס זיינען אָבער ניט אין פילע פאַרשידענע עפּאָכן די אויסערלעכע צרות פון אידישן פאָלק געווען, איז אין זיי שוין קיינמאָל ניט די געפאַר געווען, אז זיי זאָלן בכח זיין דאָס אידישע פאָלק פון דער וועלט אומברייגנען. פאַרקערט, אָפטמאָל איז דאָס אידישע פאָלק אלץ מער געלייטערט, אלץ מער־דערהויבן געוואָרן דורך דעם גרויסן צער און פיין, וואָס אים איז אויסגעקומען דורכצולעבן. וואָס גרעסער עס זיינען די יסורים און ענויים זיינע געווען, אלץ מער איז עס געשטאַרקט און געקרעפטיקט געוואָרן אין זיין גלויבן און אין דעם נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין זיינעם.

עס זיינען פון דאַן אָן אייניקע פאַרזוכן געמאַכט געוואָרן אין דער אידישער געשיכטע דאָס אידנטום פון אינוויייניק צו שטירצן. די דאָזיקע פאַרזוכן האָבן זיך אָבער שטענדיק אויף א זייער קליינעם

שטח פון אידישן לעבן קאָנצענטרירט, און האָבן קיינמאָל ניט די ברייטע שיכטן פון פאָלק פארכאפּט. און דעריבער האָבן זיי קיינמאָל ניט קיינע האָפנונגען אויף דערפאָלג געהאט און האָבן קיין ווירקלעכע געפאר פאר דעם אידנטום אין זיך ניט געטראָגן. מען האָט געקענט פּרואוון דאָ אָדער דאָרטן א ציגל פון בנין ארויסנעמען. דעם בנין אָבער אינגאנצן האָט מען שוין מער ניט געקענט רירן.

עס האָבן אין פארשיידענע צייטן די אדער יענע פון די אויבער־שטע צווייגן געקענט פארדארט ווערן און פון בוים אראָפּפאלן. דער בוים אינגאנצן אבער, און די מערסטע צווייגן זיינע און אין דער ערד איינגעוואָרצלטן שטאם זיינעם, איז שטענדיק אין זיין פולער מעכטיקייט אומבארירבאר שטיין געבליבן. די אלע שטרעמונגען און באוועגונגען, וואָס זיינען פאָרגעקומען פון דאן אָן אין אידישן לעבן, וואס האָבן געהאט די טענדענץ אין זיך, אָפּצופרעמדן די טרעגער זייערע פון אידישן פאָלק, פון אידישן גאָט און פון דער אידישער קולטור, זיינען שוין מער קיינמאָל ניט אויף אזויפיל שטארק געווען, זיי זאָלן קענען דראָען דעם אידישן פאָלק מיט נאציאָנאלן אונטער־גאנג, מיט פארניכטונג פאר דעם אידנטום. ווארום, ווי גרויס עס איז ניט אמאָל געווען די צאָל פון די, וואָס האָבן פארטראָטן די דאָזיקע באוועגונגען און שטרעמונגען, איז זי אלץ נאָר פון יחידים פאָרמירט געווען, פון יחידים, וואָס האָט געגן זיך דעם גאנצן רבים פון אידישן פאָלק געהאט, פון דעם גאנצן אידישן רבים, וואָס האָט די דאָזיקע יחידים מיט כרת דן געווען און זיי פון פאָלקס אָרגאניזם אויסגע־שפּיגן.

עס איז דאן דאָס אידישע פאָלק דורך דער טעטיקייט פון עזרא און נחמיה אין אן אייביק דויערנדן מאָנומענטאלן ווערק אי־בערגעשאפן געוואָרן. עס איז דאן שוין אויף שטענדיק די אומצו־שטערבארע איינהייטלעכקייט פון אידנטום אויסגעשמידט געוואָרן, די אומצושטערבארע איינהייטלעכקייט, אויף וועלכער עס האָבן אפילו די רעוואָלוציאָנערסטע ארויסטרעטונגען, וואָס זיינען פאָרגעקומען געגן דעם אין אונזער געשיכטע, קיין שום ווירקונג ניט געהאט.

ז

נחמיה בעט דערלויבניש פון פער־סישן קעניג צו גיין קיין ירושלים

די אורזאכן, וואָס האָבן באוועגן נחמיהן, ער זאָל קומען קיין ארץ ישראל. — די שלעכטע בשורות, וואָס האָבן זיך דערטראָגן צו אים קיין שושן, וואו ער איז דער שר המשקים פון פערסישן קעניג געווען. — דער טרויער, אין וועלכן די דאָזיקע שלעכטע בשורות האָבן אים אריינגעבראכט. — ער זוכט א געלעגנהייט אויף צו בעטן דעם קעניג, ער זאָל אים דערלויבן פאָרן קיין ארץ ישראל צו אהבעטן פאר דעם ווארלזיין פון זיינע ברידער דאָרטן. — ענדלעך געפינט ער די פּאַסיקע געלעגנהייט דערויף. — דער קעניג גיט אים דאן דערויף די דערלויבעניש: ער נעמט אָבער אויס א תנאי מיט אים, אז ער מוז זיך נאָך א געוויסער צייט צוריק צו אים אין הויף אומקערן. — דער קעניג גיט מיט רעקאָמענדאציאָנס בריוו נחמיהן צו פילע פון זיינע פאָרשטייער, זיי זאָלן אים אין אלעס באַהילפיק זיין.

ווענן די אורזאכן וואָס האָבן אים געבראכט צו פאָרן קיין ארץ ישראל דערציילט נחמיה אליין — נחמיה א׳ — אין די פאָלגנדע ווערטער:

(דאָס האָט געטראָפן) „אין חודש כסלו אין צוואנציקסטן יאָר. איך בין געווען (דאן) אין דער הויפּט שטאָט שושן. איז געקומען חנני איינער פון מיינע ברידער: ער און (נאָך) מענטשן פון יהודה און איך האָב געפרעגט זיי וועגן די אידן, (וועגן דעם שארית הפליטה, וואָס זיינען איבערגעבליבן פון געפאנגשאפט און וועגן ירושלים״.

„און זיי האָבן געזאָגט צו מיר: די איבערגעבליבענע, וואָס זיינען איבערגעבליבן פון געפאנגשאפט דאָרטן אין דער מדינה, געפינען זיך אין א זייער שלעכטן מצב און אין שאנדע, און דער מויער פון

ירושלים איז צעבראָכן און אירע טויערן זיינען פאַרברענט געוואָרן אין פייער".

„און אז איך האָב דערהערט די דאָזיקע רייד, בין איך געזעסן און געוויינט און איך האָב געטרויערט (אייניקע) טעג „און געפאַסט און מתפלל געווען צו גאָט אין הימל".

„און איך האָב געזאָגט: „איך בעט דיך, גאָט, גאָט אין הימל, דער גרויסער און פּירכטלעכער גאָט, וואָס היט די זיכערקייט און דעם גנאָד צו די, וואָס האָבן אים ליב און היטן זיינע געבאָטן. זאָל, איך בעט דיך, זיין דיין אויער אויפמערקזאַם און דיינע אויגן אָפן צו הערן דאָס געבעט פון דיין קנעכט, וואָס איך בעט פאַר דיר היינט בייטאָג און ביינאַכט וועגן די קינדער פון ישראל דיינע קנעכט און בין זיך מתודה אויף די זינד פון די קינדער פון ישראל, וואָס מיר האָבן געזינדיקט צו דיר, און איך און דאָס הויז פון מיין פאָטער האָבן (אויך) געזינדיקט. מיר האָבן זיך געפירט זייער פאַרדאָרבן אנטקעגן דיר און מיר האָבן ניט אָפּגעהיט די מצוות און די געזעצן און די משפטים, וואָס דו האָסט אָנגעזאָגט משהן דיין קנעכט. גע־דיינק, איך בעט דיך, דאָס וואָרט, וואָס דו האָסט געגעבן צו משהן דיין קנעכט אַזוי צו זאָגן: אז איר וועט פעלשן, וועל איך צעשפּרייטן אייך צווישן די פעלקער, און אז איר וועט זיך אומקערן צו מיר און איר וועט היטן מיינע מצוות און איר וועט טאָן זיי — איז אויב עס וועט זיין אפילו אייער פאַרשטויסונג אין עק הימל, וועל איך פון דאָרטן זיי צענויפקלייבן און ברענגען זיי צום אָרט, וואָס איך האָב אויסדערוויילט צו מאַכן רוען מיין נאָמען דאָרטן. און זיי זיינען דיינע קנעכט און דיין פאָלק, וואָס דו האָסט אויסגעלייזט מיט דיין גרויסן כח און מיט דיין שטאַרקער האַנט. איך בעט דיך, גאָט, זאָל דיין אויער אויפמערקזאַם זיין צום געבעט פון דיין קנעכט און צום געבעט פון דיינע קנעכט, וואָס ווילן מורא האָבן פאַר דיין נאָמען. און באַגליק נאָר דיין קנעכט היינט און זאָל ער געפינען רחמים ביי דעם דאָזיקן מאַן. און איך בין געווען (דאַן) א שר המשקים ביי דעם קעניג".

עס האָט אים א שטאַרקער טרויער באַהערשט, ווען ער האָט דערהערט אין וואָס פאַר אַ שרעקלעכן מצב עס געפינט זיך דער אידישער ישוב. ירושלים די שטאָט, וואָס, ווי ער האָט געגלויבט,

דאַרף שטענדיק זיין געשיצט פון גאָט, עס זאָל איר קיין בייז ניט געשען, איז ווי א הפקר זאַך אין די הענט פון די אידישע שונאים איבערגעגעבן געוואָרן, זיי זאָלן קענען טאָן מיט איר, וואָס זיי ווילן. דאָס אויסדערוויילטע פאָלק, וואָס גאָט האָט פון גלות אויסגעלייזט און צוריק אין זיין אייגן לאַנד געבראַכט, איז אויסגעלייזט געוואָרן נאָר דאַרויף, כדי עס זאָל ביי זיך אין לאַנד נאָך פון א פיל גרעסערן גלות, ווי דער גלות אין דער פרעמדער, ליידן.

און ווי גרויס עס איז דער טרויער זיינער געווען, אזוי אנטשיידן איז אויך געווען דער באשלוס זיינער, ער זאָל זיין הויכן קעניגלעכן אמט פאַרלאָזן און צו זיינע ליידנדע ברידער קומען, ער זאָל זייער דערלייזער זיין. ער האָט געגלויבט אין זיינע קרעפטן אין זיין ענערגיע און מוט. ער האָט געהאָפט, אז די פּאָליטישע און אדמי־ניסטראַטיווע דערפאַרונגען, וואָס ער האָט דערוואָרבן אין קעניגלעכן הויף, וועלן אים ביישטיין, ער זאָל קענען די טרויעריקע סיטואציע, אין וועלכער דער ישוב האָט זיך געפונען, מייסטערן. ער האָט אָבער דאָך ניט געקענט רעאַליזירן באַלד דעם באשלוס זיינעם. ער האָט פאַרשטאַנען, אז עס וואָלט געווען צו אומטאַקטיש און ריזיקאַליש, ער זאָל אָן א פּאַסיקן מאָמענט דאַרויף בעטן דעם קעניג, ער זאָל אים דערלויבן דעם הויכן אמט זיינעם פאַרלאָזן און קיין ירושלים גיין. ער האָט דעריבער געמוזט אָפּלייגן די נסיעה זיינע ביז עס וועט דער פּאַסיקער מאָמענט קומען, ער זאָל דאַן קענען ריידן מיט דעם קעניג וועגן דעם.

און וואָס מער ער האָט געדאַרפט אויף דער דאָזיקער געלעגנ־הייט וואַרטן אלץ מער איז דער טרויער אין זיין הארצן געוואַקסן.

און עס האָט לאַנג ניט גענומען און דער דאָזיקער טרויער האָט זיך אויך אויף זיין געזיכט אָנגעהויבן אָפּצושפּיגלען.

ער איז פון א טיפן טרויער שטענדיק באהערשט געווען און ער האָט אים ניט געקענט איבערוועלטיקן אזוי, אז, ווען ער איז אפילו פאַר דעם קעניג געשטאַנען, האָט ער זיך קאָנטראָלירן ניט געקענט.

„און עס איז געווען אין חדש ניסן אין צוואנציקסטן יאָר פון קעניג ארתחשסתא — דערציילט נחמיה אליין אין צווייטן קאַפּיטל פון ספר נחמיה" — דער וויין איז (געשטאַנען) פאַר אים און איך האָב (א טרויעריקער) גענומען דעם וויין און געגעבן אים צום קעניג.

און (ביז דאָן) בין איך (קיינמאָל) ניט געווען טרויעריק פאר אים.

„און דער קעניג האָט געזאָגט צו מיר: פאר וואָס איז דיין געזיכט טרויעריק און דו ביזט (דאָך) ניט קראַנק. ניט אנדערש, אז נאָר דיין געמיט איז קראַנק. און איך האָב מיך געשראָקן דאָן זייער".

„און איך האָב געזאָגט צום קעניג: דער קעניג זאָל אייביק לעבן. פאר וואָס זאָל מיין געזיכט ניט טרויעריק זיין, אז די שטאָט, וואו עס געפינען זיך די קברים פון מיינע עלטערן, איז וויסט און אירע טויערן זיינען פארברענט געוואָרן אין פייער".

„און דער קעניג האָט געזאָגט צו מיר: וואָס זשע איז דיין פארלאַנג?"

און איך האָב מתפלל געווען צו גאָט אין הימל און געזאָגט צום קעניג: „אויב פאר דעם קעניג איז עס גוט און אויב דיין קנעכט איז גוט פאר דיר, זאָלסטו מיר שיקן אין יהודה, אין דער שטאָט פון די קברים פון מיינע עלטערן, וועל איך זי אויפבויען".

„און דער קעניג האָט געזאָגט צו מיר ביי דעם וואָס די קעניגין איז געזעסן — אויף ווי לאַנג וועט זיין דיין אוועקגיין און ווען וועסטו זיך צוריקקערן?"

„און עס איז גוט געווען פאר דעם קעניג און ער האָט מיך אוועקגעשיקט. נאָכדעם וואָס איך האָב אים א צייט באשטימט (ווען איך זאָל זיך צוריקקערן).

און איך האָב געזאָגט צום קעניג: „אויב פאר דעם קעניג איז גוט — זאָלן בריוו געגעבן ווערן מיר צו די גובערנאַטאָרן פון יענער זייט טייך, זיי זאָלן מיר באַגלייטן ביז איך וועל קומען קיין יהודה. און א בריוו צו אסף דעם פאַרוואַלטער פון דעם קעניגס וועלדער, אז ער זאָל מיר געבן האָלץ פאר די באַלקנס פון די טויערן פון דער שטאָט און פאר דעם הויז (פון גאָט) און די מויערן פון דער שטאָט און פאר דעם הויז, וואָס איך וועל קומען (וואוינען) דאָרטן".

אומגעריכט, אלזא, פאר אים אליין און דורך אים אליין איז די געלעגנהייט געקומען פאר אים, ער זאָל קענען עפענען זיין האַרץ פאר דעם קעניג און בעטן ביי אים דערלויבניש קיין ארץ ישראל פאָרן. דער גרויסער טרויער זיינער, וואָס ער האָט געטרויערט דערויף וואָס ער קען ניט אזוי גיך זיין הייסן באגער צו קומען קיין ארץ ישראל רעלאַזירן האָט זיין העכסטע באַלוינונג און זיין העכסטן תקון גע־

קראָגן; ער איז אין דעם געגאַרטן שליח פאַרוואַנדלט געוואָרן צו ברייינגען אים די מעגלעכקייט דעם אידעאַל זיינעם צו פאַרווירקלעכן.

דער קעניג האָט באַלד דעם וואונש זיינעם דערפילט. ער האָט אים אַלעס, וואָס ער האָט פאַרלאַנגט, געגעבן, דערלויבנדיק אים צו פאָרן קיין ירושלים צוריק בויען די מויערן פון שטאָט און איינפירן אָרדנונג אין לאַנד.

דער קעניג האָט אים בריוו געגעבן צו פילע פון זיינע פאַר־שטייער, באַפעלנדיק זיי, זיי זאָלן קיינע שטערונגען אים אויף זיין וועג ניט לייגן און אַז זיי זאָלן אים צושטעלן אַזוי פיל געהילץ אויף בויען, וויפיל ער וועט פאַרלאַנגען. ער האָט זאָגאַר אויך מיטגעשיקט אַן עקסקאַדראָן פון מיליטער, ער זאָל נחמיהן אויף זיין וועג באַגלייטן און ער האָט אים אויך דעם טיטול פון גובערנאַטאָר פון יהודה געגעבן. דער איינציקער תנאי, וואָס דער קעניג האָט מיט נחמיהן אויסגענומען איז נאָר געווען דאָס, אַז זיין געפינען זיך אין ירושלים זאָל ניט אויף שטענדיק זיין, נאָר ער מוז זיך אומקערן אין קע־ניגלעכן הויף, ווען עס וועט זיך די געגעבענע אים באַשטימטע צייט ענדיקן.

נחמיה האָט אַלזאָ פאַרלאָזן פערסיע צו גיין קיין ירושלים, צו העלפן עזראַן פאַרענדיקן דעם נייעם גלענצענדן קאַפּיטל, וואָס ער האָט אָנגעהויבן אין דער אידישער געשיכטע.

ווען ער איז פאַרביי געפאָרן די טעריטאָריען, וואָס האָבן באַ־לאַנגט פריער צו די עשרת השבטים, האָט ער באַוויזן די קעניגלעכע פאַפּירן און שריפטן זיינע צו די פאַרשיידענע פאַרטרעטער פון דער פערסישער מאכט, וואָס האָבן זיך געפונען דאָרטן, און סנבלט און טוביה, די אָנפירער פון די אידישע שונאים, זיינען אַזוי אַרום געוואָר געוואָרן וועגן דער נסיעה זיינער קיין יהודה און וועגן די צילן און צוועקן אירע. און זיי האָבן געפילט, אַז עס גרייט זיך געגן זיי א שטורם, וואָס קען פאַרניכטונג ברייינגען דער גאַנצער פרוכט פון זייער ביז איצטיקער אידן־פיינדלעכער טעטיקייט.

„און סנבלט החרוני און טוביה דער עבד העמוני — ווערט דער־ציילט אין נחמיה ב׳ — האָבן דאָס דערהערט און עס האָט זיי זייער שטאַרק געקריינקט, וואָס א מאַן איז געקומען צו זוכן דאָ וואוילזיין פאַר די אידן".

נחמיה בעט דערלויבניש פון פערסישן קעניג צו גיין קיין ירושלים

זיי האָבן זיך שוין איינגעלעבט מיט דעם געדאַנק, צו באַטראַכטן די אידן אלס הפקר און שוצלאָז און הילפלאָז, וואָס יעדער איינער קען טאָן מיט זיי וואָס ער וויל. און דאָ איז אזוי אומגעריכט פאר זיי געקומען איינער פון זיי אלס פארטרעטער פון דער פערסישער מאכט איבער גאנץ יהודה מיט קעניגלעכער פולמאַכט צו טאָן מיט זיי וואָס ער וועט נאָר וועלן און קענען באפרייען די ברידער זיינע פון דער געדריקטער לאַגע, אין וועלכער זיי געפינען זיך.

ה

נחמיה ביי דער ארבעט

קומענדיק קיין ירושלים פאַרברענגט נחמיה דריי טעג גאַנצע אין התבודדות. — ער ארבעט דאָן אויס פּלענער, ווי אזוי ער זאָל מיט זיין ארבעט פאַר דער אויפריכטונג פון ישוב אָנגיין. — ערשט נאָכדעם קומט ער זיך מיט דער פּני פון ירושלים צוזאמען. — זייער שטוינונג און איבעראשונג, ווען זיי האָבן געהערט פון אים, ווי אזוי און צוליב וואָס ער איז קיין ארץ ישראל געקומען. — דער ענטוזיאזם וואָס נחמיהס קומען האָט ביי דעם גאנצן אידישן ישוב ארויסגערופן. — די קנאה שנאה געפילן פון די אידישע שונאים. — דער קאמף פון מסירות און בלבולים, וואָס זיי הויבן אָן פירן קעגן אים. — נחמיה נעמט אויף דעם קאמף. — ער נעמט זיך צו באַפעסטיקן ירושלים. — די רשעות פון די צוויי שונאים פון ישוב — סנבלט החורני און טוביה העמוני. — די שווערע באַדינגונגען אונטער וועלכע נחמיה און דאָס פאָלק זיינען אָנגעגאנגען מיט זייער ארבעט די מויערן ארום ירושלים אויפצושטעלן. — „מיט איין האנט האָבן זיי די שווערד געהאלטן און מיט דער צווייטער האַנט האָבן זיי זייער ארבעט געטאָן”.

ווען נחמיה איז געקומען — אין סוף זומער פון 445 פאַר דער נייער ציטרעכנונג — קיין ירושלים האָט ער דריי טעג גאנצע פאַרבראכט אין התבודדות און ער האָט מיט קיינעם גאָר ניט גערעדט וועגן דער רייזע זיינער. אפילו די פירער פון ישוב אין ירושלים האָט ער די צוועקן פון זיין רייזע ניט פארטרויט. ער האָט דאס אלעם אויך פאר זיי אלס סוד געהאלטן. ער האָט די דאָזיקע דריי טעג אין פאָלשטענדיקער אָפּגעזונדערטקייט פון זיינע מענטשן זיך געהאלטן. ער האָט ראשית כל געוואָלט זיך באקענען גוט מיט דעם מצב פון דער שטאָט, וואו ער וועט דארפן זיין טעטיקייט אָנפירן, און באַאָבאַכטן פון דער זייט די באפעלקערונג, צווישן וועלכער און מיט דער הילף פון וועלכער ער וועט מיט זיין טעטיקייט דאָרטן אָנגיין.

און ערשט נאָכדעם, וואָס ער האָט אַ גאַנצע נאַכט, נאָך די דריי טעג, פאַרבראכט אויסערן שטאָט, באטראַכטנדיק די איינגעפאַלענע ווענט ארום ירושלים און האָט אויסגעארבעט א פּלאן, ווי אזוי זיי צו פאַר־ריכטן, האָט ער די פּני פון ירושלימער ישוב צונויפגערופן און דער־

ציילט זיי צו זייער שטוינונג און איבערראַשונג, אַז דער קעניג ארתחשסתא האָט אים פולמאַכט געגעבן ניט נאָר די געמויערטע ווענט אַרום ירושלים איבערצובויען, נאָר אויך צו רעגירן איבער דעם גאַנצן לאַנד. און אַז ער איז געקומען מיט דעם געדאַנק, ער זאָל איינמאָל פאַר אַלע מאָל אַן ענדע מאַכן צו דער אומערטרעגלעכער לאַגע, אין וועלכער דער ישוב געפינט זיך.

די דערקלערונג פון נחמיה, אַזוי אויך די רייד פון קעניג, וואָס ער האָט זיי איבערגעגעבן, האָט ביי די אַלע פאַרזאַמלטע פיל פרייד אַרויסגערופן און זיי האָבן אַלע פאַרשפּראָכן אים אַלעס, וואָס וועט נאָר אין זייער מעגלעכקייט זיין צו טאָן, ער זאָל קענען זיין מיסיאָן דורכפירן. דער ענטוזיאַזם פון מאָמענט האָט אויך פאַרכאַפּט אַפילו די קרייזן, וואָס האָבן געמישטע הייראַטן פּראַקטיצירט און האָבן זיך געפריינדט מיט די פרעמדע פעלקערשאַפטן פון יהודה.

און איך האָב געזאָגט צו זיי — דערציילט זיך וועגן דעם אין נחמיה ב׳ — איר זעט דאָך דאָס שלעכטס, אין וועלכן מיר געפינען זיך, ווי ירושלים איז וויסט און אירע טויערן זיינען פאַרברענט גע־וואָרן אין פייער. קומט און לאָמיר בויען די ווענט פון ירושלים און לאָמיר ניט זיין מער צו שאַנדע. און איך האָב זיי דערציילט, ווי די האַנט פון גאָט איז גוט אויף מיר, און אויך די רייד פון קעניג. און זיי האָבן געזאָגט צו מיר: „מיר וועלן אויפשטיין און בויען, און זיי האָבן געשטאַרקט זייערע הענט צום גוטן".

און דער ענטוזיאַזם, מיט וועלכן דער אידישער ישוב אין יהודה האָט זיך אָפּגערופן אויף דעם רוף פון נחמיה, האָט נאָך מער דאָס קנאה שנאה פייער, וואָס האָט אין די הערצער פון סנבלט און טוביה געברענט, צעבלאָזן, און זיי האָבן זיך שוין אָנגעהויבן צוגרייטן מיט דעם אַלטן וואָפן זייערן זיך צו באַנוצן, מיט דעם וואָפן פון ליג־נערישע מסירות און בלבולים.

„און סנבלט החורני און טוביה*) דער עבד העמוני און גשם דער

---

*) טוביה ישראל רשע היה — רש״י, נחמיה ו׳, און אין „קידושין" ע׳ זעט אויס, אַז אויך טוביה איז קיין איד ניט געווען. זע די „וצריך עיון" הגהה אין דער אויבנדערמאָנטער רש״י. ביי געוויסער אָנשטרענגונג אָבער קען מען דעם צריך עיון פאַרענטפערן. און צום סוף פון ווערק וועלן מיר אין די נוספות — דעם ענין אַרומרעדן.

אַראָבער האָבן דאָס דערהערט און זיי האָבן געשפּאָט פון אונז און מבזה געווען אונז און זיי האָבן געזאָגט: וואָס איז עס די דאָזיקע זאַך, וואָס איר טוט? ווילט איר אין דעם קעניג מורד זיין?"

נחמיה האָט זיך אָבער ניט דערשראָקן פאַר די אַנצוהערענישן זייערע אויף די מסירות, צו וועלכע זיי גרייטן זיך, און ער האָט זיי שאַרף און אַנטשלאָסן אָפּגעענטפערט און געזאָגט צו זיי: גאָט אין הימל וועט באַגליקן אונז, און מיר, זיינע קנעכט, וועלן אויפשטיין און בויען, און איר וועט קיין חלק און קיין רעכט און קיין זכר ניט האָבן אין ירושלים.

מיט דער גאַנצער ענערגיע פון זיין אַקטיווער און טעטיקער נאַטור האָט זיך נחמיה גענומען באַלד צו דער אַרבעט אויף פעסטע און זיכערע יסודות דעם ישוב אוועקצושטעלן. און דאָס ערשטע, וואָס ער האָט זיך גענומען צו טאָן, איז געווען די געמויערטע ווענט אַרום ירושלים צו בויען. עס איז זיין ערשטע זאָרג געווען די שטאָט צו באַפעסטיקן. און ער האָט אַליין זיך אָפּגעגעבן מיט דער אָנפירונג פון דער אַרבעט, אין דינסט פון וועלכער ער האָט אַלע זיינע אָרגאַניזאַטאָרישע פייאיקייטן געשטעלט. דורך אַ מוסטערהאַפטער פאַרנאַנדערטיילונג פון דער אַרבעט האָט ער פיל פאַרגרינגערט פאַר זיך די שווערע אויפגאַבע, וואָס ער האָט פאַר זיך געהאַט.

ווי גרויס עס איז אָבער געווען דער ענטוזיאַזם און די וואונדערבאַרע אָרגאַניזאַטאָרישע פייאיקייטן, מיט וועלכע ער האָט זיך אין דער אַרבעט אַריינגעוואָרפן, אַזוי גרויס זיינען אויך געווען די אויסערלעכע שטערונגען, אויף וועלכע ער האָט זיך אין זיין אַרבעט אָנגעשטויסן.

סנבלט און טוביה, וועלכע האָבן געמוזט צו דער איבערציינגונג קומען דורך נחמיהס ווערטער צו זיי, אַז זיי וועלן קיין חלק און קיין רעכט און קיין זכר אין ירושלים ניט האָבן, אַז זיי קענען שוין איצט אויך די קלענסטע האָפנונג אפילו ניט האָבן, זיי זאָלן זייער פּאָליטיק אויף דעם אידישן ישוב אין יהודה אַרויפצווינגען, אַז זיי זיינען שוין אויף שטענדיק אָפּגעשניטן געוואָרן פון דעם אידישן אָרגאַניזם, האָבן באַשלאָסן איצט אַ קאַמף אויף לעבן און טויט מיט זייער שונא צו פירן. זיי האָבן געהעצט די פאַרשטייער פון דער פערסישער מאַכט נעגן נחמיהן און געמיט זיך צו וועקן ביי זיי אַ פאַרדאַכט

מצד נחמיה צו מאכן זיי גלויבן, אז ער האָט די אמביציע צו ווערן דער קעניג פון יהודה, און צוזאמען דערמיט האָבן זיי מיט דער הילף פון די געשוואָרענע אידישע שונאים, די שומרונים, אויך געזייט מוטלאָזיקייט צווישן דער אידישער באפעלקערונג.

„און אז סנבלט האָט דערהערט — ווערט דערציילט אין נחמיה ג׳ — אז מיר בויען די וואנט, האָט דאָס אים פארדראָסן און ער איז זייער אין כעס געוואָרן און ער האָט געשפּאָט פון די אידן. און ער האָט געזאָגט פאר זיינע ברידער און פאר דעם חיל פון שומרון: „וואָס טוען עס די אומגליקלעכע אידן? וועלן זיי ענדיקן די ארבעט אין איין טאָג? וועלן זיי לעבעדיק מאכן די שטיינער פון צווישן די הורבעס אש און זיי זיינען דאָך פארברענט? און טוביה העמוני איז געווען נעבן אים און ער האָט געזאָגט: און אפילו, אז זיי בויען — אויב עס וועט א פוקס פארביילויפן וועט ער איינברעכן די שטיינערנע וואנט זייערע”.

און אויך די אינערלעכע שטערונגען זיינען שווער געווען. ווארום נאָך אלעמען האָט ער געהאט צו טאָן מיט א מענטשן מאַטעריאל, וואָס איז אין גרעסטן טייל זיינעם דיסאָרגאניזירט געווען, וואָס איז ניט דערצויגן געוואָרן צו קענען פנים אל פנים א געפאר באגעגענען, וואָס איז שוואך און אָנגעשראָקן געווען.

און פיל אָנשרענגונג האָט געמוזט נחמיהן קאָסטן, ער זאָל קענען גובר זיין די דאָזיקע אלע שטרויכלונגען. פיל אָנשטרענגונג האָט עס אים געמוזט קאָסטן, ער זאָל מיט זיין מוט און אומערשראָקנקייט אלס ביישפיל דינען פאר די, וואָס האָבן אונטער זיין אויפזיכט געארבעט, זיי זאָלן ניט באאיינפלוסט ווערן פון די שפּאָטענדע רייד פון די אידישע שונאים. ער האָט אונטערדריקט אין זיך דעם טיפן טרויער, וואָס עס האָבן אים די שטראָף רייד פון סנבלט און טוביה פארשאפט און ער האָט זיך און די מיטהעלפער זיינע פאָרטצוזעצן די ארבעט גערופן.

„הער אונז גאָט — מיט די דאָזיקע רירנדע ווערטער פארענדיקט ער די אויבנגעבראַכטע באשרייבונג — ווי מיר זיינען געוואָרן צו שאנדע און קער אום זייער לעסטערונג אויף זייערע קעפּ און גיב זיי צו רויב אין לאנד פון געפאנגנשאפט. און דו זאָלסט ניט פאר־

דעקן זייערע פאַרברעכנס און זייערע זינד זאָלסטו ניט אָפּמעקן פון פאַר דיר. ווארום זיי האָבן געצאָרנט אנטקעגן די בויער".

און נאָך ווילדער און בייזער איז דער כעס פון די אידישע שונאים געוואָרן, ווען זיי האָבן געזען, אז די ווענט פון דער פעסטונג ארום ירושלים זיינען שוין ביז צו זייער האַלבער הויך אויפגעשטעלט געוואָרן, און זיי האָבן באַשלאָסן, זיי זאָלן זיך איצט מיט מער ווירקזאַמע מיטלען אין זייער קאַמף געגן דער באַפעסטיקונג פון דער שטאָט באַנוצן. די אַלע אידישע שונאים: סנבלט און טוביה און די ערביים און די עמונים און די אשדודים, האָבן זיך דאָן פאַראייניקט און האָבן באַשלאָסן א באַוואָפנטן איבערפאַל מאַכן אויף דער אויפגעשטעלטער פעסטונג. די אידישע שונאים האָבן דעם דאָזיקן באַשלוס בסוד געהאַלטן. נחמיה איז אבער געוואויר געוואָרן דערפון און ער האָט זיך צוגעגרייט מוטיק און אומדערשראָקן אויך דעם דאָזיקן ארויסטרעט פון די אידישע שונאים צו באַגעגענען.

אויב אָבער ער איז מוטיק און אומדערשראָקן געבליבן, האָט אָבער ביי די, וואָס האָבן געאַרבעט ביי דער פעסטונג א זייער געדריקטע שטימונג געהערשט. זיי האָבן זיך פאַר דעם דערוואַרטעטן איבערפאַל געשראָקן.

„און יהודה האָט געזאָגט — ניט נחמיה*) איבער די שטימונג, וואָס האָט געהערשט דאָן אין יהודה: — עס איז שוין געשטרויכלט געוואָרן דער כח פון די, וואָס טראָגן די משא, און דער בוי מאַטעריאַל איז נאָך פיל, און מיר קענען ניט בויען מער די פעסטונג, און אונזערע שונאים האָבן געזאָגט: זיי וועלן גאָר ניט וויסן און גאָר ניט זען ביז מיר וועלן צוקומען צו זיי און דערהרגענען זיי און בטל מאַכן די ארבעט. און אז עס זיינען געקומען די אידן, וואָס וואוינען נעבן זיי, האָבן זיי צו אונז א צען מאָל געזאָגט: „פון די אַלע ערטער, וואָס איר וועט זיך אומקערן (אהיים) וועלן זיי אונז באַפאַלן".

נחמיה אָבער האָט זייער מוט געשטאַרקט און געוועקט ביי זיי גלויבן און האָפענונג, אז עס וועט זיך זיי אויך די צווייטע העלפט פון די געמויערטע ווענט איינגעבן אויפצושטעלן, ווי עס האָט זיך זיי איינגעגעבן אויפצושטעלן די ערשטע העלפט.

*) נחמיה ד׳.

„און איך בין אויפגעשטאַנען — דערציילט נחמיה ווייטער אין זעלבן קאַפּיטל — און געזאָגט צו די אדל־לייט און צו די סגנים און דעם איבעריקן פאָלק: „איר זאָלט קיין מורא ניט האָבן פאַר זיי. דעם גרויסן און שרעקלעכן גאָט געדענקט און האַלט מלחמה פאַר אייערע ברידער, פאַר אייערע זין און אייערע טעכטער, אייערע פרויען און אייערע הייזער".

דער רוף פון נחמיהן צו פאַרנעמען זיך מיט דעם ענדיקן פון די מויערן ארום ירושלים האָבן דעם געווינשטן איינדרוק געמאַכט אויף דער אידישער קהלה אין ירושלים. ניט נאָר האָבן די אַלע, וואָס זיינען פריער באַשעפטיקט געווען מיט דער ארבעט פון באַ־פעסטיקן די שטאָט — ניט נאָר זיי אַליין האָבן באַשלאָסן אויך ווייטער די דאָזיקע ארבעט פאָרטצוזעצן, נאָר עס האָבן זיך אָנגע־שלאָסן אויך נייע מיטגלידער אין די רייען פון די אנטייל נעמער אין דער דאָזיקער ארבעט.

„גאָט האָט די עצה (פון די אידישע שונאים) צעשטערט און זיי האָבן זיך אַלע — אַלע די וואָס זיינען באַשעפטיקט געווען ביז יעצט ביים בויען די מויערן — אומגעקערט צו די מויערן — יעדער איינער צו דער ארבעט זיינער".

די שונאים פון אידישן ישוב האָבן זיך צוריקגעהאַלטן פון אויספירן די געפּלאַנטע אַטאַקע זייערע אויף די, וואָס זיינען באַשעפ־טיקט געווען ביים בויען די מויערן פון ירושלים, נאָכדעם, וואָס זיי זיינען געוואָרן, אז דער אידישער ישוב האָט זיך פון דעם סוד דערוואוסט.

ניט אָבער דערפאַר, ווייל ער איז זיכער געווען, אז ער וועט איצט קענען רואיק אָנגיין מיט דער בויאונגס־טעטיקייט האָט נחמיה די דאָזיקע ארבעט פאָרטגעזעצט. ער האָט כלל ניט די דאָזיקע זיכער־קייט פאַרמאָגט. ער האָט זיך גערעכט, אז די אידישע שונאים וועלן נאָך אַלץ פּרובן מיט געווער אין האַנט צו שטערן אים אין דער בויאונגס־ארבעט. ער האָט די דאָזיקע בויאונגס־ארבעט פאָרטגע־זעצט טראָץ דעם, וואָס ער האָט א מעגלעכן שווערן קאַמף דער־ווארטעט. ער איז גרייט געווען דעם ווידערשטאַנד פון שונא צו באַגעגענען.

און דעריבער האָט ער זיך מיט די אַלע נויטיקע פּאָרזיכטיקייטן באַוואָרנט, אַז אויב עס וועט מצד די אידישע שונאים אַן אַטאַקע פּאָרקומען, זאָל זי ניט קיין פּלוצלינגע זיין, זאָל ער צו איר צוגעגרייט זיין. און דעריבער האָט ער די אַלע נויטיקע פּאָרבאַרייטונגען געמאַכט, אַז אין פאַל עס וועט אַזאַ אַטאַקע פּאָרקומען זאָל ער זי קענען באַגעגענען ווי געהעריק, זאָל ער זי אָפּשלאָגן ווי געהעריק.

נחמיה האָט באַוואָפנט אייניקע פון זיינע לייט, וואָס ער האָט מיט זיך געבראַכט קיין ירושלים, ווי אויך פילע פון די פּני פון אידישן ישוב אין ירושלים און זיי אויף דער וואַך געשטעלט, זיי זאָלן דאָס אָנקומען פון שונא היטן. יעדער אַרבעטער האָט געהאַט „אויף די לענדן זיינע אַ שווערד אָנגעגאַרטלט". יעדער איינער וואָס איז געווען באַשעפטיקט מיט טראָגן די מאַטעריאַלן פאַר בויען די מויערן, האָט מיט איין האַנט די שווערע משא זיינע געטראָגן און מיט דער צווייטער האַנט האָט ער זיין געווער געטראָגן. נחמיה אַליין איז שטענדיק אויף דעם פּלאַץ געווען און איז אַרומגעגאַנגען שטענדיק אין דער באַגלייטונג פון אַ טרומפּייטאַר, דורך וועלכן ער זאָל קענען צו יעדן מאָמענט אַרום זיך דאָס פאָלק צענויפזאַמלען, ווען ער וועט אַ געפאַר פון דעם אָנקומען פון שונא דערפילן. און כדי די אַרבעט זאָל וואָס שנעלער פאַרענדיקט ווערן, איז זי אומאויפהערלעך פאָרט־געזעצט געוואָרן פון זון־אויפגאַנג ביז זון־אונטערגאַנג אין דער צייט, ווען אַ טייל פון פאָלק איז טאָג און נאַכט אינעווייניק אין שטאָט אויף דער וואַך געשטאַנען שטענדיק.

„און פון יענעם טאָג אָן — ווערט אונז אין די פאָלגנדע ווער־טער דאָס בילד געשילדערט וועגן דעם, ווי אַזוי די אַרבעט איז אָנגעגאַנגען — איז די אַלע, וואָס האָבן געבויט דעם מויער און געטראָגן די משא און אָנגעלאָדן די משא — האָבן זיי מיט איין האַנט געטאָן די אַרבעט און מיט דער אַנדערער געהאַלטן די שווערד".

„און די בויער — איז יעדער איינער זיין שווערד אָנגעבונדן אים געווען אויף זיינע לענדן און זיי האָבן געבויט. און דער שופר בלאָזער איז נעבן מיר געווען".

„און איך האָב געזאָגט צו די אדלליט און צו די פירער און צו דעם איבעריקן פאָלק: די מלאכה איז פיל און פאַרשפּרייט און מיר זיינען אָפּגעזונדערט אַרום דעם מויער, ווייט איינער פון צווייטן

— (איז) פון דעם אָרט, פון וואנען איר וועט הערן דאָס קול פון שופר (קומען) — אהינצו זאָלט איר זיך צענויפזאמלען צו אונז און אונזער גאָט וועט קעמפן פאר אונז".

„אָט אזוי זיינען מיר ביי אונזער ארבעט געווען באשעפטיקט א העלפט פון אונז האָבן געהאלטן די שפּיזן פון זינט דער מאָרגן שטערן איז אויפגעגאנגען ביז די שטערן האָבן זיך באוויזן".

„און אין יענער צייט האָב איך אויך געזאָגט צום פאָלק: זאָל יעדער איינער און זיין יונגלינג נעכטיקן אין ירושלים אזוי זיי זאָלן אונז דינען אין דער נאכט צייט פאר א וואָך, און אין דער טאָג צייט פאר דער ארבעט".

„און ניט איך און ניט מיינע ברידער און ניט מיינע יונגלען, מיינע נאָכפאָלגער — קיינער פון אונז האָט פון זיך זיינע קליידער ניט אראָפּגענומען אויף ארומצואוואשן זיך אפילו".*)

אונטער אזוינע מערקווירדיקע אומשטענדן איז נחמיה מיט די מיטהעלפער זיינע מיט דער ארבעט פון בויען די מויערן ארום ירושלים אָנגעגאנגען. זיי האָבן זיך מיט איר אומאונטערבראָכן און אומדערשראָקן באשעפטיקט ביז זיי האָבן אין א גאָר קורצער צייט פארהעלטניסמעסיק שוין די גאנצע ארבעט פארענדיקט. זיי האָבן זיך געפילט די גאנצע צייט, וואָס זיי זיינען אָנגעגאנגען מיט זייער ארבעט, גלייך, ווי זיי וואָלטן זיך אויף א שלאכטפעלד געפונען, זיי האָבן יעדן מאָמענט אָן אָנפאַל פון א בלוטיקן שונא דערווארטעט און זיינען אויך צו יעדן מאָמענט אויך גרייט געווען דעם האמער און די לאָפּעטע, וואָס האָבן זיי באשעפטיקט געהאלטן אויף שווערד און שפּיז צו פארבייטן.

קיין גרויסע און שווערע שטערונגען האָט נחמיה ניט געהאט אין משך פון דער גאנצער צייט, וואָס ער איז אָנגעגאנגען מיט דער ארבעט פון ענדיקן דאָס בויען די מויערן ארום ירושלים. ווען סנבלט און זיינע מענטשן האָבן געזען, אז דער אידישער ישוב איז גרייט מיט א בלוטיקן קאמף צו באגעגענען זייער ווידערשטאנד, האָבן זיי זיך אָפּגעזאָגט פון געדאנק אויסצופירן דעם געפּלאנטן איבערפאַל זייערן.

*) דאָרטן.

פון קליינע שטערונגען און שטרויכלונגען האָבן זיי אָבער דאָך געהאַט צו ליידן.

אנשטאָט צו שטערן די ארבעט דורך אן אָפענעם קאַמף, האָט סנבלט געזוכט איצט צו דערגרייכן דעם צוועק זיינעם דורך אינטריגן און העצערייען. ער האָט פארשפרייט קלאַנגען צווישן דער אידישער באַפעלקערונג, אז באַלד נאָכדעם ווי די מויערן ארום ירושלים וועלן פאַרענדיקט זיין, וועט זיך נחמיה אלס קעניג איבער יהודה פראָקלאַמירן און וועט א בונט אנטקעגן דער פערסישער מאַכט אויפהויבן.

און פילע פון די מער מוטלאָזע און אָנגעשראָקענע נאַטורן האָבן זיך אויך געלאָזט באאיינפלוסן פון די קלאַנגען. אייניקע פון זיי האָבן זיך זייער אומרואיק אָנגעהויבן צו פילן און האָבן אָנגעהויבן צו טראַכטן פון דער ארבעט זיך אָפזאָגן, כדי אויך זיי זאָלן ניט אלס מורדים פון דער פערסישער מאַכט באַטראַכט ווערן און עס זאָל זיי ניט איר שטראָף דערגרייכן.

ט

נחמיהס אָנגעשטרענגטע ארבעט ווערט מיט דערפאָלג געקרוינט

מסירות און שפּיאָנאַזש. — אייניקע פּסולת עלעמענטן פון אידישן ישוב שטייען אין פארעטערישער קאָרעספּאָנדענץ מיט די אידישע שונאים. — מיט פאַלשער פריינדשאפט און אָפענער דראָהונגס־פיינדשאפט זוכן זיי זייערע פארעטערישע צוועקן צו דערגרייכן. — אייניקע אדל־לייט ווילן אויף א פרידלעכן באַזוך נחמיהן פארנארן מיט דעם צוועק, זיי זאָלן אים ערמאָרדן, ווען ער וועט קומען צו זיי. — די הילף, וואָס די נביאי השקר האָבן זיי געלייסטעט. — נחמיהס פאָרזיכטיקייט ראַטעוועט אים פון דער געפאר, וואָס האָט אים געדראָהט. — די פאַרענדיקונג פון בויען די פעסטונג. — די נייע ווענדונג, וואָס די רשעות פון די אידישע שונאים האָט איצט אָנגענומען.

צווישן די עלעמענטן, וואָס האָבן זיך געלאָזט באאיינפלוסן פון דעם שרעק, וואָס די שונאים פון אידישן ישוב האָבן ארויפגעוואָרפן אויף זיי, האָבן זיך אויך אייניקע געמיינע און נידעריקע נפשות געפונען, וואָס האָבן זיך אויך מיט מסירה און שפּיאָנאַזש פארנומען. זיי זיינען אין שטענדיקער פארעטערישער קאָרעספּאָנדענץ געשטאַנען מיט די אידישע שונאים און מיט זייער אינפאָרמאציע און מיט זייערע עצות זיינען זיי צו הילף זיי געקומען.

און אממערסטן האָבן זיך מיט דער דאָזיקער נידערטרעכטיקער טעטיקייט באשעפטיקט יענע אידישע עלעמענטן פון צווישן די ירושלימער אדל־לייט, וועלכע האָבן זיך אין פאַמיליען פארוואַנד־שאַפט געפונען מיט אייניקע פון די פאַמיליען פון די אידישן שונאים.

„נאָכמער — ווערט וועגן דעם אין נחמיה ו׳ דערציילט. — די אדל־לייט פון יהודה האָבן פילע בריוו געשיקט אין יענע טעג צו טוביהן, און (בריוו) פון טוביהן פלעגן אויך קומען צו זיי".

„ווארום ער האָט פילע געשוואָרענע פריינט געהאט אין יהודה, ווייל ער איז אן איידעם געווען צו שכניה בן ארח און יהוחנן זיין זון האָט גענומען די טאָכטער פון משולם בן ברכיה. זיי פלעגן אויך פאר מיר זיינע גוטע מעשים דערציילן און מיינע רייד האָבן זיי צו אים געבראַכט, און טוביה פלעגט שיקן בריוו צו מיר צו שרעקן מיך".

און ניט נאָר דורך דראָונגס־בריוו אליין האָבן געזוכט די אידישע שונאים זייער צוועק צו דערגרייכן, זיי האָבן צו אים — צו נחמיהן — אויך פריינדלעכע בריוו געשיקט. זיי האָבן אים געוואָלט דורך פאַלשער פריינטשאַפט פארנארן. זיי האָבן געזוכט א געלעגנהייט צו דערמאָרדן אים פאררעטעריש, ווען ער וועט צו זיי אויף זייער איינלאַדונג מיט א פרידלעכן באזוך קומען.

„און עס איז געווען — לייענען מיר וועגן דעם אין נחמיה ו' — ווען עס איז דערהערט געוואָרן צו סנבלטן, צו טוביהן און צו גשם דעם ערבי — און צו די איבעריקע שונאים אונזערע, אז איך האָב געבויט די פעסטונג און עס איז אין איר קיין דורכברעכונג ניט איבערגעבליבן — האָבן סנבלט און גשם געשיקט צו מיר אזוי צו זאָגן: קום לאָמיר זיך צענויפקומען אין כפירים, אין טאָל אונו — און זיי האָבן געדיינקט צו טאָן בייזעס מיט מיר".

האָב איך געשיקט זאָגן צו זיי אזוי צו זאָגן: א גרויסע ארבעט טו איך און איך קען ניט גיין. פאר וואָס זאָל פארשטערט ווערן די ארבעט, ווען איך וועל זי אָפּלאָזן און קומען צו אייך"?

„און זיי האָבן געשיקט צו מיר אויף דעם זעלבן אופן פיר מאָל — און איך האָב זיי אלץ דאָס אייגענע געענטפערט".

„האָט געשיקט צו מיר סנבלט אויף דעם זעלבן אופן א פינפטן מאָל — זיין יונגליג און אן אָפענער בריוו (איז געווען) אין זיין האַנט, אין וועלכן עס איז געווען אָנגעשריבן: עס איז דערהערט געוואָרן צווישן די פעלקער און גשמו זאָגט, אז דו און די אידן וועלן מורד זיין. דעריבער בויסט דו דעם מויער. און דו וועסט זיין זייער קעניג — לויט די דאָזיקע קלאַנגן. און אויך נביאים האָסטו אָנגעשטעלט, זיי זאָלן אויסרופן וועגן דיר אין ירושלים אזוי צו זאָגן: דער מלך פון יהודה.

און אצינד — קען נאָך דאָס אַלעס דער מלך הערן — לאָמיר דעריבער זיך גיין בעראַטן צוזאַמען".

„און איך האָב געשיקט צו אים אַזוי צו זאָגן: עס איז קיינמאָל ניט פאָרגעקומען אָט דאָס אַלעס, וואָס דו זאָגסט, ווארום פון דיין הארצן טראַכסטו דו עס אויס".

קיינע מיטלען האָבן גאָר ניט געמיין אויסגעזען אין די אויגן פון די אידישע שונאים, זיי זאָלן זיך מיט זיי פאַר זייערע צוועקן באַנוצן. זיי האָבן אויך אייניקע פון די נביאי השקר — צווישן די דאָזיקע נביאי השקר פיגורירט אויך א פרוי מיט דעם נאָמען נועדיה הנביאה*) — אונטערגעקויפט, זיי זאָלן מיט זייערע פאַלשע נבואות נחמיהן פאַרפירן.

„און איך בין געקומען—דערציילט נחמיה אליין אין נחמיה ו' — אין הויז פון שמעיה בן דליה בן מהיטבאל, וועלכער איז געווען אָפּגעזונדערט און ער האָט געזאָגט: לאָמיר זיך צענויפקומען אין הויז פון גאָט אין היכל און לאָמיר פארשליסן די טירן פון היכל. ווארום זיי קומען דיך הרגענען. היינטיקע נאַכט וועלן זיי קומען דיך הרגענען".

„און איך האָב געזאָגט: אַזאַ מענטש, ווי איך וועט אנטלויפן? און ווער איז דאָס פון מיין גראַד, וואָס זאָל אריינגיין אין טעמפּל און לעבן. איך וועל ניט אריינגיין".

„און איך האָב דערקענט, אַז ניט גאָט האָט אים געשיקט. אַז די נבואה, וואָס ער האָט מיר געזאָגט — האָבן טוביה און סנבלט אים געדונגען דאַרויף, כדי איך זאָל זיך דערשרעקן און טאָן אַזוי, וועט דאָס מיר מאַכן א שלעכטן נאָמען, און זיי וועלן מיך קענען לעסטערן".

---

*) „זכרה לי אלהי לטובה ולסנבלט כמעשיו אלה וגם לנועדיה הנביאה וליתר הנביאים אשר היו מייראים אותי" — נחמיה, ו'.

און אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם אויסדרוק „נועדיה הנביאה" געפינען מיר די פאָלגנדע אינטערעסאַנטע שטעלע אין אבן עזרא דאָרטן: וגם לנועדיה הנביאה — הסכמת המפרשים שהוא שמעיה בן דליה וקראו כן בעבור שאמר „נועד אל בית האלחים." ומלת הנביאה באה על דרך תיבת נועדיה שהוא כמעט נקיבה בדבר ואיננה על דרך הענין, כטעם „אמרה קהלת". ולאמר, כי נועדיה היתה אשה התנבאה עליו שקר — הוא קרוב. וסרו כל הטענות. ומלת „וגם לנועדיה" — לרבות על שמעיה. וזה הנכון.

אזוי צו אזוי. די דאָזיקע אלע אויבנדערמאָנטע שטערונגען זיי־נען ווירקלעך ניט פון קיין באַדייטענדן כאַראַקטער געווען און זיי האָבן זיך אלס זייער שוואַך ארויסגעוויזן, צו קענען האָבן א וויר־קונג צו שטערן גרינדלעך נחמיהן אין דער בויאונגס־ארבעט זיינער.

אין א משך פון צוויי און פופציק טעג, אין פינף און צוואַנ־ציקסטן טאָג פון חודש אלול, איז די גאַנצע ארבעט פארענדיקט גע־וואָרן.

און צוזאַמען מיט דער פעסטונג, וואָס איז ארום ירושלים אויפ־געשטעלט געוואָרן, איז דאָן אויך א שטאַרקע פעסטונג אויפגעשטעלט געוואָרן ארום דער פאָליטישער פאָזיציע פון די אידן אין יהודה.

די העלדישקייט, וואָס דער אידישער ישוב האָט ארויסגעוויזן ביים בויען די מויערן פון דער שטאָט, די מסירות נפש, מיט וועל־כער זיי האָבן זיך צו זייער ארבעט איבערגעגעבן, האָבן געמוזט די אידישע שונאים צו דער איבערצייגונג ברענגען, אז אלע זייערע פארזוכן, ניט צו דערלאָזן, אז ארץ ישראל זאָל א אידישער שטאָט ווערען מוזען א דורכפאַל זיין.

„און עס איז געווען — פארענדיקט נחמיה די דערציילונג זיינע — ווען אונזערע שונאים האָבן דערהערט דאָס אלעס און די אלע פעלקער, וואָס ארום אונז, זיינען זיי אראָפּגעפאַלן זייער אין זייערע אויגן און זיי האָבן געוואוסט, אז פון אונזער גאָט איז געטאָן געוואָרן די דאָזיקע ארבעט".

אין יענעם מאָמענט איז שוין כמעט אין גאַנצן מיט א זיג פארענדיגט געוואָרען דער שווערער און אָנגעשטרענגטער פאָליטישער קאַמף, וואָס דער נייער אידישער ישוב אין יהודה האָט געהאט צו פירן ביז יעצט.

סנבלט און זיינע פריינט האָבן פון דאַן אָן ניט געשטערט מער נחמיהן און ניט געשטערט אים מער אין דער ארבעט זיינער. זיי זיינען צו דער איבערצייגונג געקומען, אז פארלאָרן זיינען אלע זייערע האָפנונגען, ניט צו דערלאָזן די אידן צו באַפעסטיקן זיך אין לאַנד אלס די הערשער איבער דעם, און זיי האָבן זיך פון זייער בייז־וויליקער טעטיקייט אָפּגעזאָגט, כאָטש זיי האָבן נאָך אלץ ניט גאָר אינגאַנצן דאָס געווער פון זייער האַנט אוועקגעלייגט. דאָ און דאָרטן

האָבן זיי אין א משך פון פילע שפּעטערע דורות נאָך פיל רשעות אָנגעטאָן דעם אידישן פאָלק.

פון יענעם מאָמענט אָן אָבער האָט געטראָגן די דאָזיקע רשעות פיל מער א כאַראַקטער פון געלעגנהייטלעכער נקמה, וואָס דער שוואַכער און נידעריקער זוכט צו נעמען, ווען עס קומט אים אונטער דער האַנט די געהעריקע געלעגנהייט דאַרויף, פון דעם שטאַרקערן און העכער־ן פון אים, ווי דעם כאַראַקטער פון א קאַמף, וואָס דער שטאַרקערער און העכערער פירט אָן געגן דעם שוואַכערן און נידעריקן פון אים. זי האָט פון דאַן אָן פיל מער געטראָגן א כאַראַקטער פון א פייגן און עקלהאַפטן פון אונטער דעם רוקן־אָנפאַלן אויף דעם שונא, וואָס טראַכט גאָר ניט אפילו פון פאַרניכטונג פאַר דעם דאָזיקן שונא צו ברענגען, וואָס באַצוועקט נאָר פאַר די פיס פון יענעם זיך צו פּלאָנטערן, אָבער כלל ניט א זיג פאַר זיך צו געווינען, ווי דעם כאַראַקטער פון אָן אָפענעם און וואָגנדן קאַמף פון א שונא, וואָס פאַרמעסט זיך א פאָלשטענדיקע פאַרניכטונג פאַר דעם שונא צו ברענגען.

ו

נחמיהס עקאָנאָמישע רעפאָרמען

גלייכצייטיק מיט דער ארבעט פון באַפעסטיקן ירושלים איז נחמיה אויך טעטיק לטובת דעם ישוב דורכצופירן ראַדיקאַל עקאָנאָמישע רעפאָרמען. — א שרעקלעכע אָרימקייט האָט אויף א גרויסן טייל פון אידישן ישוב געדריקט צו דערצייט פון נחמיהס קומען קיין ירושלים. — פילע פון די אָרימע עלעמענטן זיינען מיט אלעס, וואָס זיי האָבן פארמאָגט ביי זייערע רייכע בעלי חובות פארמשכנט געווען. — אייניקע פון זיי זיינען שיעור ניט אויך אין דער לאַגע פון פארקויפטע קנעכט געשטעלט געוואָרן. — די פּראָטעסטן, מיט וועלכע די באליידיקטע און געקריוודעטע זיינען געגן זייערע ברידער באדריקער צו נחמיהן, געקומען. — די האָפנונגען, וואָס זיי האָבן אויף אים געלייגט. — זיי ווערן אין זייערע האָפנונגען ניט אָפּגענארט.—ער רופט צו א פּראָטעסט פאַרזאַמלונג, אויף וועלכער ער נאָגלט צו צום שאנד־קלאָץ די רייכע באדריקער פון זייערע אָרימע ברידער. — ער פאָדערט פון זיי, זיי זאָלן לאָזן פאלן די אלע חובות, וואָס זייערע אָרימע ברידער זיינען זיי שולדיק. — זיינע שטראָף רייד האָבן דעם געוואונשטן ערפאָלג. — נחמיה פארגרעסערט די באַפעלקערונג פון ירושלים.

אין דער זעלבער צייט,*) וואָס נחמיה איז אָנגענאנגען מיט דער טעטיקייט זיינער, צו באַפעסטיקן די פּאָליטישע פּאָזיציע פון לאַנד,

---

*) מען קען אָננעמען, אז די טעטיקייט נחמיהס, וועגן וועלכער מיר רעדן דאָ, האָט פאר זיך פלאץ געפונען נאָכדעם, ווען נחמיה איז צום צווייטן מאָל געקומען קיין ירושלים. דער גרונד פאר קענען אָדער מוזן זיך האַלטן ביי אַזאַ מיינונג איז דאָס, וואָס נחמיה דערציילט אונדז — די איבערזעצונג פון דעם אָריגינאַל, וואָס מיר ברענגען דאָ, וועט דער לעזער געפינען אין פּנים — אין דעם קאַפּיטל, וואו עס ווערט וועגן דער דאָזיקער טעטיקייט זיינער גערעדט, אז „גם מיום אשר צוה אותי להיות פּחם בארץ יהודה משנת עשרים עד שנת שלשים ושתים לארתחשסתא המלך, שנים שתים עשרה, אני ואחי לחם הפּחם לא אכלתי״.

פון דער דאָזיקער באמערקונג זעט אויבנאויף אויס, אז די גאנצע פּאַסירונג, וועגן וועלכער עס רעדט זיך אין דעם דאָזיקן קאַפּיטל, איז פאָרגעקומען אין

איז ער אויך אָנגעגאַנגען מיט דער ארבעט זיינער צו פאַרבעסערן די עקאָנאָמישע לאַגע פון די ברייטע שיכטן פון פאָלק און זאָרגן דערפאר, אז די עקזיסטירנדע סאָציאַלע נאָרמען אין דעם נייעם אי־דישן ישוב אין יהודה זאָל פון א מער עטישן כאַראַקטער זיין.

מיר האָבן שוין פריער איינמאָל דערציילט, ווי אזוי דורך פילע פאַרשיידענע אומשטענדן זיינען גרויסצאָליקע שיכטן פון ישוב פאַר־אָרימט געוואָרן און זיי האָבן געמוזט אָנקומען צו די מער רייכע עלעמענטן, צו לייען געלט ביי זיי, וואָס האָט געבראַכט דערצו עס זאָל זיך אָנהויבן אנטוויקלען אין יהודה א צו שאַרפער שטאַנדן־אונטערשייד, א צו שטאַרקער קלאַסן־אנטאַגאָניזם.

פון איין זייט האָבן זיך אָנגעהויבן צו פאַרגרעסערן די רייען פון די עלעמענטן, אין די הענט פון וועלכע עס האָבן זיך גרויסע

א צייט, ווען זיין — נחמיהס — געפינען זיך אין לאנד 12 יאָהר איז שוין א זאַך פון דער פאַרגאַנגענהייט געווען. פון אָט דער באַמערקונג זעט אויס, אז דאָס קאַפּיטל ה׳ אין נחמיה איז שלא במקומו, אז נאָך דעם קאפיטל ד׳ באדאַרף באלד קומען דאָס קאפיטל ו׳, און דאָס קאפיטל ה׳ באדאַרף זיין דאָס לעצטע קאפיטל פון ספר, אָדער, עס באדאַרף קומען פאר דעם קאַפּיטל, וואָס קומט אין אונדזערע ספרים צולעצט.

אז מיר זאָלן זיך אָבער דורכאויס אין דער דאָזיקער מיינונג מוזן האלטן — דאָס איז לאו דוקא. מען קען אָננעמען, אז דאָס אלעס, וואָס עס ווערט דערציילט אין קאַפּיטל ה׳, איז טאקע פאָרגעקומען אין דער זעלבער צייט, ווען ער איז אָנגעגאנגען מיט זיין ארבעט צו באַפעסטיקן ירושלים באלד, ווי ער איז אָנגעקומען קיין ירושלים. מער ניט, בשעת ער האָט אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן דעם ספר נחמיה זיינעם צוזאַמענגעשטעלט פון די רשימות און זכרונות, וואָס ער האָט פאר דעם צוועק געהאט גרייט ביי זיך, האָט ער ביים באארבעטן דעם מאַטעריאל, וואָס ער האָט געהאט פאר זיך וועגן די פאַסירונגען אין צוזאַמענהאנג מיט דער טעטיקייט זיינער אויף דעם געביט פון עקאָנאָמישע רעפאָרמען לטובת דעם ישוב באלד, ווי ער איז דאָס ערשטע מאָל קיין ארץ ישראל געקומען, צוגעגעבן אָט די דאָזיקע באַמערקונג, אז אויך נאָכדעם האָט ער זיך אין גייסט פון דער טעטיקייט, וואָס ער האָט אָנגעפירט שוין אין די ערשטע מאָמענטן פון זיין אָנקומען קיין ארץ ישראל — געפירט. די פסוקים פון י״ד אָן — וועלכער לייענט זיך: גם מיום אשר צוה אותי לחיות פחם בארץ. ביז צום סוף פון קאַפּיטל זיינען ניט קיין דערגענצונג צו פאַסירונגען, וואָס זיינען נאָכדעם פאָר־געקומען, נאָר א זייטיקע, שפּעטער צוגעגעבענע באַמערקונג אין צוזאַמענהאנג מיט פאַסירונגען, וואָס זיינען גאָר פריער פאָרגעקומען.

רייכטימער אָנגעהויכן צו קאָנצענטרירן. און פון דער צווייטער זייט האָבן זיך אָנגעהויבן צו פארגרעסערן די רייען פון די, וואָס זיינען אַלץ מער און מער פאַראָרימט געוואָרן און האָבן געמוזט ווערן וואַסאַלן ביי די רייכע קלאַסן. אייניקע פון זיי האָבן געמוזט ניט נאָר באַדנלאָז ווערן דורך דער אָרימקייט, אין וועלכער זיי האָבן זיך געפונען, נאָר זיי האָבן אין דער שרעקלעכער נויט זייערער אויך זייערע פרויען און קינדער געמוזט פארלירן. די אָרימקייט, וואָס האָט זיי געדריקט, האָט זיי געבראַכט דערצו, זיי זאָלן אלעס, אלעס וואָס זיי האָבן פארמאָגט, ביי זייערע רייכע בעלי חובות פארמשכנען. זיי האָבן ניט נאָר זייערע פעלדער און הייזער פארמשכנט, נאָר אויך זייערע פרויען און קינדער און אויך זיך אליין. זיי זיינען שיער ניט אין דער לאַגע פון פארקויפטע קנעכט געשטעלט געוואָרן. ווארום ווען די פאַראָרימטע האָבן ניט אָפּגעצאָלט די סומען, וואָס זיי האָבן געליען אויף צו באַצאָלן די צינזן, וואָס זיי האָבן באַדארפט צאָלן דער מלוכה, און אויף צו קויפן זריעה, צו פארזייען מיט איר זייערע פעלדער, האָבן די בעלי חובות צוגענומען פאר זיך די פארמשכנטע הייזער און פעלדער, און אמאָל האָבן זיי אויך צו זיך פאר קנעכט גענומען די קינדער פון די, וואָס זיינען זיי געלט שולדיק געווען.

און אויב פריער האָבן די באַליידיקטע און געקריוודעטע שטיל און געדולדיק דעם שווערן עול פון די לידן זייערע געטראָגן, האָבן זיי איצט, אין דער אָנוועזנהייט פון נחמיה, וועלכער איז ווי א גואל ומושיע פאר דעם נייעם אידישן ישוב דערשינען, וועלכער האָט זיך אין אזא גרויסער מאָס אלס א מאַן מיט א שטארקן ווילן און א שטארקער האַנט ארויסגעוויזן, אין דער הויך זייער פראָטעסט אָנגע־הויבן ארויסצוזאָגן געגן זייערע ברידער־באַדריקער, זיי האָבן זיך מיט א געפיל פון פארביטערטקייט אויף זייער שרעקלעך מזל אָנגע־הויבן צו קלאָגן, וואָס זיי באַדארפן אין דעם לאַנד פון די אידישע האָפנונגען, פון דעם ווידערגעבורט פון אידישן פאָלק, פארקויפטע קנעכט ביי זייערע אייגענע ברידער זיין.

און וואָס ווייטער זיינען די דאָזיקע פראָטעסטן אַלץ שטארקער און מעכטיקער געוואָרן. די עקאָנאָמיש־געדריקטע עלעמענטן פון אי־דישן ישוב האָבן איצט פרייען אויסדרוק געגעבן צו די אלע געפילן זייערע, גלויבנדיק, אז עס איז יעצט געקומען דער מאָמענט, אין

וועלכן זיי זאָלן קענען זייער עקאָנאָמישע דערלייזונג אויסקעמפן, האָפנדיק, אז ווען עס וועלן זייערע ווײַ־געשרייען צום בייעם גואל ומושיע פון אידישן ישוב דערגרייכן, וועט ער זייער מליץ יושר זיין, ער זאָל פאר זיי זייער גערעכטן קאמף אויסקעמפן. זיי זיינען זיכער געווען, אז דער אידעאַליזם זיינער און דאָס מסירות נפשדיקע באַזאָרגט זיין זיינס דעם אידישן ישוב אין יהודה אויף פעסטע און נאָרמאַלע יסודות אוועקצושטעלן, וועלן די אומפעלנדע פאקטאָרן זיין, ער זאָל פאר זייער עקאָנאָמישער באפרייאונג זאָרגן.

און זיי זיינען ווירקלעך אין זייערע האָפנונגען ניט אָפגענאַרט געבליבן.

ווען עס זיינען צו נחמיהן די דאָזיקע געשרייען דערגאַנגען, האָט ער מיט דעם זעלבן מוט און מיט דער זעלבער אנטשלאָסנהייט, מיט וועלכע ער האָט דעם פאָליטישן כאאָס פון לאַנד באַקעמפט, אויך דעם סאָציאַל־עקאָנאָמישן כאאָס פון לאַנד אָנגעהויבן צו באַקעמפן. זיי האָבן ווירקלעך אין אים זייער גרויסן פריינט געפונען, וועלכער האָט מיט מוטיקער אנטשלאָסנהייט אויף א זיג זייער קאמף אויפ־גענומען.

„און עס איז געוואָרן — ווערט דערציילט וועגן דעם דאָזיקן ענין אין נחמיה ה׳ — דאָס געשריי פון פאָלק און זייערע פרויען גרויס אנטקעגן זייערע ברידער די אידן״.

„און אייניקע זיינען געווען, וואָס האָבן געזאָגט: „אונזערע זין און אונזערע טעכטער און מיר זיינען פיל — און מיר מוזן קויפן קאָרן, מיר זאָלן (האָבן) וואָס צו עסן און (קענען) לעבן״. און אייניקע האָבן געזאָגט: „אונזערע פעלדער און אונזערע וויינ־גערטנער און אונזערע הייזער פארמשכנען מיר, מיר זאָלן קויפן קאָרן צוליב דעם הונגער״, און אייניקע האָבן געזאָגט: „מיר האָבן געליען געלט פאר די אָפצאָלונגען צום קעניג אויף אונזערע פעלדער און אויף אונזערע וויינגערטנער. און אצינד — ווי דאָס לייב פון אונזערע ברידער איז (דאָך אויך) אונזער לייב, אזוי ווי זייערע זין זיינען (דאָך אויך) אונזערע זין — און מיר מוזן גאָר צווינגן אונזערע זין און אונזערע טעכטער, זיי זאָלן זיין קנעכט. און אייניקע פון אונזערע טעכטער זיינען געניוט (צו זיין דינסטן), און אונזער האַנט

איז מאַכטלאָז. און אונזערע פעלדער און אונערע ווייגגערטנער באַ־לאַנגען צו אנדערע".

אין אזוינע הארציקע און רירנדע ווערטער האָבן די אָרימע שיכטן אויסגעדריקט זייערע פּראָטעסטן אנטקעגן די רייכע ברידער זייערע, פון וועלכע זיי זיינען עקספּלואטירט געוואָרן.

און ווען די דאָזיקע פּראָטעסטן און וויי־געשרייען זיינען צו נחמיהן דערגאַנגען האָבן זיי אים פיל קרענקונג פארשאַפט און האָבן ביי אים גרוים אנטריסטונג געגן די באַדריקער ארויסגערופן.

„און עס האָט מיר פארדראָסן זייער, — שרייבט ער ווייטער, — ווען איך האָב געהערט זייער געשריי און די דאָזיקע רייד".

„און עס האָט זיך בּאַראַטן מיין הארץ אין מיר און איך האָב זיך געקריגט מיט די אדל־לייט און מיט די פירער און געזאָגט צו זיי: „וואָס איז דאָס פאַר א (שווערע) חובות, וואָס איר מאָנט פון אייערע ברידער?"

נחמיה האָט א גרויסע פּראָטעסט פאַרזאַמלונג צענויפגערופן, אויף וועלכער ער האָט עפנטלעך די באַדריקער פון זייערע אידישע ברידער צום שאַנד־קלאָץ געוואָלט צונאָגלען.

מיט איראָניזירנדן און סארקאַזם שניידענדן טאָן האָט ער די באַדריקער געשטראָפט פאַר זייער הארטהערציקייט אנטקעגן זייערע ברידער.

„און איך האָב פאַררופן אנטקעגן זיי א גרויסע פאַרזאַמלונג — פירט ווייטער נחמיה אין זעלבן קאַפּיטל דעם ספור המעשה וועגן דעם דאָזיקן ענין: — מיר האָבן אָפּגעקויפט אונזערע ברידער די אידן, וואָס זיינען פארקויפט געוואָרן צו פארשיידענע פעלקער, ווי ווייט מיר האָבן נאָר געקענט, און אויך איר וועט אייערע ברידער פארקויפן, און זיי וועלן צו אונז איבערפארקויפט ווערן".

און די, געגן וועלכע די דאָזיקע רייד זיינען געצילט געווען, האָבן זיך פון זיי געטראָפן און פארשעמט געפילט און האָבן ניט געהאַט וואָס צו ענטפערן אויף זיי.

און ווען נחמיה האָט די גוטע ווירקונג פון זיינע רייד געזען, האָט ער זיי באַלד קלאָר און שאַרף די פאָדערונג זיינע געשטעלט, זיי זאָלן לאָזן פאַלן די אַלע חובות פון זייערע אָרימע ברידער און זייערע אַלע משכנות זיי צוריקגעגעבן.

„און זיי האָבן געשוויגן — לייענען מיר ווייטער — און ניט געפונען קיין וואָרט צו ענטפערן".

„און איך האָב געזאָגט: עס איז ניט גוט די זאַך וואָס איר טוט. וואָלט איר דאָך באַדאַרפט אין דער מורא פון גאָט גיין צוליב דער חרפּה פאַר די פעלקער אונזערע שונאים".

ער האָט זיי אַלם מוסטער געשטעלט זיין גרייטקייט, די אַלע חובות, וואָס דאָס אָרימע פאָלק איז אים און אַלע זיינע מענטשן שולדיק געווען, לאָזן פאַלן, און אויפגעפאָדערט זיי, זיי זאָלן אויך אזוי טאָן.

„און אויך איך, מיינע ברידער — האָט ער צו זיי געזאָגט — און מיינע יונגען מאָנען ביי זיי געלט און קאָרן. לאָמיר צוזאַמען פאַרלאָזן דעם דאָזיקן חוב. קערט זיי אום היינט זייערע פעלדער, זייערע וויינגערטנער, זייערע אוילבערטן און זייערע הייזער און שענקט זיי די געלט חובות — ווען א חוב דערגרייכט אפילו הונדערט זילבערנע שקלים — און די חובות פון קאָרן און וויין און אויל־בערטן, וואָס איר מאָנט פון זיי.

און צו דערפאַר וואָס נחמיה האָט די באַדריקער ווירקלעך צו אן הרהור תשובה געבראַכט, צו דערפאַר, וואָס זיי האָבן זיך ווירקלעך פאַר זייערע שענדלעכע מעשים פאַרשעמט, אָדער דערפאַר, וואָס זיי האָבן געוואוסט, — וואַרשיינלעך איז דאָס די ווירקונג פון די ביידע מאָטיוון געווען, — אז אויב זיי וועלן ניט נאָכגעבן דעם פאַרלאַנג פון נחמיהן מיט גוטן, וועלן זיי אים מוזן נאָכגעבן מיט בייזן, דער פאַקט איז, אז נחמיהס רייד האָבן דעם געוואונשטן איינפלוס אויף זיי אויסגעאיבט צו באַקערן זיי צו טאָן אזוי ווי ער האָט פאַרלאַנגט פון זיי.

אויף זיין פריער געבראַכטער אויפפאָדערונג צו זיי האָבן זיי געענטפערט: „מיר וועלן אומקערן, און מיר וועלן פון זיי ניט פאָ־דערן, ווי דו הייסט".

און נחמיה האָט באַלד אויפן אָרט דעם גינסטיקן מאָמענט פון זייער נאָכגעבן אויסגענוצט, און האָט זיי באַשוואוירן, זיי זאָלן זייער הבטחה האַלטן.

און איך האָב גערופן דאַן די כהנים — דערציילט ווייטער נחמיה — און איך האָב זיי באַשוואוירן, זיי זאָלן טאָן אַזוי.

און נאָכדעם, ווי די כהנים האָבן זיי באַשוואוירן דאַרויף, האָט נחמיה די דאָזיקע שבועה דורך אַ סימבאָלישן צייכן נאָך פאַר־שטאַרקט.

„און איך האָב מיין פּאָלע — דערציילט ער אונז — אויסגע־טרייסלט און געזאָגט: „אָט אַזוי זאָל גאָט אויסטרייסלען יעדן איי־נעם, וואָס וועט ניט מקיים זיין די דאָזיקע זאַך, פון זיין הויז און פון זיין פאַרהאָרעוועט פאַרמעגן. אָט אַזוי זאָל ער זיין אויסגע־טרייסלט און ליידיק". און די אַלע פאַרזאַמלטע האָבן געענטפערט אמן און זיי האָבן געלויבט גאָט, און דאָס פאָלק האָט אַזוי געטאָן".

מערקווירדיק אינטערעסאַנט זיינען אויך די ווייטערדיקע שטעלן, וואָס קומען נאָך דעם פאַרענדיקן פון דעם איבערגעבראַכטן ספור המעשה. זיי זיינען מערקווירדיק אינטערעסאַנט מיט דער תמימות און פּשטות, וואָס שטראָמט פון יעדן וואָרט אַרויס און דורך דעם, וואָס זיי געבן אונז אַ קלאָר בילד וועגן נחמיהן אַלס פאָלקס־מענטש, וועמען עס האָט דאָס האַרץ געווייטאָקט אויף דער געדריקטער עקאָנאָ־מישער לאַגע פון פּשוטן און אָרימען פאָלק, און ער האָט פריי און ברייט מיט דער פולער האַנט גרויסע טיילן פון זיין אייגן רייכטום דעם פאָלק אוועקגעגעבן.

„אויך פון דעם טאָג אָן — לייענען זיך די דאָזיקע שטעלן — וואָס דער קעניג האָט מיר געהייסן, איך זאָל זיין אַ פּחה אין לאַנד יהודה, פון דעם צוואַנציקסטן יאָר אָן ביז דעם צוויי און דרייסיקסטן צו ארתחשסתא דעם קעניג — יאָרן צוועלף איז איך און מיינע ברידער האָבן דעם ברויט פון פּחה ניט געגעסן. און די ערשטע פּחות, וואָס פאַר מיר האָבן שווער געמאַכט אויף דעם פאָלק, און זיי האָבן גענומען פון זיי ברויט און וויין אויסער זילבער שקלים פערציק. אויך זייערע יונגען האָבן געהערשט איבער דעם פאָלק. און איך האָב ניט אַזוי געטאָן צוליב דער מורא פאַר גאָט. און אויך אין דער אַרבעט פון דער דאָזיקער פעסטונג בין איך טעטיק געוועזן. און פעלדער האָבן מיר ניט געקויפט. און אַלע מיינע יונגען זיינען געוועזן פאַרזאַמלט דאָרטן ביי דער אַרבעט".

און ניט נאָר זיינע אייגענע מענטשן, וואָס ער האָט מיט זיך מיטגעבראכט, האָט ער באַדאַרפט אויסהאַלטן, ניט נאָר זיי אליין האָבן ביי זיין טיש געגעסן. עס האָבן זיך ביי זיין טיש געפונען שטענדיק אויך פילע אַנדערע גאָר פרעמדע.

„און פון די אידן און די פירער זיינען געווען הונדערט און פופציק מענטשן, אויסער די, וואָס זיינען געקומען צו אונז פון די פעלקער, וואָס ארום אונז ביי מיין טיש".

„און דאָס, וואָס פלעגט פאַרברויכט ווערן אויף איין טאָג, איז געווען: איין אָקס, זעקס אויסגעקליבענע שאָף און אַלערליי געפליגל, זיינען צוגעגרייט געוואָרן פאַר מיר. און אַלע צען טעג — וויינען פיל".

אָט אזוי גרויס איז געווען די הוצאה זיינע און דאָך האָט ער אויף דעם אַלעם פון זיין אייגן פאַרמעגן געגעבן און ביים פאָלק גאָר ניט גענומען, וואָרום ער האָט ניט געוואָלט שווער מאַכן דעם עול פון צינזן און אָפּצאָלונגען פאַר דעם פאַראָרימטן פאָלק.

„און ביי דעם אַלעם האָב איך דעם ברויט פון פחה ניט געפאָדערט, וואָרום עס איז שווער געווען די ארבייט אויף דעם דאָזיגן פאָלק".

„געדענק מיר, גאָט, צום גוטן אַלעם, וואָס איך האָב געטאָן צום דאָזיקן פאָלק."

און אָט אזוי איז נחמיה אָנגעגאַנגען מיט דער געבענשטער טעטיקייט זיינער די אַלע „פּרצות" פון אידישן לעבן אין יהודה „גובר" צו זיין, די אַלע פעלערן אויסצובעסערן און א ריינע, געזונטע און נאָרמאַלע אַטמאָספערע אין לאַנד צו שאַפן.

דער נעקסטער שריט זיינער איז געווען צו רייניקן ווידעראַמאָל די אידישע ראַסע פון די פרעמדע אומגעווינשטע עלעמענטן,*) צו דער־

---

*) אין עזרא ב׳ ווערן אָנגעגעבן די נעמען פון די, וואָס זיינען אויפגעגאַנגען פון בבל קיין ארץ ישראל אין דער צייט פון דער ערשטער עליה. דאָס דאָזיקע קאַפּיטל הויבט זיך אָן מיט דעם פסוק: ואלה בני המדינה העולים משבי הגולה חשבים אשר הגלה נבוכדנצר מלך בבל"... און פאַר דעם סוף פון קאַפּיטל, אין וועלכן עס ווערט סומירט די צאָל פון די עולים און עס ווערן דאָרטן צוגעגעבן

וויטערן די, וואָס זיינען געבוירן געוואָרן פון געמישטע הייראטן. ער האָט דעם יחוס פון יעדער באזונדער פאמיליע רעווידירט און נאָכ־

נאָך אייניקע אנדערע פרטים, וואָס שטייען אין שייכות מיט דער ערשטער עליה פון בבל קיין ארץ ישראל, קומען די פאָלגנדע פסוקים, אין וועלכע עס ווערט דערציילט וועגן די פאקטן, וועגן וועלכע איך שרייב אין פנים: „ואלה העולים מתל מלח, תל חרשא, כרוב, אדן, אמר — ולא יכלו להגיד בית אבותם וזרעם אם מישראל הם: בני דליה, בני דוביה, בני נקודא, שש מאות וחמשים ושנים, ובני הכהנים בני חביה, בני הקוץ, בני ברזלי, אשר לקח מבנות ברזילי הגלעדי אשה ויקרא על שמם. אלה בקשו כתבם המתיחשים ולא נמצאו ויגואלו מן הכהונה. ויאמר התרשתא להם אשר לא יאכלו מקודש הקדשים עד עמוד כהן לאורים ותומים.״

און ווי עס ווייזט אויס פון דעם גאַנג פון דער גאַנצער דערציילונג, וואָס קומט אין דאָזיקן קאַפּיטל, איז דאָס אלעס, וואָס עס ווערט דערציילט אין די דאָזיקע פסוקים, פאָרגעקומען טאַקע דאן, ווען די ערשטע עולים זיינען קיין ארץ ישראל געקומען. און דער התרשתא, וואָס ווערט דערמאָנט דאָ — מוז מען שוין דאן נאַטירלעך אָננעמען —איז ניט נחמיה, נאָר אן אנדער פערזאָן, וואָס ווערט צוליב דעם אמט, וואָס ער האָט באקליידט — התרשתא, מוז מען סיי ווי אָננעמען, איז אן אַמט באצייכנונג — מיט דעם נאָמען באצייכנט.

און ווי באלד אזוי באדארף מען אָננעמען, אז אויך אין נחמיה ז׳, ווי די אויבנגעבראכטע פסוקים ווערן איבערגעחזרט, אז אויך דאָרטן באַציען זיך ניט די דאָזיקע פסוקים אויף א פּאַסירונג, וואָס עס איז פאָרגעקומען אין נחמיהס צייט, נאָר אויף דער זעלבער פּאַסירונג, וועגן וועלכער די דאָזיקע פסוקים דערציילן אונדז אין עזרא ב׳. די דאָזיקע פסוקים ווערן דאָ איבערגעחזרט צוזאמען מיט די אלע אנדערע פסוקים פון אָט יענעם קאַפּיטל. פונקט ווי אָט יענע פסוקים ווערן דאָ — מיט אייניקע קליינע שנויים — איבערגעחזרט, אָט אזוי ווערן דאָ אויך די דאָזיקע פסוקים איבערגעחזרט.

מען קען אָבער אויך אָננעמען, אז דאָס, וואָס עס ווערט דערציילט אין די דאָזיקע פסוקים, אז אייניקע פאַמיליען „לא יכלו להגיד בית אבותם וזרעם אם מישראל הם, ווי אויך, אז אייניקע כהנים זיינען פון דער כהונה דערווייטערט געוואָרן, ווייל זיי האָבן זייערע יחוס בריוו ניט געקענט געפינען, באַציט זיך דוקא אויף א פּאַסירונג, וואָס עס איז אין נחמיהס צייט פאָרגעקומען. אָריגינעל, באדארף מען אָננעמען, זיינען זיי געשריבן געוואָרן ניט אין עזרא, נאָר אין נחמיה. זיי שטייען אין צוזאמענהאנג, קען מען אָננעמען, מיט די עטלעכע איינלייטנדע ווערטער, וואָס נחמיה — גיט אונדז, איידער ער שרייבט איבער די רשימה, וואָס געפינט זיך אין עזרא פון די פערזאָנען, וואָס זיינען אויפגעגאנגען קיין ארץ ישראל מיט זרובבלן, מיט די עטלעכע איינלייטנדע ווערטער, וועלכע לייענען זיך: „ויתן אלוה אל לבי ואקבצה את החורים ואת הסגנים ואת העם להתיחס ואמצא את ספר היחס העולים בראשונה ואמצא כתוב בו״...

געפאָלגט זייער גענעאַלאָגישער אָפּשטאַמונג לויט דעם ספר־היחוס, וואָס האָט זיך געפונען וועגן די ערשטע עולים. און די רעזולטאַטן

נאָכדעם, וואָס ער דערציילט אונדז, אז ער האָט געוואָלט פעסטשטעלן צי אלעס איז אין ארדנונג בנוגע דער ראסן ריינקייט פון דער אידישער באַפעלקערונג, וואָס האָט זיך אין דער צייט פון זיין אָנקומען קיין ארץ ישראל געפונען, און ער באקאנט אונדז מיט דעם אינהאלט פון דעם ספר היחס פון די ערשטע עולים, וואָס ער האָט געהאט פאר זיך, דערציילט ער אונדז, אז די רעזולטאטן פון זיין אונטערזוכונג זיינען געווען, אז אייניקע פאַמיליען האָבן ניט געקענט באווייזן, צי זייערע עלטערן שטאמען ווירקלעך פון אידן, און אייניקע כהנים האָבן זייער כהונה דורך פאמיליען דאָקומענטן ניט געקענט באשטעטיקן.

דער אמתער פלאץ אזוי ארום פון די פסוקים, אין וועלכע עס רעדט זיך וועגן דער דאָזיקער פאַסירונג, איז ניט אין עזרא, נאָר אין נחמיה. זיי זיינען דאָ אין נחמיה ניט א קאָפּירונג פון ספר היחס, וואָס ער — נחמיה — האָט געפונען, נאָר א צוגעבונג צו — און אין צוזאַמענהאנג מיט — דעם דאָזיקן דאָקומענט, וואָס ער שרייבט איבער. אלס איבערחזרונג קומען זיי אין עזרא דוקא. ביים רעדאקטירן און צוזאַמענשטעלן דעם ספר עזרא — אן ארבעט, וואָס איז געטאָן געוואָרן לויט די חז״ל טאקע פון נחמיה אליין — איז צוגעגעבן געוואָרן ביים קאָפּירן די רשימה, וועגן וועלכער מיר רעדן דאָ די גאנצע צייט, אלס אן אגבדיקע דערגענצונג צו איר דער ספור המעשה וועגן דער פאַסירונג, וואָס איז פאָרגע־קומען בימי נחמיה, און וואָס דער אמתער פלאץ זיינער באדארף טאקע נאָר דאָרטן זיין. דאָ איז ער נאָר אן איבערחזרונג פון דעם זעלבן ספור המעשה, וואָס ווערט דאָרטן דערציילט.

און ווען מיר נעמען אָן די דאָזיקע מיינונג, באדארף מען פארשטיין דאן דעם צוזאַמענהאנג פון די פסוקים, וואָס קומען אין דעם דאָזיקן קאַפּיטל פון פסוק ע׳ אָן ביז צום סוף אויף פאָלגענדן אופן: זיי זיינען ניט קיין איבערחזרונג פון דעם אָריגינעלן אינהאלט, וואָס קומט אין קאפיטל ב׳ פון עזרא, נאָר זיי זיינען פאר־בונדן מיט די פריערדיקע פסוקים, אין וועלכע עס רעדט זיך וועגן דער פאַסירונג, וואָס עס איז פאָרגעקומען אין זיין צייט. פונקט ווי די פאַסירונג, וועגן וועלכער עס רעדט זיך אין יענע פסוקים, איז פאָרגעקומען אין זיין צייט, אָט אזוי זיינען אויך אָט יענע אלע ענינים, וועגן וועלכע עס רעדט זיך אין יענע פסוקים אזוינע, וואָס זיינען מיט דער צייט, ווען ער איז קיין ארץ ישראל געקומען פארבונדן.

און מיר קומען אויך אזוי ארום איבער די שווערקייט אויף וועלכע מיר שטויסן זיך אָן, די שווערקייט, וואָס דער אינהאלט, וועגן וועלכן עס רעדט זיך אין די דאָזיקע פסוקים, שטימען ניט אין אייניקע דעטאלן מיט דעם זעלבן אינהאלט, וועגן וועלכן עס ווערט גערעדט צום סוף פון קאַפּיטל ב׳ פון עזרא. ווארום דאָרטן ווערט גערעדט וועגן די מתנות, וואָס זיינען געגעבן געוואָרן לבית האלהים און לאוצר המלאכה פון די ראשי האבות אין דער צייט פון דער ערשטער עליה,

פון דער דאָזיקער אונטערזוכונג זיינען געווען, אז דריי פאַמיליען, וועלכע זיינען באַשטאַנען פון זעקס הונדערט און צוויי און פערציק פערזאָן, האָבן ניט געקענט באַווייזן, אז זיי שטאַמען פון אידן. און אויך פון די כהנים זיינען דריי פאַמיליען געווען, וואָס האָבן זייערע פאַמיליען דאָקומענטן געזוכט און ניט געקענט געפינען". זיינען זיי אויף דער פאַראָרדנונג פון נחמיהן דערווייטערט געוואָרן פון דער

פון דער זרובבל עליה, און דאָ רעדט זיך וועגן די מתנות, וואָס זיינען געגעבן געוואָרן אין דעם מאָמענט, ווען נחמיה איז געקומען קיין ירושלים. און דעריבער ווערט דאָ דערמאָנט דער נאָמען התרשתא און דאָרטן ניט, ווי אויך דאָס, וואָס דאָרטן רעדט זיך וועגן שש רבאות און דאָ וועגן שתי רבות.

פון דער צווייטער זייט באַדאַרף אבער ווידער אָנגעוויזן ווערן, אז אפילו ווען מיר נעמען אָן, אַז דער אָריגינעלער און ריכטיקער פלאַץ פון די פסוקים, וועגן וועלכע מיר רעדן דאָ די גאנצע צייט, איז דוקא אין עזרא ב׳, ניט אין נחמיה, אז אויך אין דעם פאַל קען מען באַטראַכטן די פון ע׳ ביז צום סוף פסוקים, וואָס קומען אין קאַפּיטל ז׳ פון נחמיה אלס אָריגינעל דאָ געשריבענע, ניט אלס איבערחזרונג פון די ענלעכע — וואָס זיי זאָלן די אָריגינעלע זיין — פסוקים, וואָס קומען אין קאַפּיטל ב׳ פון עזרא. אויך אין דעם פאַל קענען מיר נאָך אלץ אָננעמען, אז אָט די אלע ענינים, וועגן וועלכע עס רעדט זיך אין יענע פסוקים, זיינען אזוינע, וואָס זיינען מיט דער צייט, ווען ער — נחמיה — איז קיין ארץ ישראל געקומען, פאַרבונדן. דער אונטערשייד וועט דאן זיין נאָר אין פאָלגנדעס: אין ערשטן פאל ענדיקט זיך דאָס איבערשרייבן פון אָריגינעלן דאָקומענט מיט דעם פסוק ס״ט. און אין צווייטן פאַל — כאָטש, אמת, אויך דאָ קען דאָס אייגנטלעך אלס לאו דוקא באַטראַכט ווערן — פאַלט די ענדע אין פסוק ע׳ אריין. איבער־שרייבנדיק די אלע ביז אהעריקע ענינים פון דעם אָריגינאַל, פאַרענדיקט ער די ווייטערדיקע פרטים, וואָס קומען דאָרטן, בדרך כלל, מיט דער אלגעמיינער פראַזע, אז „ומקצת ראשי האבות נתנו למלאכה" און גייט באַלד איבער צו באַשרייבן דעם זעלבן ענין פון מתנות געבן לאוצר המלאכה, ווי ער איז פאָרגעקומען בשעת דער עליה פון נחמיה.

און וואָס אמבאַלאַנגט צום לעצטן פסוק פון קאַפּיטל באַדאַרף מען אים אין ביידע פעלע באַטראַכטן אַלס אַן איבערחזרונג פון דעם אָריגינילן דאָקומענט אין עזרא ב׳. מער ניט דער סוף פון פסוק, וועלכער לייענט זיך: „ויגע החודש השביעי ובני ישראל בעריהם" קען מען צוזאַמען דערמיט, וואָס ער קען באַטראַכט ווערן אלס פאַרענדיקונג פון ערשטן אָריגינעלן דאָקומענט אויך אלס אָנהויב פון נעקסטן קאַפּיטל, פון קאַפּיטל ח׳, דער ערשטער פסוק פון וועלכן לייענט זיך „ויאספו כל העם כאיש אחד אל הרחוב אשר לפני שער המים, ויאמרו לעזרא הסופר להביא את ספר תורת משה אשר צוה ה׳ את ישראל".

כהונה, זיי זאלן פון קודש הקדשים ניט עסן, ביז עס וועלן ווידער אמאל די אורים ותומים ביים כהן זיין.*)

נחמיהס אמביציע איז געווען, אז די שטאט ירושלים נאכדעם, וואס ער האט דאס לעבן אין איר זיכער געמאכט, נאכדעם, וואס ער האט אירע פעסטונגען אויפגעשטעלט, זאל די ראלע פון אן אמתן רעזידענץ שטאט שפילן, זאל זיך אין א גרויסער מאס מיט איר רייכקייט און אינטעסיוון לעבן אויסצייכענען. ער האט אבער געזען, אז זי האט א צו קליינע באפעלקערונג דערויף, זי זאל קענען אזא ראלע שפילן, זי זאל זיך קענען מיט אזא רייכן און אינטעסיוון לעבן אויסצייכענען. ווארום דורך די פילע אומגליקן וואס די שטאט האט ביז דאן אין פארשיידענע צייטן איבערגעלעבט, איז זי פון פילע פון אירע איינוואוינער אויסגעליידיקט געווארן, אזוי, אז בשעת מען האט געוואלט פייערן דאס באנייען פון די מויערן נאכדעם וואס זיי זיינען פארענדיקט געווארן, האבן זיך אויך אפילו פון די לויים זייער ווייניק אין ירושלים געפונען, ווארום זיי זיינען זיך צעלאפן אלע אין די שלעכטע צייטן, וואס זיינען אויף דער שטאט געקומען אין די פראווינצשטעט צו זוכן באשעפטיקונגען פאר זיך, פון וועלכע זיי זאלן זיך קענען מפרנס זיין. ווארום די אידישע באפעלקערונג פון ירושלים אין זייער פארארימט געווען און זיי האבן ניט געקענט קריגן פון איר די מתנות און מעשרות זייערע. נחמיה האט געמוזט זיי דאן צונויפזוכן פון אלע זייערע ערטער צו ברענגען זיי קיין ירושלים, „צו מאכן די באנייאונג מיט פרייד און מיט לויב און מיט געזאנג פון צימבלען, פידלען און הארפן".

און דעריבער האט ער געזוכט מיטלען ווי אזוי די באפעלקערונג פון ירושלים צו פארגרעסערן. ער האט א פראקלאמאציע ארויסגע־לאזט צו די אלע, וואס האבן געהאט פארלאזן די שטאט אין די שלעכטע יארן, ווי אויך צו די, וואס האבן זיך באלד, ווי זיי זיינען אין לאנד געקומען, אין די פראווינץ־שטעט באזעצט, זיי זאלן קומען וואוינען אין ירושלים.

---

*) אינגאנצן פאר כהנים פסולים האט ער זיי אבער ניט דערקלערט. תרומות און מעשרות האבן זיי געמוזט עסן. און זע „מורה נבוכי הזמן", שער ט׳ מוערי עם עולם.

און פילע פון די אדל־פאַמיליען האָבן זיך באלד אויף זיין רוף אָפּגערופן און זיינען געקומען און האָבן זיך אין דער הויפּט שטאָט באזעצט.

דורך די דאָזיקע ניי־צוגעקומענע איז אָבער נאָר אומבאדייטנד די באפעלקערונג פון דעם ישוב פארגרעסערט געוואָרן. נחמיה מיט דעם פּני פון ישוב האָבן דעריבער באשלאָסן, אז א צענטל פון דער גאַנצער אידישער באַפעלקערונג, וואָס געפינען זיך אין די פּראָווינץ שטעט זאָלן זייערע ערטער פאַרלאָזן און קומען באזעצן זיך אין ירושלים. און דאָס דאָזיקע צענטל האָט על פּי גורל באדארפט פאַר־מירט ווערן. מען האָט געוואָרפן גורל צו ברייננגען איינעם פון צען צו זיצן אין ירושלים, דער הייליקער שטאָט און די ניין (איבעריקע) טיילן אין די (אנדערע) שטעט.

און די אלע, וואָס עס איז אויף זיי דער גורל געפאלן האָבן געמוזט זייערע פלעצער פארלאָזן און אין ירושלים זיך באזעצן, מיט־נעמענדיק מיט זיך די ברכות פון דעם גאַנצן פאָלק.

„און דאָס פאָלק האָט געבענשט די אלע מענטשן — דערציילט אונז נחמיה צו ענדע פון ספור המעשה — וואָס האָבן באַוויליקט צו זיצן אין ירושלים.

י״א

אידן גיבן א קאָלעקטיווע שבועה

די פייערונג פון א גרויסן מאָמענט פון רעליגיעזן ווידערגעבורט פון אידישן פאָלק אין דער אלטער אידישער געשיכטע. — דער אימפּאָזאַנטער רינג אין דער קייט פון דער גאָלדענער טעטיגקייט פון עזרא און נחמיה. — זיי פירן אַ נייעם „כריתת ברית" דורך. — דאָס גאַנצע פאָלק ווערט פון זיי דורך אַן עפנטלעכער קאָלעקטיווער שבועה פארפליכטעט, זיי זאָלן פון איצט אָן שטענדיק שוין לויט גאָטס תורה זיך פירן. — די רעליגיעזע אַטמאָספערע, וואָס זיי האָבן פריער פאר דעם דאָזיקן צוועק געשאפן. — די „התעוררות", וואָס די לויים האָבן פאר דעם דאָזיקן „כריתת ברית" געהאַלטן. — זיי זיינען דורכגעגאנגען אין איר פאַר דעם פאָלק די אלע וויכטיקסטע מאָמענטן פון דער אידישער געשיכטע ביז צום קעגנווערטיקן מאָמענט. — דער אָפּמאַך, וואָס איז פאַרגעלייענט געוואָרן נאָכדעם.

פאר דער גאַנצער צייט, וואָס נחמיה איז אָנגעגאנגען מיט דער אַדמיניסטראַטיווער און אָרגאַניזאַטארישער טעטיקייט זיינער דעם אידישן ישוב אין יהודה אויף פעסטע און זיכערע יסודות אוועקצו־שטעלן, איז עזרא ווי אין דער זייט געשטאַנען. ער האָט זיך די גאַנצע צייט ווי אין הינטערגרונד געפונען. דאן, ווען עס איז נויטיק געווען אָנגעשטריינגטער קאמף, פּראקטישע טעטיקייט האט דאס ווארט געהאט דער פּראקטישער טוער, דער אומדערשראָקענער, אומערמיד־לעכער קעמפער, נחמיה, איז די פירערשאַפט אין די הענט פון אָרגאַ־ניזאַטאָר געווען קאָנצענטרירט. ערשט נאָכדעם, וואָס דער קעמפער און פּראקטישער טוער, נחמיה, האָט זיין טעטיקייט פארענדיקט, האָט זיך נאָכאמאָל אויף דער סצענע עזרא באוויזן, ערשט נאָכדעם, וואָס דער ערשטער האָט דעם נויטיקן דארויף באָדן געשאפן, האָט עזרא זיין איבערגעריסענע דערציערישע טעטיקייט באנייט.

און פונקט ווי ער איז פריער, ווען נחמיה איז געווען באַשעפּ־טיקט מיט שאַפן די פּאָסיקע באַדינגונגען פאַר זיין — עזראס — טעטיקייט אין הינטערגרונד פון עפנטלעכן לעבן געשטאַנען, אזוי איז ער איצט אין זיין פאָדערגרונד געשטעלט געוואָרן.

באַלד נאָכדעם ווי נחמיה האָט באַפעסטיקט די שטאָט ירושלים און זי איז דורך אים אין א געדיכט באַפעלקערטן צענטער פאַרמירט געוואָרן, האָט ער אָנגעהויבן צו זאָרגן דערפאַר, עס זאָל איצט אוּמ־אויפהערלעך דער „נר תורה ואור מצוה" אין אידישן לעבן לייכטן. האָט ער אָנגעהויבן צו זאָרגן דערפאַר, עס זאָל א ברייטע און איני־טענסיווע טעטיקייט אָנגעהויבן געפירט ווערן, דעם אידישן ישוב „על ברכי התורה והמצוה צו דערציען.

און דאַן איז געקומען דער מאָמענט, עזרא זאָל זיך ווידער אַמאָל אויף דער סצענע באַווייזן אלס גייסטיקער פירער פון אידישן פאָלק, אלס דער „ראש המדברים" צווישן די אידישע פאָרשטייער. וואָרום די דאָזיקע אַרבעט האָט דורך די סופרים, אונטער דער פירער־שאַפט פון עזראַן געמוזט געטאָן ווערן, און נחמיה, וואָס איז אזוי ווייט געווען פון אייניקע פּניות און פון כבוד זוכן אין דער אַרבעט זיינער פאַר דעם פאָלק, האָט מיט דער גרעסטער ווילִיקייט און צו־פרידנקייט איבערגעגעבן איצט די פירערשאַפט איבער דעם פאָלק צו די, וועלכע האָבן זיך פאַר דעם אין איצטיקן מאָמענט נויטיקער אַר־בעט געפּאַסט.

און עזרא האָט איצט זיין טעטיקייט אָנגעפירט מיט דעם זעלבן אימפּעט און מיט דער זעלבער ענערגיע, מיט וועלכער עס האָט ביז איצט נחמיה זיין טעטיקייט אָנגעפירט.

ווען עס איז דער יום טוב ראש השנה אָנגעקומען, האָט עזרא צונויפגערופן אַלע אידן, אויך אפילו די, וואָס האָבן זיך אין די פּראָווינץ שטעט געפונען, קיין ירושלים און אין א משך פון א קאַרגן חודש צייט האָט ער זיי אין עקזאַלטירטער רעליגיעזער אַטמאָספערע געהאַלטן, און שוין אויף שטענדיק אין א פעסטן צוזאַמענבונד מיט גאָט זיי געבראַכט.

לויט דער השפּעה פון אָט יענעם מאָמענט אויף דער אידישער געשיכטע קען זי אייניקערמאַסן צו דעם מתן תורה מאָמענט פאַר־גליכן ווערן. עס איז אין יענעם מאָמענט די „כנסת הגדולה" געגרינ־דעט געוואָרן, וועלכע האָט איר עקזיסטענץ אין א משך פון א הונ־

דערט*) יאָר אָנגעהאַלטן, די כנסת הגדולה, די מיטגלידער פון וועלכע זיינען די ערשטע גרינדער און בויער פון דער „תורה שבעל פה" געווען. ווי אין דעם מתן תורה מאָמענט איז אויך דאַן א „כריתת ברית" צווישן גאָט און די אידן פאָרגעקומען. די אידן האָבן דאַן א פייערלעכע קאָלעקטיווע שבועה עפנטלעך געגעבן, זיי זאָלן די אַלע פאָרשריפטן פון דער תורה אָפּהיטן. די דאָזיקע שבועה האָבן זיי נאָך אין א שריפטלעכן דאָקומענט באפעסטיקט, אונטער וועלכן עס האָבן זיך די אַלע גרעסטע אידישע פאָרשטייער אונטערגעשריבן.

„און דאָס גאַנצע פאָלק — ווערט וועגן דעם דאָזיקן ענין דער־ציילט אין נחמיה ח' — האָט זיך צונויפגעזאַמלט אין גאַס, וואָס פאַר דעם וואַסער טויער, און זיי האָבן געזאָגט צו עזרא הסופר, צו ברייינגען דעם ספר תורת משה, וואָס גאָט האָט באפעלן די אידן".

„און עזרא הכהן האָט געבראַכט די תורה פאַר דעם קהל, וואָס איז באשטאַנען פון מענער און פרויען און פון אַלע די, וואָס זיינען פייאיק געווען צו הערן און פאַרשטיין אין דעם ערשטן טאָג פון זיבעטן חודש".

„און ער האָט געלייענט אין איר פאַר דער גאַס, וואָס פאַר דעם וואַסער טויער, פון זינט עס איז ליכטיק געוואָרן ביז האַלבן טאָג אנטקעגן די מענער און די פרויען און די אַלע אַנדערע, וואָס האָבן פאַרשטאַנען, און די אויערן פון גאַנצן פאָלק זיינען געריכטעט געווען צום ספר התורה".

„און עזרא איז געשטאַנען אויף אַן עסטראַדע פון האָלץ, וואָס מען האָט ספעציעל געמאַכט דאַרויף".

„און עזרא האָט אויפגעעפנט דעם ספר פאַר די אויגן פון דעם גאַנצן פאָלק. וואָרום העכער פון דעם גאַנצן פאָלק איז ער געווען. און אַז ער האָט אים אויפגעעפנט, האָט זיך דאָס גאַנצע פאָלק אויפ־געשטעלט".

„און עזרא האָט געבענטשט גאָט, דעם גרויסן גאָט, און דאָס גאַנצע פאָלק האָט געענטפערט: „אמן", „אמן", אויפהויבנדיק דער־ביי זייערע הענט, און זיי האָבן זיך געקניט און געבוקט צו גאָט מיט דעם פנים צו דער ערד".

---

*) לויט דעם חשבון פון אַנדערע: צוויי הונדערט.

עזרא האָט דאַן פאָרגעלעזן פון דער תורה, און די תלמידים זיינע האָבן זי דערקלערט און אויסגעטייטשט פאַר דעם פאָלק, און צוליב די, וואָס האָבן קיין העברעאיש ניט פאַרשטאַנען, האָבן זיי אויך אין אַראַמיש איבערגעזעצט, אין דער שפּראַך, אויף וועלכער זיי האָבן גערעדט.

און די פאָרלעזונגען פון דער תורה האָבן טיף אין הארצן פון די צוהערער אריינגעדרונגען, און זיי האָבן א גרויסן שטראָם פון טרערן פון זייערע אויגן ארויסגערופן. די אַלע פאַרזאַמלטן האָבן אין א גרויס געוויין אויסגעבראָכן, אין א געוויין פון פרייד פאַר דער ליב־שאַפט, וואָס גאָט וויזט זיי ארויס, וואָס ער האָט זיי אַלס זיין עם סגולה אויסגעקליבן, און פאַר חרטה אויף דעם, וואָס זיי האָבן זיך אַזוי שטאַרק פאַרזינדיקט געגן אים. און עס האָט א לאַנגע צייט גענומען ביז עס האָט זיך איינגעגעבן עזראן מיט די תלמידים זיינע צו באַרו־איקן די פאַרזאַמלטע. זיי האָבן זיך באַרואיקט ערשט נאָכדעם, וואָס עזרא האָט צו זיי פיל טרייסט רייד גערעדט, און זיי זיינען געגאַנגען דאַן צו פייערן דעם יום טוב אין זייערע הייזער.

„און נחמיה, ער איז התרשתא, און עזרא הכהן דער סופר און די לויים, וואָס האָבן דערקלערט די תורה צום פאָלק — האָבן געזאָגט צום פאָלק: „היינטיקער טאָג איז הייליק צו גאָט, אייער גאָט. איר זאָלט ניט טרויערן און ניט וויינען", ווארום דאָס גאַנצע פאָלק האָט געוויינט, ווען זיי האָבן געהערט די רייד פון דער תורה".

„און ער האָט געזאָגט צו זיי: גייט עסט די מאכלים פעטע און טרינקט זיסע געטראַנקען און שיקט מתנות צו דעם, וואָס עס איז גאָרניט אַנגעגרייט פאַר אים. ווארום הייליק איז דער טאָג צו אונזער האר. און איר זאָלט ניט טרויערן. ווארום די פרייד פון טאָג — דאָס איז אייער שטאַרקייט".

און די לויים האָבן איינגעשטילט דאָס גאַנצע פאָלק אַזוי צו־זאָגן: „זייט שטיל. ווארום דער היינטיקער טאָג איז הייליק און איר זאָלט ניט טרויעריק זיין".

„און דאָס גאַנצע פאָלק — ווערט מיט די דאָזיקע רייד דער ספור המעשה פאַרענדיקט — איז געגאַנגען עסן און טרינקען און מתנות צו שיקן און צו מאכן א גרויסע פרייד. ווארום זיי האָבן פאַרשטאַנען די רייד, וואָס מען האָט זיי דערקלערט".

„ואדבר אליכם השכם ודבר ולא שמעתם ואקרא אתכם ולא עניתם"*) — און איך האָב געאײַלט זיך שטענדיק קומען יעדן טאָג גאַנץ פרי און ריידן צו אייך. איר האָט אָבער ניט געוואָלט הערן. איך האָב גערופן אייך און איר האָט ניט געענטפערט.

„ואשלח אליכם את כל עבדי הנביאים, יום השכם ושלוח"**) — און איך האָב זיך געפּעדערט און געשיקט צו אייך אַלע טאָג מיינע קנעכט די נביאים, איר האָט אָבער זיי ניט געוואָלט אויסהערן און האָט צו זיי ניט אייערע אויערן גענייגט.

אָט אַזוי פּלעגן זיך פריער באַקלאָגן די נביאים אויף די אידן. זיי האָבן ניט דעם מוסר פון די נביאים געוואָלט הערן. זיי האָבן זיך פון זייערע שטראָף-רייד ניט געוואָלט לאָזן לערנען. יענע טעג אָבער, ווען די נביאים האָבן באַדאַרפט דעם פאָלק נאָכלויפן, ווען דאָס פאָלק האָט ניט געוואָלט אויפנעמען פו זיי דאָס שליחות פון גאָט צו זיי, זיינען שוין פון לאַנג פאַרשוואונדן. נאָר אייניקע עלעמענטן האָבן נאָכדעם, ווי עס איז די גרויסע ענדערונג אין לעבן פון אידישן פאָלק פאָרגעקומען אין דער תקופה פון גלות בבל, אויף א געוויסער צייט איז גאָטס וואָרט פאַרגעסן און זיינע וועגן פאַר-לאָזט. דאָס גאַנצע פאָלק אין אַלגעמיין אָבער, אַלס גאַנצער קאָ-לעקטיוו, האָט זיך די גאַנצע צייט אויף א געהעריקער מאָראַלער הויך געהאַלטן. און אויך די פאַרבלאָנדזשעטע און פאַרפירטע זיינען איצט גאָר גיך צו א הרהור תשובה געקומען, ווען מען האָט זיי פאַר זייערע זינד געשטראָפט און אויף זייערע פאַרברעכנס אָנגעוויזן. אַנשטאָט אויסצומיידן די לערער און וועגווייזער זייערע, ווי זיי האָבן פריער געטאָן, האָבן זיי איצט אַליין זייער געזעלשאַפט געזוכט, און איז פון זיי — פון די לערער און וועגווייזער — זייער איינגעדרימעלטער רעליגיעזער באַוואוסטזיין אויפגעוועקט געוואָרן, האָבן זיי צו נאָך מער רעליגיעזע דערהויבונג און לייטערונג געגאַרט, האָבן זיי דעם דאָזיקן רעליגיעזן באַוואוסטזיין צו נאָך שאַרפערן און שטאַרקערן אויסדרוק ברייננגען געוואָלט.

אויף דעם צווייטן טאָג נאָך ראש השנה זיינען די פאַמיליען-

*) ירמיה ז׳, י״ג.
**) ירמיה ז׳, כ״ה.

פאַרשטייער פון די כהנים און די לויים געקומען ווידער אַמאָל צו עזראן און געבעטן אים ער זאָל פאַרטזעצן פאַר זיי דאָס לייענען פון דער תורה.

און עזרא האָט געלייענט פאַר זיי דאָן „מענינא דיומא", וועגן די פאַרשטייענדע ימים טובים. עזרא האָט זיי געהייסן זיי זאָלן די אַלע נויטיקע אינסטרוקציעס געבן דער אידישער באַפעלקערונג, ווי אַזוי די אָנקומענדע יום טובים צו פּראַווען.

און די פאַרשטייער האָבן זיין פּאַרלאַנג דערפילט.

און די פאַרשטייער פון אידישן פאָלק — לייענען מיר אין נחמיה ח' — האָבן געלאָזט אויסרופן אין אַלע זייערע שטעט און אין ירושלים, אַזוי צוזאָגן: גייט אַרויף אויף דעם באַרג און ברייגגט אוילבירטן בלעטער און בלעטער פון ווילדע בוימעל בוימער און הדס בלעטער און פּאַלמען בלעטער און די בלעטער פון געפלאָכטענע בוימער צו מאַכן סוכות, ווי ס'איז געשריבן.*)

און דאָס פאָלק האָט זיך געהעריק אָפּגערופן אויף דעם רוף פון זייערע פאַרשטייער.

„און דאָס פאָלק איז געגאַנגען — דערציילט זיך ביי דעם זעלבן ענין ווייטער אין נחמיה ח' — און זיי האָבן געבראַכט (אַלעס) און געמאַכט פאַר זיך סוכות יעדער איינער אויף זיין דאַך און אין זייערע הויפן און אין די הויפן פון הויז פון גאָט און אין דער גאַס פון טויער פון אפרים".

„און דער גאַנצער קהל, וואָס האָט זיך אומגעקערט פון גע־פענגניש האָט געמאַכט סוכות—(מיט אַזאַ פּראַכט), וואָס פון יהושעס צייטן אָן האָט מען אַזוינס ניט געזען. און די שמחה איז זייער גרויס געווען.

„און זיי האָבן געלייענט אין ספר פון דער תורה פון גאָט זייער גאָט יעדן טאָג פון ערשטן טאָג ביז דעם לעצטן, און זיי האָבן גע־מאַכט יום טוב זיבן טעג. און אויף דעם אַכטן טאָג האָבן זיי גע־מאַכט דעם יום טוב שמיני עצרת, ווי דער דין איז".

---

*) אינטערעסאַנט איז, וואָס דער ענין פון אתרוג און לולב ווערט ניט דערמאָנט. עס דערציילט זיך אויך גאָר ניט אין נחמיה אין צוזאַמענהאַנג מיט די איבעריקע ימים טובים — וועגן יום כפור.

„און אין דעם פיר־און־צוואַנציקסטן טאָג פון דאָזיקן חודש האָבן זיך צונויפגעזאַמלט די אַלע קינדער פון ישראל, פאַסטנדיק און אין זעק, און ערד איז געווען אויף זיי. און זרע ישראל האָט זיך אָפּגע־טיילט דאַן פון אַלע פרעמדע עלעמענטן און זיי זיינען געשטאַנען און מתודה געווען זיך אויף זייערע זינד און אויף די זינד פון זייערע עלטערן. און זיי זיינען געשטאַנען אויף זייער פּלאַץ און זיי האָבן געלייענט אין ספר פון דער תורה פון גאָט זייער גאָט א פערטל פון טאָג. און א פערטל פון טאָג האָבן זיי זיך מתודה געווען און געבוקט זיך צו גאָט זייער גאָט".

דער דאָזיקער טאָג איז דער אימפּאָזאַנטסטער רינג געווען אין דער קייט פון דער גאָלדענער טעטיקייט פון עזרא און נחמיה. דער שענסטער פּערל אין דער קרוין פון די מעשים זייערע.

אין דער אַלטער אידישער געשיכטע פלעגט דער גרויסער מאָ־מענט פון רעליגיעזן ווידערגעבורט פון אידישן פאָלק אויף קאָלעק־טיווע גרויסע פאַרזאַמלונגען געפייערט ווערן. די נייע עפּאָכע אין מאָראַלן לעבן פון פאָלק פלעגט מיט דער באַגלייטונג פון א נייעם כורת־ברית זיין אקט דורכגעפירט ווערן, ווי די כריתות־ברית אקטן פון משה רבנו ביים באַרג סיני און אין ערבות מואב און דער כריתת ברית פון יהושע אין שכם און פון אייניקע פון די מלכי יהודה.*)

און אין אַזאַ היסטאָרישן מאָמענט האָבן עזרא און נחמיה אויך אָט יענעם טאָג געוואָלט פאַרוואַנדלען. זיי האָבן אין אים א נייעם כריתת ברית צווישן גאָט און צווישן אידישן פאָלק געוואָלט דורכפירן. זיי האָבן אין דעם טאָג דורך אַן עפנטלעכער קאָלעק־טיווער שבועה געוואָלט דאָס אידישע פאָלק פאַרפליכטן, זיי זאָלן אויף ווייטער מיט רעספּעקט און אכטונג צו די פאָרשריפטן פון דער תורה זיך באַציען און די וועגן פון גאָט קיינמאָל ניט פאַרלאָזן מער, אַז פון דעם טאָג אָן און ווייטער זאָלן די אַלע פאַרשיידענע ווינקלען פון זייער לעבן אונטער דעם קאָנטראָל פון די רעליגיעזע און געזעצ־געבנדע נאָרמען פון דער תורה געשטעלט ווערן.

---

*) זע מורה נבוכי הזמן: שער ח׳, „עם עולם ומועדיו".

און איידער עזרא און נחמיה האָבן די אידן די שבועה געגעבן, אַז זיי זאָלן די מצוות פון דער תורה אָפּהיטן, האָבן זיי פריער דאָס פאָלק דורך „דברים כבושים" מעורר געווען, האָבן זיי פריער די נויטיקע דערויף רעליגיעזע אטמאָספערע געשאפן, האָבן זיי פריער דעם נויטיגע דערויף עקזאַלטירטן קאָלעקטיוון עקסטאז ארויסגערופן.

„אויף די טרעפּ, ווי די לויים זיינען געשטאַנען, זיינען ארויפ־געגאַנגען ישוע און בני קדמיאל, שבניה, בני שרביה, בני כנני*) און זיי האָבן אויף א גרוים קול צו גאָט זייער גאָט געשריען".

און נאָכדעם זיינען אנדערע לוים געקומען און האָבן א לויב־געזאַנג צו גאָט געזאָגט און אן איבערבליק געגעבן פאר די פאר־זאמלטע איבער דער אידישער געשיכטע, אָנגעוויזן זיי דערויף, ווי אזוי זיי האָבן זיך פיל מאָל געגן גאָט פארזינדיקט, און ער האָט זיי שטענדיק מיט זיין חסד באשענקט און זיי זייערע זינד פאר־געבן, און גערופן זיי צו תשובה און צו א נייעם לעבן, אין וועלכן זיי זאָלן שטענדיק און גראד אין די וועגן פון גאָט גיין, צו א ניי לעבן, וואָס זאָל שוין פריי פון זינד און פארברעכן געגן גאָט זיין, אין וועלכן זיי זאָלן שוין ניט באגיין מער די פעלערן, וואָס זיי זיינען ביז איצט באגאַנגען.

די „התעוררות", וואָס די לויים האָבן פאר דעם פאָלק געהאַלטן, לעזט זיך ווי פאָלגט.

„שטייט אויף, בענשט גאָט, אייער גאָט פון אייביק ביז אייביק. זאָלן די מענטשן לויבן דעם נאָמען פון דיין כבוד, וואָס איז איבער יעדער בענטשונג, איבער יעדער לויב העכער".

„נאָר דו אליין ביזט עס דער אייביקער גאָט, דו האָסט געמאכט דעם הימל, די אַלע הימלען צוזאמען מיט די הימלען, וואָס איבער זיי, און די אלע הערשאַפטן זייערע; די ערד און אַלעס, וואָס אויף איר; די ימים און אַלעס, וואָס געפינט זיך אין זיי. און דו גיסט לעבן צו זיי אַלעמען. און די הערשאַפטן פון די הימלען בוקן זיך צו דיר".

„דו ביזט עס גאָט דער גאָט, וואָס דו האָסט אין אברהמען

*) דער ערשטער און לעצטער לייענען זיך באַני דער מיטלסטער בוני, כנני — כנאַני.

אויסדערוויילט, און האָסט אים פון אור כשדים ארויסגעצויגן, און האָסט געגעבן אים זיין נאָמען אברהם".

„און דו האָסט אויסגעפונען זיין הארץ טריי צו דיר, און האָסט מיט אים א בונד געשלאָסן צו געבן אים דאָס לאַנד פון כנעני, פון חתי, פון אמורי, פון פריזי, פון יבוסי, פון גרגשי, צו געבן עס צו זיינע קינדער".

„און דו האָסט מקיים געווען דיינע רייד. ווארום א גערעכטער ביזטו".

„דו האָסט געזען די ליידן פון אונזערע עלטערן אין מצרים און זייער געשריי האָסטו געהערט אויף דעם ים סוף — האָסטו צייכנס און וואונדער געגעבן אין פרעהן און אין אלע זיינע קנעכט און אין דעם גאַנצן פאָלק פון זיין לאַנד. ווארום דו האָסט געוואוסט, אז זיי האָבן געבייזוויליקט געגן זיי און דו האָסט זיך א נאָמען געמאַכט דורך דעם ביז צו היינטיקן טאָג".

„און דעם ים האָסטו געשפּאָלטן פאַר זיי און זיי זיינען איבער־געגאַנגען אין ים ווי איבער יבשה, און זייערע נאָכיאָגער האָסטו געוואָרפן אין טיפן תהום, ווי א שטיין אין וואַסער שטאַרקע".

„און מיט א וואָלקן זייל האָסטו זיי געפירט בייטאָג און מיט א פייער זייל האָסטו זיי געפירט ביינאַכט, צו באַלייכטן זיי דעם וועג, אין וועלכן זיי גייען".

„און אויף דעם באַרג סיני האָסטו געגידערט און גערעדט מיט זיי פון הימל. און דו האָסט זיי משפטים טובים געגעבן און אמת־דיקע לערן, געזעצן און מצוות גוטע".

„און דעם הייליקן שבת האָסטו וויסן געלאָזט זיי, און מצוות און געזעצן און די תורה דיינע האָסטו זיי באַפעלן דורך משהן דיין קנעכט".

„און ברויט פון הימל האָסטו זיי געגעבן פאַר זייער הונגער, און וואַסער פון שטיין האָסטו ארויסגעבראַכט פאַר זייער דורשט. און דו האָסט געזאָגט צו זיי, צו קומען און ירשענען דאָס לאַנד וואָס דו האָסט אויפגעהויבן דיין האַנט און געשוואוירן — צו געבן עס צו זיי".

„און זיי, אונזערע עלטערן, האָבן ווידערשפּעניקט, און זיי האָבן האַרט געמאַכט זייער נאַקן, און זיי האָבן זיך ניט צוגעהערט צו

דיינע געבאָטן. און זיי האָבן ניט געוואָלט הערן און זיי האָבן ניט געדענקט דיינע וואונדער, וואָס דו האָסט געטאָן מיט זיי און זיי האָבן אין זייער ווידערשפעניקייט באַשטימט אַן עלטסטן, זיי זאָלן זיך צו זייער קנעכטשאַפט אומקערן. און דו, דער גאָט פון סליחה און רחמים, האָסט זיי ניט פאַרלאָזט.

„כאָטש זיי האָבן זיך אַן אויסגעגאָסן קאַלב געמאַכט, און זיי האָבן געזאָגט: אָט דאָס איז דיין גאָט וואָס האָט דיך אַרויסגעבראַכט פון מצרים און זיי האָבן גרויסע צאָרנונגען געטאָן — האָסטו מיט דעם גרויסן רחמנות דיינעם ניט איבערגעלאָזט זיי אין דער מדבר. דער עמוד ענן האָט זיך ניט אָפּגעטאָן פון זיי בייטאָג, צו פירן זיי אין וועג, און דער עמוד אש ביינאַכט, צו לייכטן פאַר זיי דעם וועג, אין וועלכן זיי גייען".

„און דיין גוטן גייסט האָסטו געגעבן זיי קלוג צו מאַכן, און דיין מן האָסטו ניט פאַרמידן פון זייער מויל און וואַסער האָסטו געגעבן זיי פאַר זייער דורשט".

„און פערציק יאָר האָסטו געשפּייזט זיי אין דער מדבר. עס איז זיי גאָר ניט אָפּגעגאַנגען. זייערע קליידער זיינען ניט פאַרפוילט געוואָרן, און זייערע פיס זיינען ניט געשוואָלן געוואָרן".

„און דו האָסט זיי געגעבן קעניגרייכן און פעלקער, וועלכע דו האָסט צעוואָרפן אין פאַרשיידענע ווינקלען, און זיי האָבן געירשנט דאָס לאַנד סיחון און דאָס לאַנד פון קעניג פון חשבון און דאָס לאַנד פון עוג מלך הבשן".

„און די קינדער זייערע האָסטו געמערט, ווי די שטערן אין הימל און דו האָסט זיי געבראַכט צום לאַנד, וואָס דו האָסט געזאָגט צו זייערע עלטערן, צו קומען ירשענען".

„און די קינדער זיינען געקומען און געירשנט דאָס לאַנד. און דו האָסט אונטערטעניק געמאַכט פאַר זיי די איינוואוינער פון לאַנד, די כנענים, און דו האָסט זיי איבערגעגעבן אין זייער האַנט זיי און זייערע מלכים, און די פעלקער פון לאַנד, צו טאָן מיט זיי, ווי זיי וועלן".

„און זיי האָבן איינגענומען באַפעסטיקטע שטעט און פעטע ערד, און זיי האָבן געירשנט הייזער, וואָס זיינען מיט כל טוב פול,

אויסגעהאַקטע ברונימער, ווייַנגערטנער און אוילבירטן און פילע פרוכט־בוימער. און זיי האָבן געגעסן און זאַט געוועז און פעט געוואָרן און פון דיין גרויס גוטסקייט גענאָסן".

„און זיי האָבן ווידערגעשפעניקט און מורד געוועזן אין דיר און האָבן דיין תורה אונטער דעם רוקן זייערן פאַרוואָרפן און זיי האָבן געהרגעט די נביאים דיינע, וואָס זיי האָבן אָנגעזאָגט זיי, צו אומקערן זיי צו דיר און זיי האָבן גרויסע צאָרנונגען געטאָן".

„און דו האָסט איבערגעגעבן זיי אין דער האַנט פון זייערע באַדריקער, און ווען עס פלעגט זיי אייַנג ווערן, פלעגן זיי שרייַען צו דיר, פלעגסטו פון הימל דערהערן, און מיט דיין גרויס רחמנות האָסטו זיי געגעבן העלפער, און זיי פלעגן זיי פון זייערע באַדריקער העלפן".

„און ווען עס פלעגט זיי גרינגער ווערן פלעגן זיי ווידעראַמאָל אָנהויבן שלעכטס צו טאָן. פלעגסטו זיי ווידער איבערגעבן אין די הענט פון זייערע פייַנד און זיי האָבן געוועלטיקט איבער זיי. און זיי האָבן זיך אומגעקערט און געשריען צו דיר. און דו פלעגסט הערן פון הימל און דערבאַרימען זיך אויף זיי און מציל זיין זיי פיל מאָל פון זייערע שונאים".

„און איצט אונזער גאָט, דער גאָט, וואָס דו היטסט אָפּ דעם בונד און דעם חסד דייַנעם — עס זאָלן ניט ווייניק זיין פאַר דיר די אַלע צרות, וואָס האָבן צו אונז געטראָפן, צו אונזערע מלכים, צו אונזערע הארן און צו אונזערע כהנים און צו אונזערע נביאים פון די טעג פון די קעניגע פון אשור ביז צו הייַנטיקן טאָג".

„און דו ביזט גערעכט וועגן דעם אַלעם, וואָס איז געקומען אויף אונז, ווארום אמת האָסטו געטאָן און מיר האָבן זיך פאַרשולדיקט".

„און אונזערע מלכים, אונזערע כהנים און אונזערע עלטערן האָבן זיך ניט געפירט, ווי דיין תורה הייסט, זיי האָבן זיך ניט צוגעהערט צו דייַנע מצוות און צו די אָנזאָגונגען דייַנע. אין זייער קעניגרייך און אין דעם גרויסן גוטס, וואָס דו האָסט זיי געגעבן און אין דעם ברייטן און פעטן לאַנד, וואָס דו האָסט געגעבן צו זיי, האָבן זיי דיר ניט געדינט און זיי האָבן זיך ניט אומגעקערט פון זייערע שלעכטע מעשים. אָט זייַנען מיר הייַנט קנעכט, און דאָס

לאַנד, וואָס דו האָסט געגעבן צו אונזערע עלטערן, צו עסן פון איר פרוכט און פון איר גוטס — זיינען מיר קנעכט אויף איר. און איר תבואה מערט זי פאַר די מלכים, וואָס דו האָסט געגעבן איבער אונז צוליב אונזערע זינד. און איבער אונזערע קערפּער געוועל־טיקן זיי, און איבער אונזערע בהמות, ווי דער ווילן זייערער איז און אין גרויסע צרות געפינען מיר זיך".

„און צוליב דעם אַלעם זיינען מיר כורת ברית און מיר שרייבן אויף אַן אָפּמאַך, אויף וועלכן עס זיינען אונטערגעשריבן אונזערע האַרן, אונזערע לויים, אונזערע כהנים".

און נאָכדעם, וואָס די לויים האָבן געענדיקט דאָס פאָרלעזן פון דער התעוררות, האָבן זיי דעם אויפגעשריבענעם אָפּמאַך פאַר־געלעזן, אין וועלכן עס זיינען, אויסער דער אַלגעמיינער פאַרפליכ־טונג וואָס זיי האָבן גענומען אויף זיך אין אים, די אַלע מצוות פון דער תורה מקיים צו זיין, אויך ספּעציעלע ענינים, אַלטע, ווי נייע, פאַרצייכנט געוואָרן.

דער דאָזיקער אָפּמאַך האָט זיך געלייענט, ווי פאָלגט: די אַלע אונטערגעשריבענע צוזאַמען מיט דעם גאַנצן פאָלק: די כהנים, די לויים, די טויערן־היטער, די משוררים, די נתינים, און די אַלע, וואָס האָבן זיך אָפּגעזונדערט פון די פעלקער פון די לענדער צו דער תורה פון גאָט, זייערע פרויען, זייערע זין און זייערע טעכטער, די אַלע, וואָס ווייסן און פאַרשטייען, נעמען אויף זיך, זיי זאָלן זיך אין דער תורה האַלטן צוזאַמען מיט זייערע ברידער, זייערע פירער, און זיי טרעטן אין אַ קללה און אין אַ שבועה אריין, זיי זאָלן גיין אין דער תורה פון גאָט, וואָס איז געגעבן געוואָרן דורך משהן, דעם קנעכט פון גאָט, און אָפּצוהיטן און צו טאָן די אַלע מצוות פון גאָט אונזער האַר און זיינע דינים און זיינע געזעצן".

„און אַז מיר זאָלן ניט געבן אונזערע טעכטער צו די פעלקער פון לאַנד און זייערע טעכטער זאָלן מיר ניט נעמען פאַר אונזערע זין".

„און די פעלקער, וואָס וועלן ברענגען די וואַרעס און די פּראָ־דוקטן אין טאָג פון שבת און אין אַנדערע הייליקע טעג — זאָלן מיר ניט קויפן פון זיי אים שבת און אין די הייליקע טעג. און מיר

וועלן שמיטה האלטן אין זיבעטן יאָר און אָפּזאָגן זיך (דאן) פון די אַלע חובות וואָס מען איז אונז שולדיק.

„און מיר האָבן גענומען אויף זיך אלס איינע פון די מצות, צו געבן א דריטל פון א שקל א יאָר פאר דער דינסט פון הויז פון אונזער גאָט" —

„פאר דעם לחם הפנים, פאר דער מנחת התמיד און פאר דער עולת התמיד, פאר די קרבנות פון די שבתים, חדשים און יום טובים, פאר די הייליקייטן און פאר די זינד־קרבנות, צו פארגעבן אויף די אידן און פאר דער גאנצער ארבעט פון הויז פון אונזער גאָט".

„און גורל האָבן מיר, די כהנים, די לוים און דאָס פאָלק, גע־וואָרפן וועגן „קרבן העצים",*) צו ברייננען אין הויז פון אונזער גאָט, אין הויז פון אונזערע עלטערן, אין באשטימטע צייטן יעדן יאָר צום ברענען אויף דעם מזבח פון גאָט אונזער גאָט, ווי עס שטייט געשריבן אין דער תורה". „און מיר האָבן גענומען אויף זיך צו ברייננען די בכורים פון אונזער ערד און די בכורים פון די אַלע פרוכט בוימער יעדן יאָר אין הויז פון גאָט. און די ערשטלינגע פון אונזערע זין און אונזערע בהמות, ווי עס שטייט געשריבן אין דער תורה. און די בכורים פון אונזערע רינדער און אונזערע שאָף צו ברייננען אין הויז פון אונזער גאָט, צו די כהנים, וואָס דינען אין הויז פן אונזער גאָט".

„און דאָס ערשטע פון אונזער מולטער־טייג און אונזערע תרומות און די פרוכט פון אלע בוימער, אַלטן וויין אן אוילבירטן, וועלן מיר ברייננען צו די כהנים אין די צימערן פון הויז פון אונזער גאָט און דעם מעשר פון אונזער ערד צו די לוים און זיי, די לוים, זאָלן אויפמאָנען דעם מעשר אין די אַלע שטעט פון אונזער ווירטשאפט. און דער כהן בן אהרן זאָל זיין מיט די לויים, ווען די לויים וועלן איינמאָנען דעם מעשר. און די לוים זאָלן אריינטראָגן א צענטל פון מעשר אין הויז פון אונזער גאָט, אין די צימערן פון די שויץ־קאמערן".

*) דער קרבן פון האָלץ צושטעלן אין בית המקדש.

„ווארום אין די קאמערן זאָלן בריינגען די אידן און די קינדער פון שבט לוי די תרומה פון קאָרן, וויין און אוילבירטן. און דאָרטן זאָלן אויך זיין די כלים פון מקדש, און די כהנים, וואָס דינען אין בית המקדש, און די טויער־היטער און די משוררים און מיר זאָלן ניט פארלאָזן דאָס הויז פון אונזער גאָט".*)

*) קאפיטלען ט׳ און י׳.

י״ב

קענטיקע תורה שבעל פה עלעמענטן אין דאָקומענט

די קענטיקע שפורן פון א תורה שבעל פה דאמאָלסט אין יידישן לעבן, וואָס מיר געפינען אין דעם דאָזיקן דאָקומענט. — די נייע תקנות, וואָס מיר געפינען דאָרטן. — דער פאַרבאָט אין אים פון מקח און ממכר אוֹם שבת. — רבי אייזיק הירש ווייס טעות בנוגע דעם, ווי דער ענין פון פדיון בכורים וואָס געפינט זיך אין אָפמאַך, באַדאַרף פאַרשטאַנען ווערן. — די אָפנייגונגען פון דער תורה, וואָס ווייס און קראָכמאַל געפינען אין דעם דאָזיקן דאָקומענט בנוגע דעם ענין פון מעשר און מעשר מן המעשר. — די גרונדלאָגע באַגרינ־דונגען פון זייערע באַהויפּטונגען. — די עטאַבלירונג אין אידישן לעבן דורך אָט יענער פאַרזאַמלונג פון דעם כנסת הגדולה אינסטיטוט.

מיר האָבן געבראַכט אין פאַריקן קאַפּיטל דעם גאַנצן געשוואָ־רענעם אָפמאַך, ווייל אויסער דעם גרויסן ווערט, וואָס ער מוז אָן און פאַר זיך פאַר אונז האָבן, מוז ער אויך זייער וויכטיק זיין פאַר אונז צוליב דעם, וואָס ער ווייזט אונז קענטיקע שפורן פון א תורה שבעל פה אין אידישן לעבן דאַמאָלס. אויב אין די פריערדיקע עפּאָכן פון אונזער געשיכטע קענען מיר דאָ אָדער דאָרטן נאָר אויף אייניקע זייער שוואַכע סימנים פון דעם אנטוויקלונגס אָנהויב פון אונזער תורה שבעל פה אָנווייזן, ווייזט אונז דער דאָזיקער דאָקו־מענט צוזאַמען מיט פילע אַנדערע דערשיינונגען אין אידישן לעבן פון יענער עפּאָכע, אַז די תורה שבעל פה איז שוין דאַן אין א קענטיקער פאַזע פון אנטוויקלונג אַריינגעטראָטן. מיר געפינען שוין דאָרטן אויף א בולטן אופן די אַלע הויפּט עלעמענטן וואָס בילדן מיט זיך דעם הויפּט אינהאַלט פון דער תורה שבעל פה, ווי מיר זען זי אין איר וויטערדיקער, פאַרענדיקטער אנטוויקלונג: די עלע־מענטן פון אויסטייטשן דעם מיין פון דער תורה דאָרטן, וואו עס

איז ניט קלאָר גענוג דער זין פון די ווערטער; מחדש זיין נייע תקנות, וואָס עס איז אין זיי „משום צורך השעה" פאַראַן, ווי אויך ענדערן דעם אינהאַלט פון אירע פאַרשריפטן, ווי מען דאַרף אים פאַרשטיין מיט דעם אויבנאויפיקן פשט פון אַט יענע פאַרמולן, אין וועלכע זיי ווערן אין איר איבערגעגעבן — אין אַנקלאַנג מיט די פאָדערונגען פון דער צייט.

צוזאַמען מיט די נייע תקנות, וואָס עזרא וסייעתו האָבן מתקן געווען, ווי די תקנה פון קריאת התורה בצבור — איבערהויפּט דאָס מענינא דיומא לייענען פון דער תורה אין די יום טובים — מיט דערקלערונגען און פאַרטייטשונגען און פאַרשטענדלעך זי מאַכן דורך איבערזעצן דאָס געלייענטע אין דער אַראַמעאישער שפּראַך, אויף וועלכער אַ גרויסער טייל פון פאָלק האָט גערעדט דאַן: די אַלע טהרת הגזע תקנות, ווי אויך די תקנה פון גרינדן חדרים און בתי דינים*) צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע נייע תקנות, וועלכע מיר ווייסן פון אַנדערע קוועלן, געפינען מיר אויך אין דעם דאָזיקן אָפּמאַך אַ נייע תקנה, די תקנה וועגן דעם, אַז די אידן זאָלן נעמען אויף זיך צו מקריב זיין האָלץ פאַר דעם בית המקדש, דאָן, ווען אין דער תורה ווערט אַזאַ קרבן גאָרניט דערמאָנט. דאָן ווידער זען מיר, אַז זיי האָבן אין אַנקלאַנג מיט דעם געענדערטן קורס און ווערט פון געלט דעם מחצית השקל פון דער תורה אויף אַ דריטל פון אַ שקל געענדערט.

מיר זען דאָרטן אויך דעם פאַרבאָט פון מקח און ממכר אים שבת, צי אַלס נייע תקנה, וואָס האָט ניט איר שורש אין דער תורה, וואָס איז ווידער אויך ניט פּראַקטיצירט געוואָרן אין אידישן לעבן פריער, אָדער גאָר אַלס פאַרפעסטיקונג פון אַן אַלטער אויפפירונג, וואָס האָט באַזירט אויף דער אויסטייטשונג פון דעם „לא תעשה כל מלאכה" פון דער תורה בנוגע צו שבת, אַז עס ווערט אין אים אויך דער ענין פון מקח וממכר אריינגענומען.**)

---

*) ווייס דענקט, אַז אויך דאָס זאָגן פון דער הפטורה האָבן זיי דאַן מתקן געווען.

*) דור דור ודורשיו, חלק ראשון, ספר ראשון, פרק ה׳; דורות הראשונים חלק ראשון, כרך שלישי, פרק ל"ח.

רבי אייזיק הירש ווייס וויל האָבן, אַז אויך די פאַרשריפטן בנוגע דעם מקיים זיין פון דער מצוה פון פדיון בכורים זיינען ניט אין אַנקלאַנג מיט דעם אויבנאויפיקן פשט פון אַט יענע שטעלן אין דער תורה, וואו עס רעדט זיך וועגן דאָזיקן ענין.

אין דעם געשוואוירענעם אָפּמאַך ווערט פאָרמולירט די מצוה פון פדיון בכורים אויף פאָלגענדן אופן: „ואת בכורות בנינו ובהמתנו ככתוב בתורה. ואת בכורי בקרינו וצאננו להביא לבית אלהינו לכהנים המשרתים בבית אלהינו!" — און די בכורים פון אונזערע זין און אונזער פי זאָלן געבראַכט ווערן פאַר גאָט, ווי עס שטייט אין דער תורה. און די בכורים פון אונזערע רינדער און אונזערע שאָף, צו ברייננען אין הויז פון אונזער גאָט, צו די כהנים, וואָס דינען אין הויז פון אונזער גאָט. וויל ווייס האָבן, אַז די ווערטער „ואת בכורות בהמתנו" באַציען זיך אויף די אומריינע פי, וואָס דאַרפן אויסגעלייזט ווערן. רעדט זיך דאָרטן אַלזאָ וועגן אַלע אומריינע פי, אָן אונטערשייד. אין דער תורה ווערט אָבער געזאָגט, אַז פון די אַלע אומריינע פי באַדאַרף נאָר דער בכור פון אן אייזל אויסגעלייזט ווערן. זען מיר אַזוי אַרום, אַז זיי האָבן מקיים געווען די מצוה פון פדיון בכורים אַנדערש, ווי עס זעט אויס פון אויבנאויפיקן פשט פון דער תורה, אַז זיי האָבן דעם „וכל פטר חמור תפדה בשה" פון דער תורה ניט אין דעם בוכ־שטעבלעכן זין גענומען, נאָר זיי האָבן אים אין א „דבר הכתוב בהווה" זין פאַרשטאַנען, זייער מיינונג, ווייזט אויס, איז געווען, אַז די תורה האָט דער בכור פון אַן אייזל דערמאָנט ניט מיט דער כונה די בכורים פון די אַנדערע אומריינע פי פון דעם חיוב פדיון בכורים אויסצושליסן, נאָר בלויז דערפאַר, וויל אויסער אייזלען האָבן די אידן צו יענער צייט קיין אַנדערע אומריינע פי ניט געהאַלטן ביי זיך.

אין אמתן אָבער איז עס כלל ניט נויטיק די דאָזיקע מיינונג זיינע אָנצונעמען. די אַלע רייד זיינע, מיט וועלכע ער באַגרינדעט די דאָזיקע מיינונג איז ניט מער, ווי נאָר אַן אומגעלונגענער פלפול. דער „ובהמתנו" מיינט טאַקע אומריינע פי. עס איז אָבער כלל ניט נויטיק צו זאָגן, אַז ער מיינט אַלע. דער „ככתוב בתורה", וואָס שטייט נאָכדעם מאַכט עס קלאָר, אַז ער מיינט דעם בכור פון אַן

אייזל. ווארום ער באציט זיך אויף דעם „בנינו ובהמתנו" ניט נאָר אין צוזאמענהאנג מיט דעם „להביא", קלאָר צו מאכן, אז מיט דעם וואָס עס איז געזאָגט געוואָרן, מען זאָל ברייננגען צו גאָט די דאָזיקע בכורות, איז געמיינט געוואָרן, אויסלייזן זיי, ווי עס שטייט אין דער תורה געשריבן, נאָר וואָס אמבאלאנגט דעם „ובהמתנו" באציט זיך עס אויף אים אויך אין דעם זין קלאָר צו מאכן, וואָס פאר א מין בהמה עס ווערט מיט דעם וואָרט געמיינט.

ווייל דער געשוואויהענער אָפּמאך האָט דעם „ככתוב בתורה" סיי ווי סיי באַדאַרפט האָבן, כדי מרמז צו זיין אויף דעם אופן — דורך אויסלייזן — און אויף די באזונדערע פּרטים — „בכור בנינו" דורך געלט; „בכור בהמתנו" דורך א לעמעלע — פון דער דורכ־פירונג פון דער הייליקונג צו גאָט פון „בכור בנינו" און „בכור בהמתנו", וואָס ער האָט צוזאמען דערמאָנט צוליב דער אנאלאָגיע פון דער דורכפירונג פון זייער הייליקונג, וואָס זיי ווערן ביידע אויס־געלייזט, האָט ער צוליב לשון נקיה, צוליב כבוד הבריות, אנשטאָט חמור בהמתנו געשטעלט, פארלאָזנדיק זיך, אז די צוגעגעבענע ווער־טער „ככתוב בתורה" וועלן אויך דאָס קלאָר מאכן, אז עס רעדט זיך דאָ נאָר וועגן אָט יענער בהמה טמאה, וועגן וועלכער די תורה רעדט. ווארום אויב עס איז ניט קיין כבוד פאר „בנינו" צוזאמען אפילו מיט „בהמתנו" צו שטיין, וואָלט עס אונז נאָך מער פריקרע נעקלונגען אין די אויערן, ווען אנשטאָט „ואת בכורות בנינו ובהמתנו, וואָלטן מיר „ואת בכורות בנינו וחמורינו" באַדאַרפט לייענען. מען באַדאַרף ניט זיין קיין גרויסער עסטעט צו פילן, אז אזא מין קאָמ־בינאציע פון בנינו וחמורינו וואָלט זיך ניט מיט קיין איבעריקער גלאַטקייט אויסגעצייכנט.

עס איז אלזאָ קיין נויטווענדיקייט ניט פאראן צו זאָגן, ווי וויים טוט עס, אז אין יענער תקופה האָט מען פארשטאַנען דעם זין פון דעם „וכל פטר חמור תפדה בשה" אנדערש, ווי די חכמי התלמוד האָבן אים אין די שפּעטערדיקע תקופות פארשטאַנען, אז דאָן, ווען די חכמי התלמוד האָבן פארשטאַנען, אז דער „וכל פטר חמור תפדה בשה" שליסט אוים די אלע אנדערע בהמות טמאות, האָבן זיי פארשטאַנען פארקערט, אז ער שליסט זיי איין אלע. אויך ביים ענין פון „מעשר מן המעשר" פון די לוים געפינט רבי אייזיק

הירש ווייס, אז לויט דעם ווי עס ווערט וועגן אים אין דעם אָפּמאַך גערעדט, איז מען אויף אַן אנדער וועג, ווי דער וועג, וואָס איז אָנגעוויזן אין דעם אויבנאויפיקן פשט פון דער תורה, אין יענעם דור געגאַנגען. לויט דער תורה קומט דער „מעשר מן המעשר" די כהנים פאַר זייער פּערזענלעכן געברויך. עזרא און נחמיה אָבער, פאַרזיכערט אונז ווייס, האָבן איינגעפירט, אז דער מעשר מן המעשר זאָל גיין אויף די הצטרכותן פון בית המקדש. ער האָט נאָר אונ־טער זייער השגחה באַדאַרפט איינגעמאָנט ווערן פון די לוים; ער האָט אָבער ניט געקענט גיין פאַר זייער אייגננוצן, נאָר פאַר דעם נוצן פון בית המקדש. ווייס מיינט, אז זיי האָבן פאַרשטאַנען די ווערטער פון דער תורה, וואָס ווערן ביים מעשר מן המעשר געזאָגט, די ווערטער: ונתתם ממנו את תרומת ה' לאהרן הכהן" — און איר זאָלט געבן פון אים די תרומה פון גאָט צו אהרן הכהן, נאָר אין דעם זין, אז זיי זאָלן האָבן דעם קאָנטראָל איבער דער תרומה, אָבער ניט, אז זי זאָל פאַר זיי פּערזענלעך זיין. ווארום, ווען מיר וועלן נאָכזוכן, ווי געהעריק, וועלן מיר זען, אז איבעראַל, וואו די תורה באַשטימט עפּעס פאַר די כהנים פּערזענלעך דריקט זי עס בפירוש אוים דורך די ווערטער „לך יהיו" — פאַר דיר זאָל דאָס זיין „לך נתתים" — דיר האָב איך עס אוועקגעגעבן. היינט אז דאָ אין דעם פאַל פון „מעשר מן המעשר" האָט זי עס ניט געטאָן — ווייזט אוים, אז זי האָט טאַקע ניט געמיינט, אז דער מעשר מןהמעשר זאָל דאָס פּערזענלעכע איינגנטום פון די כהנים זיין.

און די דאָזיקע אַלע באַהויפּטונגען זיינע באַגרינדעט ווייס אויף די פאָלגנדע פסוקים פון אָפּמאַך: „... ומעשר אדמתנו ללוים, והם הלוים המעשרים בכל ערי עבודתנו. והיה הכהן בן אהרן עם הלוים בעשר הלוים והלוים יעלו את מעשר המעשר לבית אלהינו אל הלשכות לבית האוצר" — און דעם מעשר פון אונזער ערד (זאָלן מיר געבן) צו די לוים. און זיי די לוים זאָלן אויפמאָנען דעם מעשר אין די אַלע שטעט פון אונזער ווירטשאַפט. און דער כהן בן אהרן זאָל זיין מיט די לוים, אין חעם מעשר (אָדער: בשעת דעם מעשרן) פון די לוים, און די לוים זאָלן אריינברייגגען דעם מעשר מן המעשר אין גאָטס הויז, אין די קאַמערן פון לאַגער הויז.

דער זאַץ „והיה הכהן בן אהרן עם הלוים בעשר הלוים" —

מינט ווים — וויזט דערויף, אז דאָס איינמאָנען פון די מעשרות דורך די לוים איז געטאָן געוואָרן אונטער דעם קאָנטראָל פון די כהנים. ווארום ער טייטשט איין די דאָזיקע ווערטער אויף פאָלגנדן אופן: און חער כהן בן אהרן זאָל זיך געפינען מיט די לוים, ווען זיי וועלן זיי אויסטיילן זייער מעשר. און די ווערטער „והלוים יעלו את מעשר המעשר לבית אלהינו אל הלשכות לבית האוצר", ווייזן דערויף, אז נאָכדעם, וואָס דער כהן האָט אָפּגעטאָן זיינס, אכטונג צו געבן, אז דער „מעשר מן המעשר" זאָל ריכטיק אראָפּגענומען ווערן, האָט ער שוין מער גארניט צו טאָן מיט אים, ווערט ער אריינגענומען אין די לאַגער קאמערן פאר די הצטרכותן פון בית המקדש. ווארום זיי האָבן זיך — מאָטיווירט ווים די דאָזיקע באהויפּטונג זיינע — דאָן זייער שטארק געגוויטיקט אין מיטלען אויף אויסצוהאַלטן דעם בית המקדש, ווי מען זעט פון זייער שלום-וואָרט „ולא נעזוב את בית אלהינו" — און מיר וועלן ניט פארלאָזן גאָטס הויז.

אויך רבי נחמן קראָכמאַל זעט אן אָפּנייגונג אין „מעשר מן המעשר", ווי ער ווערט פּאָרמולירט אין געשוואוירענעם אָפּמאַך, פון דעם, ווי ער ווערט אין דער תורה אָנגעגעבן. לויט ווי קראָכמאַל פּאָרמולירט דעם ענין, באשטייט די רעפאָרם, וואָס יענער דור האָט אריינגעטראָגן אין דעם ענין פון „מעשר מן המעשר" אין דעם וואָס עס איז באשלאָסן געוואָרן דאָן, אז די לוים זאָלן אראָפּגעבן צו די כהנים פון זייער מעשר ניט נאָר איין צענטל פון זייער מעשר, ווי די תורה שרייבט עס פאָר, נאָר א מער גרעסערן חלק. קראָכמאַל מאַכט עס ניט קלאָר. אָבער מען דאַרף פארשטיין פון זיינע רייד, אז די פראַזע, וואָס גייט פאָרויס דעם „והלוים יעלו את מעשר המעשר לבית אלהינו אל הלשכות לבית האוצר", די פראַזע: והיה הכהן בן אהרן עם הלוים בעשר הלוים" טייטשט ער ניט ווי ווים טייטשט זי אוים: און דער כהן בן אהרן זאָל זיין מיט די לוים, ווען זיי וועלן דעם מעשר פון זייער מעשר אראָפּנעמען, כדי צו זען, אז אַלעם זאָל ריכטיק געטאָן ווערן, נאָר: און דער כהן בן אהרן זאָל אויך א טייל האָבן אין דעם מעשר פון די לוים.*) דעו טעם פארוואָס מען האָט

*) לויט ווייסן איז דער בעשר א פעל, און לויט קראָכמאַל א שם.

דעם מעשר מן המעשר פאַר די כהנים פאַרגרעסערט, דער־קלערט קראכמאַל דערמיט, וואָס דאַן זיינען די לוים געווען ווייניקער, ווי די כהנים זיינען געווען. ווארום פון דעם ערשטן חורבן אָן איז זייער צאָל אַלץ קלענער געוואָרן און זיי זיינען אין כלל פון גרים און עניים אריינגעקומען. דעריבער האָט מען מתקן געווען, אַז די לוים זאָלן געבן די כהנים מער, ווי די צען פראָצענט, וואָס די תורה האָט פאַרגעשריבן פאַר די פריערדיקע דורות, ווען די כהנים האָבן נאָר איין פיר און צוואַנציקסטל טייל פון דעם גאַנצן שבט לוי אויסגעמאכט.*)

---

*) לויט קראכמאלן איז שווער איינצושטעלן ווי געהעריק דעם צוזאַמענהאַנג צווישן דעם האלבן פסוק „והיה הכהן בן אהרן עם הלוי בעשר הלוי" מיט דער צווייטער העלפט זיינער „והלוים יעלו את מעשר המעשר לבית אלהינו אל הלשכות לבית האוצר" און מיט דעם לעצטן פסוק פון קאַפּיטל וועלכער קומט נאָך דעם אויבנדערמאָנטן פסוק. דאָ רעדט זיך דאָך בפירוש ניט וועגן א מער באַדייטענדן טייל, ווי נאָר איין צענטל פון מעשר, נאָר בפירוש וועגן מעשר המעשר דוקא. דערצו נאָך — וויבאַלד, אַז דער גאנצער ענין, וואָס איז אָנגעגאַנגען נחמיהן, איז געווען נאָר דאָס, אַז די כהנים זאָלן קריגן א גרעסערן טייל פון מעשר פון די לוים, טאָ צו וואָס האָט ער נאָך מתקן געווען צוזאַמען מיט דער תקנה צו פאַר־גרעסערן דעם מעשר מן המעשר פאר די כהנים, די תקנה, אַז די לוים זאָלן דעם חלק פון די כהנים דוקא לבית אלהינו ברענגען.

און קראכמאל אליין האָט, ווי מיר שיינט געפילט דעם קושי שבדבר, און ער האָט געזוכט, ווייזט אויס, צו באפרייען זיך פון אים דורך דער באמערקונג, וואָס ער מאכט צום סוף פון זיין באהאנדלען דעם גאַנצן ענין: ואמת שיש בכל ענין התקונים הנזכרים חילוקי דיעות אצל חז"ל, כמו שיש בקצת עניני זמן זה, עירוב פרשיות גם בכתיבתם, לפי שחזרו ונתחדשותקונים כאלה במרוצת הזמן, וכמו שיבוא".

לויט דעם, וואָס ער זאָגט דאָ, קען מען אָננעמען, אַז לשיטתו, באדארף מען באטראכטן די דאָזיקע אָנדערטהאלבן פסוקים שלא מן הענין במקומם. אַז, לשיטתו, באדארף מען אָננעמען, אַז אין אמתן רעדט זיך אין זיי וועגן דעם ענין פון מעשר, ווי ער איז איינגעשטעלט געוואָרן שפּעטער, ווען עזרא איז צום צווייטן מאָל געקומען קיין ירושלים.

ביי אלעם דעם באדארף אָבער געזאָגט ווערן, אַז דער איגהאלט פון די פסוקים וועגן וועלכע מיר ריידן, לאָזט ניט צוצופּאסן זיי איינגאנצן צו יענער צייט.

איך וויל דאָ אויך צוגעבן, אַז קראכמאלס אויסטייטשונג האָט איר אָנהאלט אין דער באַהויפּטונג פון די חז"ל, אַז „עזרא קנסינהו ללוים". די דאָזיקע באַהויפּטונג אָבער באלאנגט אויך צו אָט יענע אייניקע פון זייערע באַהויפּטונגען, אויף וועלכע

מיר שיינט אָבער, אַז ניט די אָפּנייגונגען פון דער תורה, וואָס ווייס ווייל זען אין דעם, ווי יענער דור האָט גענומען אויף זיך די מצוה פון מעשר מןהמעשר מקיים צו זיין, און ניט די אָפּנייגונגען, וואָס קראכמאל וויל אין דעם זען, קען מען אָדער דאַרף מען פון די אויבן ציטירטע פסוקים ארויסברייינגען אפילו ווען מיר זאָלן טייטשן דעם „והיה הכהן בן אהרן עם הלוים בעשר הלוים", ווי קראָכמאל וויל האָבן: און אין דעם מעשר פון די לוים זאָל אויך דער כהן פּאַרטראָטן זיין, זאָל ער אויך האָבן זיין חלק, איז נאָך אַלץ קיין נויטווענדיקייט ניט פאַראַן צו באַהויפּטן אַז דער פסוק מיינט, ער זאָל פּאַרטראָטן זיין אין אַ פאַרגרעסערטן חלק דוקא, ווי עס קומט אים לויט דער תורה. עס קען דאַן זייער גוט דענקבאַר זיין, אַז דאָס, וואָס דער פסוק זאָגט, ער זאָל פּאַרטראָטן זיין אין דעם מעשר פון די לוים מיינט ער טאַקע אין דער פּראָפּאָרציע, וועגן וועלכער עס רעדט די תורה.

עס קען געזאָגט ווערן „אם קבלה היא נקבל". פון דעם אלעם, וואָס מיר געפינען אין „נחמיה" אין צוזאמענהאנג מיט דעם דאָזיקן ענין, קען מען דאָס ניט ארויס־לערנען. און זע תוספות כתובות כ"ו און יבמות פ"ו.

און איך וויל נאָך צו דעם אלעם אויך דאָס פאָלקנדע צוגעבן:

און עס איז שווער צו דערלאָזן, אז לשיטתו—לשיטת קראכמאל—באדארף מען אָננעמען, אז אין אָפּמאך ווערט פאַרגעשריבן, אז זיי — די לויים — זאָלן איינמאָל א געוויסן באדייטענדן טייל אראָפּגעבן פון זייער מעשר צו די כהנים, צווייטנס, ווידער, זאָלן זיי אָט דעם צענטל, וועגן וועלכן די תורה רעדט, אז עס באלאַנגט צו די כהנים, אוועקגעבן פאר דעם בית המקדש. לויט ווייסן גייען ביידע פסוקים אויף איין מעשר. עס רעדט זיך דאָרטן, אז מען זאָל אונטער דעם קאָנטראָל פון דעם כהן דעם מעשר מן המעשר פאר דעם בית המקדש אראָפּנעמען. און לויט קראכמאל רעדט זיך אין זיי וועגן צוויי מעשרות. אין ערשטן וועגן מעשר — וואָס דאַרף מער ווי איין צענטל זיין פאר די כהנים. און אין צווייטן וועגן מעשר, וואָס באדארף גיין פאר דעם בית המקדש. מען קען דאָס פון זיינע — פון קראכמאלס—רייד ניט ארויסדרינגען. און דאן ווידער, ממה נפשך, אויב מיר דערטראַכטן זיך שוין צו דעם, מיר זאָלן איינטייטשן דעם „והלויים יעלו את מעשר המעשר לבית אלהינו אל הלשכות אל בית האוצר" אויף אַ וועג, אַז דאָ רעדט זיך וועגן דעם, אז דער מעשר, וועגן וועלכן עס רעדט זיך דאָ, באדארף גיין פאר דעם בית המקדש, פאר וואָס שוין ניט דעם גאנצן ענין פון מעשר דאָ ניט פארשטיין, ווי ווייס פארשטייט אים? צו וואָס אריינברענגען דעם דואַליזם אין פסוק? און זע די באַמערקונג וועגן דעם דאָזיקן ענין אין א ווייטערדיקן קאַפּיטל.

און פון דער צווייטער זייט ווידער — איז אויך דאָ, ווען מיר זאָלן טייטשן דעם „והיה הכהן בן אהרן עם הלוים בעשר הלוים”: און דער כהן בן אהרן זאָל זיין מיט די לוים בשעת די לוים וועלן אויסטיילן זייער מעשר איז נאָך כלל ניט געדרונגען דערפון, אז מיט דעם אליין ענדיקט זיך שוין די גאַנצע שייכות פון די כהנים צום מעשר מן המעשר. אמת עס שטייט נאָכדעם „און די לוים זאָלן אריינברענגען דעם מעשר מן המעשר אין די קאַמערן פון לאַגער־הויז”. וואָס צווינגט אונז אָבער צו זאָגן, אז ס'איז באַפֿעלן געוואָרן צו ברענגען זיי אהין, כדי זיי זאָלן בלייבן דאָרטן פאַר דעם נוצן פון בית המקדש? פאַר וואָס זאָלן מיר ניט דיינקען, אז זיי זיינען גע־בראַכט געוואָרן אהין נאָר דערויף, כדי זיי זאָלן פון דאָרטן אויס־געטיילט ווערן צו די כהנים, כדי זיי זאָלן קריגן די תרומה פון די לוים אויף דעם אייגענעם אופן, ווי זיי קריגן די תרומה פון די ישראלים. פונקט ווי די לעצטע קריגן זיי ניט דירעקט פון די גע־בער, נאָר דורך דער פאַרמיטלונג פון בית המקדש, אזוי זאָלן זיי אויך דעם מעשר מן המעשר, וואָס זיי האָבן באַדאַרפט פון די לוים באַקומען, ניט דירעקט פון זיי קריגן, נאָר אויך נאָר דורך דער פאַרמיטלונג פון דעם בית המקדש.

און אז דאָס איז ווירקלעך אזוי, באַווייזט אונז דער פסוק, וואָס קומט נאָכדעם, אין וועלכן עס ווערט מאָטיווירט דער אויבנדער־מאָנטער באַפֿעל.

דער דאָזיקער פסוק לייענט זיך ווי פאָלגט:

„ווארום אין די קאַמערן זאָלן ברענגען די בני ישראל און די בני הלוי די תרומה פון דעם קאָרן, פון דעם וויין און פון די אויל־בירטן, און דאָרטן געפינען זיך די כלי המקדש און די כהנים, וואָס באַדינען גאָט און די טויער היטער און די משוררים”. עס איז אלזאָ קלאָר פון דעם פסוק, אז דאָס ברענגען פון דעם מעשר מן המעשר פון די בני לוי אין בית המקדש איז אויף דעם אייגינעם אופן, ווי דאָס ברענגען פון דער תרומה פאַר די כהנים אין בית המקדש, אז דער צוועק פון דעם איז ניט כדי דער מעשר מן המעשר זאָל פאַר די הצטרכותן פון בית המקדש גיין, נאָר דער מאָטיוו דערפון איז, ווי דער מאָטיוו פון דעם ברענגען פון די אנדערע הייליקייטן אין בית המקדש, כדי די דורכפירונג פון די אלע ענינים, וואָס האָבן

מיט דברים שבקדושה צו טאָן זאָלן אין די גרעניצן פון בית המקדש געטאָן ווערן, כדי זיין חשיבות צו פאַרגרעסערן, זיין אויטאָריטעט צו פאַרשטאַרקן, און דער „ולא נעזוב את בית אלהינו" — און מיר זאָלן ניט פאַרלאָזן דאָס הויז פון אונזער גאָט איז אַזוי אַרום ניט נאָר אַ „תנא רמסייע ליה" צו וויסן, נאָר פאַרקערט נאָך אַ „ראיה לסתור". לויט ווי וויים ברייננגט אים, קומט אויס, אַז עס שטייט באַלד נאָך דעם „והלוים יעלו את מעשר לבית אלהינו". אין אמתן אָבער שטייט ער גאָר צו ענדע פון דעם גאַנצן פסוק וואָס מיר האָבן אויבן געבראַכט. עס איז דעריבער קלאָר, אַז זיין מיין קען ניט זיין, ווי וויים וויל האָבן, כדי מיר זאָלן האָבן מיטלען אויף אויפצוהאַלטן „דעם בית המקדש", נאָר אַז אין גאַנצן צוזאַמענהאַנג מיט דעם אַלעם, וואָס שטייט פריער, מוז זיין מיין זיין, כדי דער בית המקדש זאָל אין אונזערע אויגן ניט אַפּגעלאָזט זיין, כדי ער זאָל אויף דער געהעריקער אויטאָריטעטער הויך שטיין ביי אונז דערמיט, וואָס ער וועט פאַר אונז דער צענטער פון די אַלע עבודות הקודש זיין.

דער ענין פון מעשר מן המעשר, ווי ער ווערט פאַרמולירט אין אַפּמאַך אונטערשיידעט זיך, אַלזאָ, ניט כלל, ווי איך האָב עס דערקלערט, פון דעם זעלבן ענין, ווי ער ווערט אין דער תורה פאַרמולירט. קיינע ראַדיקאַלן ענדערונגען זיינען ניט דאָ בנוגע דער דורכפירונג זיינער אַריינגעטראָגן געוואָרן אויסער נאָר אָט יענער קליינער ענדערונג, וואָס ער איז ניט דירעקט פון די לוים צו די כהנים געגעבן געוואָרן, נאָר ער איז פריער אין די לאַגער קאַמערן פון בית המקדש אַריינגעטראָגן געוואָרן. ווארום אַזוי איז געווען די תקנה דאָ בנוגע צו אַלע פאַרשיידענע תרומות און מעשרות, אַז זיי זאָלן ניט געגעבן ווערן דירעקט פון די געבער צו די וואָס האָבן זיי באַדאַרפט קריגן נאָר דורך דער פאַרמיטלונג פון בית המקדש. נאָר פאַר די לוים אַליין איז די ערשטע צייט אַן אויסנאַמע געמאַכט געוואָרן צוליב דעם אפנים, וואָס זייער פרעסטיזש איז געווען געפאַלן,

צוליב דעם וואָס דאָס פאָלק האָט זיך שוין געהאַט צוגעוואוינט ניט צו רעספּעקטירן זייער רעכט אויף די מעשרות, וואָס עס זיינען זיי געקומען. מען האָט מורא געהאַט, אַז די חייבים במעשר פאַר די לוים זאָלן ניט אונטערפּעלשעווען, אויב זיי וועלן אויך אָט דעם מעשר אין בית המקדש ברייננגען, דעריבער האָט מען די לוים די פּריווילעגיע

געגעבן, זיי זאָלן ארומפאָרן אין די שטעט, אויפצומאָנען דעם מעשר פון די, וואָס זיי האָבן באדארפט אים געבן צו זיי. שפּעטער אָבער מיט א שטיקל צייט איז אויך פון די לוים די דאָזיקע פּריווילעגיע אוועקגענומען געוואָרן, און אויך די מעשרות וואָס האָבן צו זיי באַלאַנגט, האָבן זיי שוין נישט מער דירעקט פון די געבער אויפגעמאָנט, נאָר אויך זיי, ווי די אלע אנדערע תרומות און מעשרות, זיינען אין די לאַגער־קאַמערן פון בית המקדש אריינגעבראכט געוואָרן. פון אָט יענע קאַמערן זיינען דאַן אָט די דאָזיקע אלע געבראכטע אהין תרומות ומעשרות פון ספּעציעלע דערויף אָנגעשטעלטע מענטשן צווישן די כהנים און די לוים צעטיילט געוואָרן.

איבעריגנס קען מען עס נישט באצייכענען אלס אן אוועקגענומענע פּריווילעגיע. ווארום עס איז געטאָן געוואָרן פון זייער טובה וועגן. ווארום די כהנים, וועלכע זיינען געווען שטארקער און מער אין צאָל פון די לוים, האָבן שוין געפונען מיטלען, ווי צו באַרויבן זיי פון די מעשרות, וואָס זיי האָבן באדארפט פון פאָלק קריגן, עס איז דעריבער נויטיק געוואָרן צו שטיצן זיי דורך אָרגאַניזירטער מאַכט, צושטעלן דאָס איינמאָנען פון זייערע מעשרות אונטער דעם קאָנטראָל פון אן אויטאָריטעטיוון כח.

אין יענעם מאָמענט,*) ווען עס איז די פריער באַשפּראָכענע גרויסע פאַרזאַמלונג פאָרגעקומען, איז געגרינדעט געוואָרן אין אידישן לעבן דער כנסת הגדולה אינסטיטוט, וועלכער האָט אָנגעהאלטן זיין עקזיסטענץ ארום א צוויי הונדערט יאָר. פון איר אליין טאקע איז דאָס דער דאָזיקער אינסטיטוט אויסגעוואקסן. יענע גרויסע פאַרזאַמלונג איז דער ערשטער מאָמענט פון איר עקזיסטענץ געווען, און די אלע פּערזאָנען, וואָס האָבן זיך אונטערגעשריבן אויף דעם אָפּמאַך, זיינען די מיטגלידער פון דער כנסת הגדולה אין יענעם דור געווען.

---

*) רבי אייזיק הירש ווייס ווייזט אָן, אז דער ערשטער שריט צו דער פאָרמירונג פון דער כנסת הגדולה זיינען געווען די בתי דינים, וואָס עזרא האָט אוועקגעזעצט באלד, ווען ער איז געקומען אין ארץ ישראל, צו אונטערזוכן די אלע פעלע פון געמישטע הייראטן ביי דער אידישער באַפעלקערונג און ארויסטראָגן זייער אורטייל.

דער תלמוד בבלי גיט אָן די צאָל פון די מיטגלידער פון דער כנסת הגדולה צו יענער צייט הונדערט און צוואנציק — ק"ב זקנים. אין תלמוד ירושלמי אָבער ווערט אָנגעגעבן די צאָל אלס פינף און אכציק. און דאָס שטימט כמעט מיט דער צאָל פון די פערזאָנען, וואָס האָבן זיך אונטערגעשריבן אויף דעם אָפמאַך, לויט דעם, ווי עס ווערן זייערע נעמען אויסגערעכנט אין נחמיה. און דאָרטן ווערן נאָר פיר און אכטציק**) אויסגערעכנט. עס פעלט אבער צווישן די אויסגערעכנטע נעמען דער נאָמען פון עזראָן. עס איז אָבער, נאַטירלעך, אוממעגלעך צו דיינקען, אז ער זאָל זיך ניט געפינען צווישן די מיטגלידער פון דער כנסת הגדולה. דארף מען דעריבער אויך אים צורעכענען צו די פיר און אכציק אויסגערעכנטע. וועט שוין אלזאָ דאַן שטימען דער חשבון מיט דער צאָל, וואָס ווערט אָנגעגעבן אין תלמוד ירושלמי.

**) ווייס גיט אָן פינף און אכציק. עס איז אבער ניט ריכטיק.

י״ג

נחמיה רופט א צווייטע פאָלקס־פאַרזאַמלונג

נאָך א טאָג פון טרויער און פאַסטן קומט א טאָג פון פרייד און טרייסט. — די גרויסע פאָלקס פאַרזאַמלונג, וואָס עס איז פאררופן געוואָרן, צו פייערן דאָס באנייען פון די מויערן, וואָס זיינען אויפגעשטעלט געוואָרן ארום ירושלים. — נחמיה האָט ווידער געהייסן אויסרופן, אז די גאַנצע באַפעלקערונג פון די פראָווינץ שטעט זאָלן קומען קיין ירושלים אין דער פאָלקס שמחה זיך באטייליקן. — דער אימפּאָזאנטער פאָלקס־מארש, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן ארום די מויערן פון ירושלים. — די צוויי לוויים כאָרן, אין פאָראויס פון וועלכע עזרא און נחמיה זיינען געגאנגען. — די ציטאַדל, וואָס נחמיה האָט געלאָזט אויפשטעלן. — עזרא ווערט פון אים אלס דער אויפזעער פון בית המקדש באַשטימט. — זיין זאָרג פאר די כהנים און לוויים. — זיין זאָרג פאר די אָרימע שיכטן פון דער באַפעלקערונג.

נאָכדעם, וואָס די באפעלקערונג פון יהודה האָט א טאָג אין פאַסטן און אין טרויער פארבראַכט, נאָכדעם וואָס עס איז פאָרגעקומען דער גרויסער פאָלקס צוזאמענקונפט, אויף וועלכן די אלע אין אים באטייליקטע האָבן אויף זיך גענומען, זיי זאָלן זיך לויט די פאָרשריפטן פון דער תורה פירן, האָט נחמיה ווידעראמאָל א גרויסע פאָלקס פאַרזאמלונג צונויפגערופן צו פייערן דאָס באנייען פון די מויערן ארום דער שטאָט.*) נאָך א טאָג פון טרויער און פאסטן האָט

---

*) לויט דער אָרדנונג— אין צוזאמענהאנג מיט די געשעענישן, וועגן וועלכע עס ווערט דערציילט אין „נחמיה״ — אין וועלכער עס קומט אין ספר נחמיה דער ספור המעשה וועגן דער דאָזיקער פאָלקס פארזאמלונג, קומט ווירקלעך אויס, אז די דאָזיקע פייערונג איז נאָך די געשעענישן, וועגן וועלכע מיר האָבן אין די

נחמיה געוואָלט דער אידישער באפעלקערונג פון יהודה א טאָג פון פרייד און טרייסט געבן. עס איז זיין וואונש געווען איינצו־פלאַנצן רעספעקט אין די הערצער פון דער אידישער באפעלקערונג צו ירושלים, צו דערהויבן איר אויטאָריטעט אין אירע אויגן, זי זאָל אויף די מיטגלידער פון אידישן ישוב אן אימפּאַזאַנטן איינדרוק פון א פיל באפעלקערטער רעזידענץ שטאָט מאכן, דעריבער האָט ער געזוכט איינצואָרדענען אין איר וואָס מער פּאָפּולערע פאָלקס פארזאמ־לונגען. און ווי אין דער פריערדיקער פארזאמלונג האָבן זיך אויך אין דער דאָזיקער פארזאמלונג פרויען און קינדער באטייליקט.

און כדי די דאָזיקע פייערונג זאָל א וואָס מער פריידיקן און אימפּאַזאַנטן כאַראַקטער טראָגן, האָט נחמיה איינגעלאַדן אויך פילע פון די לוים, וואָס האָבן זיך געפונען אין די פּראָווינץ שטעט, זיי זאָלן קומען קיין ירושלים, אין דער שמחה זיך באטייליקן מיט זייער זינגען און שפּילן אויף פארשיידענע מוזיקאלישע אינסטרומענטן.

צוויי באזונדערע טיילן פון פאָלק האָבן פון איין פונקט ארויס־מארשירט אין קעגנגעזעצטע ריכטונגען ארום די מויערן פון דער שטאָט און האָבן זיך באגעגנט אין בית המקדש, אָן דער שפּיץ פון יעדער אפּטיילונג איז געגאנגען א כאָר פון די לוים, זינגענדיק פאר־שידענע הימנען. יעדער כאָר איז ווידער באגלייט געווען פון א באַנד מוזיק. עזרא איז מיט איין כאָר געגאנגען, און מיט דעם אנדערן איז געגאנגען נחמיה. און אונטער זיי זיינען גרויסע מענגען פון פאָלק נאָכגעגאנגען. אויף אזא אופן האָבן זיך לאנגזאם דיביידע פּראָצעסיעס ארום די מויערן פון שטאָט געצויגן. און ברייט און פריי האָבן זיך אויף א ווייטן דיסטאנץ די טענער פון די צימבלען, הארפן און טרומייטן געטראָגן. און הויך און שטארק האָט דאָס געזאנג פון די לוים געקלונגען. די דאָזיקע שמחה האָט אכט טעג אָנגעהאלטן.

פריערדיקע קאַפּיטלען געשריבן — פאָרגעקומען. מען קען אבער אויך אָננעמען, אז אויך דאָ האָבן מיר מיט דעם ענין פון „מוקדם ומאוחר" צו טהון; אז דאָס אלעס, וואָס עס ווערט דערציילט אין קאפּיטל י"ב, פון פסוק כ"ז ביז מ"ד אָדער מ"ז, באדארף מען פארבינדן מיט די ערשטע פסוקים פון קאַפּיטל ז', וואו עס ווערט דערציילט, אז דאָס בויען פון די מויערן איז פארענדיקט געוואָרן.

כדי די אידישע קהלה אין ירושלים זאָל זיך אויף פעסטע, זיכערע יסודות האַלטן, האָט נחמיה געזוכט פייאיקע, פאַראַנטוואָרט־לעכע מענטשן, וועלכע ער זאָל קענען פאַר באַאַמטע מאַכן, ער האָט איינגעטיילט דאָס לאַנד אין קליינע דיסטריקטן — פלך — און גע־מאַכט איבער יעדן דיסטריקט א באַזונדערן אדמיניסטראַטאָר, וואָס זאָל אים מיט זיין זאָרגפעלטיקער השגחה פירן. צו צפון צו פון בית המקדש האָט ער אויפגעשטעלט א גוט באַפעסטיקטן ציטאַדל כדי ער זאָל אין אן עת צרה אַלס שוץ־וואַנט פאַר דעם בית המקדש קענען דינען. דער דאָזיקער ציטאַדל האָט געהייסן בירה. און אַלס קאָמאַנדיר איבער דער פעסטונג האָט ער באַשטימט איינעם פון די איבערגעגעבנסטע נאָכפאָלגער זיינע חנניה. און עזראן האָט ער באַשטימט אַלס דעם אויפזעער פון בית המקדש. אונטער זיין השגחה האָט זיך די גאַנצע פאַרוואַלטונג פון בית המקדש געפונען.

און נאָכדעם, וואָס עס איז אַלעס אין גוטער אָרדנונג געבראַכט געוואָרן, האָט נחמיה אַלס איינע פון זיינע וויכטיקסטע אויפגאַבן באַטראַכט צו זאָרגן דערפאַר, עס זאָל באַניִיט ווערן די עבודה אין בית המקדש, אוועקשטעלן זי אויף אַזא מצב, עס זאָל ניט קענען קיין געפאַר לויערן, זי זאָל מוזן ווען אונטערבראָכן ווערן. ער האָט דעריבער עס אַלס זייער וויכטיק באַטראַכט צו זען פאַרזאָרגן די כהנים און לוים מיט גענוגנדע איינגאַמען, כדי זיי זאָלן ניט דאַרפן פאַרלאָזן דעם בית המקדש. ער האָט דעריבער געזאָרגט דערפאַר, אז עס זאָל געזיכערט זיין פאַר זיי דאָס אריינקומען אין זייער רשות פון די אַלע איינגאַמען, וואָס זיי האָבן באַדאַרפט אויפמאָנען פון פאָלק אין דעם פאָרם פון תרומות און מעשרות. האָט ער באַשלאָסן צוליב דעם, אז עס זאָל אָט דאָס אַלעס אונטער דעם קאָנטראָל פון א וואַכענדן אויג שטיין. ער האָט זיך ניט געוואָלט באַנוגענען מיט דער פייערלעכער דערקלערונג אליין, וואָס די לאַנד איינגנטימער האָבן געגעבען, זיי זאָלן ניט באַרויבן די כהנים און די לוים פון דעם חלק, וואָס עס קומט זיי פון די פּראָדוקטן פון זייער ערד. ער האָט געוואָלט, אז עס זאָל זיך אויך א שטרייכגע השגחה געפינען וואָס זאָל אַכטונג געבן אויף זיי, זיי זאָלן זייער הבטחה מקיים זיין. און צוליב דעם צוועק האָט ער באַשטימט, ווי עס איז שוין פאַרבייגייענדיק פריער אָנגעוויזן געוואָרן, אז די לוים זאָלן אַרומפאָרן אין די פּראָווינץ

שטעט, אין דער צייט, ווען מען נעמט אראָפּ די תבואות פון די פעלדער, זיי זאָלן אויפמאַנען זייערע מעשרות און ברייגנען זיי צוריק אין ירושלים. אין ירושלים האָט נחמיה אויסגעבויט לאַנגער קאַמערן אין די בית המקדש גרעניצן, אהין האָט מען אַלע תרומות ומעשרות צונויפגעזאַמלט, און אונטער דער אויפזיכט פון ספּעציעלע אָנגעשטעלטע דערויף באַאמטע האָט מען די דאָזיקע תרומות ומעשרות — דעם מעשר וואָס די לוים האָבן פון די לאַנד־אייגנטימער געגומען, ווי אויך דעם מעשר, וואָס זיי האָבן פון זייער מעשר פאַר די כהנים באַדאַרפט געבן — צווישן די לוים און כהנים פאַנאַנדערגעטיילט. דאָס איז געטאָן געוואָרן מיט דער אבזיכט, עס זאָל קיינער ניט פון די כהנים און לוים געקריוודעט ווערן, עס זאָל אַלעס אויף א גלייכן און ערלעכן אופן פאַנאַנדערגעטיילט ווערן.

און ניט פאַר דעם אליין האָט נחמיה געזאָרגט, עס זאָל זיך די באַפעלקערונג פון ירושלים פאַרגרעסערן, נאָר ער האָט אויך מיטלען געזוכט דערויף, די באַפעלקערונג זאָל מיט אָנשטענדיקע וואוינונגען פאַרזאָרגט זיין. ער האָט פאַר זיין אייגן געלט אויפגעשטעלט הייזער פאַר די גאָר אָרימע שיכטן פון דער באַפעלקערונג און אויף וויפיל ער איז נאָר אומשטאַנד געווען האָט ער געזוכט אויך אַלע זייערע באַדערפעגישן נאָכקומען. נחמיה האָט ניט נאָר זיין צייט און זיין ענערגיע דעם אידישן פאָלק אוועקגעגעבן, נאָר אויך דעם גאַנצן רייכטום זיינעם כמעט, האָט ער דעם פאָלק אוועקגעגעבן. עס האָט זיך אין זיין לעבן און ווירקן א וואונדערבאַרער מוסטער פון מסירות נפשדיקער איבערגעגעבנקייט פון פרט צום כלל פאַרקערפּערט. עס איז אין זיין טעטיקייט פאַר דעם אידישן פאָלק דער קריסטאַל ריינסטער אידעאַליזם פאַרקערפּערט געווען. אַלעס, אַלעס איז ער גרייט געווען אוועקצוגעבן אבי ער זאָל די פאַרווירקלעכונג פון זיין אידעאַל זען, דאָס גאַנצע לעבן פון אידישן פאָלק זאָל מיט דעם גייסט פון דער תורה דורכדרינגען זיין, עס זאָל דורך דעם די רעאַליזירונג פון דער פאָלשטענדיקער גייסטיקער פעסטגעשטעלטקייט פון אידישן פאָלק קומען, עס זאָל שטענדיק גראָד איבער גאָטס וועג גיין.

און עס איז דעריבער גאָר קיין וואונדער ניט, וואָס דאָס פאָלק און די פירער זיינע האָבן אזוי פיל ליבע און אזוי פיל אכטונג געפילט צו נחמיהן. עס איז זיין וואָרט הייליק און טייער געווען פאַר

יעדן. זיין אומבאַגרעניצטע ליבע צום פאָלק האָט ביי די פירער באַוואונדערונג און באַגייסטערונג אַרויסגערופן, און האָט ביי זיי א פאַרלאַנג איינגעפלאַנצט אין זיינע פיס־טריט צו גיין.

און ניט ווייניקער באַוואונדערונג און באַגייסטערונג האָט זי אויך ביי די ברייטע פאָלקס־שיכטן אַרויסגערופן, און זיי זיינען געוועזן באַפרידיגונג צו ברענגען דעם גרויסן פירער זייערן, וואָס האָט אזוי פיל קרבנות גרויסע געבראַכט פאַר זיי, וואָס איז דער גואל ומושיע זייערער געוועזן. האָבן זיי זיך דעריבער אונטער זיין השפעה אונטערגעוואָרפן, האָבן זיי זיך גרויס מי געגעבן אַלע זיינע פאַרלאַנגען אויספאָלגן, כדי ער זאָל זיין באַלוינונג זען, כדי צו ווייזן אים, אז זיין אַרבעט האָט זיך מיט דערפאָלג געקרוינט.

י״ד

נחמיה קערט זיך אום אין פערסישן הויף

נחמיה קערט זיך אום אין פערסישן הויף. — ער פארברענגט דאָרטן א 8־7 יאָר. —ער שטייט דאָרטן אין שטענדיקער פארבינדונג מיט דעם אידישן ישוב פון יהודה. — אן ענדערונג צום ערגערן אין זיין אָפּוועזנהייט. — אן אייניקל פון אלישיב דעם כהן גדול ווערט סנבלט החורוניס אן איידים. — טוביה העמונין האָט אלישיב אין די געביידן פון בית המקדש ארייגענומען. — דער קאמף פון די כהנים פאר זייער מאַכט. — עזראס אָנשטרענגונג דעם אויטאָריטעט פון די פאָרשטייער פון דער תורה, פון די סופרים, אויף דעם חשבון פון די כהנים, אין די אויגן פון פאָלק דערהויבן. — די ברייטע שיכטן פון פאָלק זיינען ווייניק באווירקט געוואָרן פון די מעשים תעתועים פון די כהנים. — צוליב זייער מיסאכטונג פאר די כהנים האָבן זיי מיסאכטונג אויך צום בית המקדש ארויסגעוויזן.

צוועלף יאָר איז נחמיה געווען דער אדמיניסטראטאָר פון יהודה, ווען ער איז דאָס ערשטע מאָל געקומען אהין. נאָכדעם איז ער צוריקגערופן געוואָרן אין פערסישן הויף פון קעניג. ווארום, ווי מיר האָבן שוין געשריבן אין איינעם פון די פריערדיקע קאַפּיטלען, האָט דער קעניג געגעבן אורלויב נחמיהן אוועקצופאָרן קיין ירושלים נאָר אויף א באַשטימטער צייט.

מיט א רואיק געמיט האָט נחמיה פאַרלאָזט אצונד יהודה. ער איז געווען זיכער, אז די ארבעט, וואָס ער האָט פאַרענדיקט, וועט אויך אין זיין אָפּוועזנהייט מיט דויערנדן דערפאָלג געקרוינט בלייבן, וועט רוהם און כבוד דעם אידישן נאָמען ברענגען.

עס איז אָבער ניט אינגאנצן אזוי געווען, ווי נחמיה האָט גע־האָפט. מיט זיין פאַרלאָזן דאָס לאַנד איז א קליינע ענדערונג צום ערגערן פאָרגעקומען אין אידישן ישוב אין יהודה א דאנק דעם איינ־

פלום פון דעם כהן גדול צו יענער צייט אלישיב, וועלכער האָט אָנגעהאַלטן פריינדלעכע באַציאונגען מיט די שומרונים.

דיפריינדשאַפט, וואָס די כהן גדול פאַמיליע האָט אַרויסגעוויזן צו די דערוויטערטע פרעמדע עלעמענטן איז אַזוי ווייט דערגאַנגען, אַז איינער פון כהן גדול אלישיבס אייניקלעך, איינער פון די זין פון זיין זון יוידע איז געוואָרן אַן איידים פון סנבלט החורני, וועל־כער איז געווען דער אָנפירער פון די אידישע שונאים, דער הויפּט באַקעמפער פון נחמיהן. און אויך מיט דעם צווייטן גרויסן שונא פון נחמיה האָט איצט די כהן גדול פאַמיליע אַ ברודערלעכן שלום געשלאָסן. אלישיב דער כהן גדול האָט געגעבן די דערלויבניש צו טוביה העמוני, וועלכער איז אַרויסגעטריבן געוואָרן פון ירושלים דורך עזראַן, ער זאָל צוריקקומען קיין ירושלים, און ער האָט אים אין די געביידן פון בית המקדש אַריינגענומען.

און די אַלע עלעמענטן פון אידישן ישוב אין יהודה, וואָס האָבן פריער נאָך טיף אין הארצן ביי זיך פּראָטעסטירט, כאָטש זיי האָבן אמת מורא געהאַט עפנטלעך זייער פּראָטעסט אַרויסזאָגן געגן דעם שטרייענגען נאַציאָנאַלן סעפּעראַטיזם פון נחמיה, האָבן דעם בייַ־שפּיל פון דעם כהן גדולס פאַמיליע נאָכגעטאָן, און דאָ און דאָרטן זיינען אויך צווישן זיי געמישטע הייראַטן פאָרגעקומען.

די דאָזיקע אַלע דערפעקטן אָבער, וואָס האָבן זיך געזען יעצט אין גייסטיקן לעבן פון אידישן ישוב זיינען ווירקלעך פון ניט קיין גרויסער באַדייטונג געווען. דאָס פאָלק אין די ברייטע שיכטן זיינען אומבאַרירט געבליבן. די גאַנצע באַוועגונג פון פריינדלען זיך מיט דערוויטערטע עלעמענטן האָט נאָר גאָר די אויבערשטע שפּיצן פון פאָלק פאַרכאַפּט, און הויפּטזעכלעך נאָר די כהן גדול פאַמיליע און די ווענִיקע אָנהייגער אירע. און זייער גרינגשעצן און איגנאָרירן די פאָדערונגען פון די אנשי כנסת הגדולה איז געווען אַ מין שטילער און אפשר אויך אומבאַוואוסטער — קאַמף און פּראָטעסט וועגן דעם, וואָס זיי האָבן אָנגעוואָרן דעם ווייכטיקן פּלאַץ וואָס זיי האָבן ביז יעצט פאַרנומען אין אידישן לעבן. די דאָזיקע מעשים זייערע זיינען געווען אַ מין — באַוואוסט אָדער אומבאַוואוסט נקמה נעמען אין עזראַן, וואָס דורך אים זיינען זיי פון זייער מאַכט אָפּגעשניטן גע־

וואָרן; א מין מלחמה טאַקטיק, דורך וועלכער עס זאָלן מיסדער־פאָלגן געבראַכט ווערן צו דער גאַנצער ארבעט פון עזראַן.

ווארום עזרא איזווירקלעך געווען דער, וואָס האָט די מאַכט פון די כהנים, דעם איינפלוס זייערן אויף דעם אידישן לעבן, פאַר־קלענערט, ער האָט די תורה ארויסגענומען פון רשות פון די כהנים און געמאַכט זי פאַר דעם קנין פון דעם גאַנצן פאָלק.

עס איז דער ווילן פון דער השגחה געווען, אז די ממשלה פון די כהנים איבער דעם אידישן פאָלק זאָל דוקא דורך איינעם פון זיי, דורך איינעם פון זייערע וויכטיקסטע פאָרשטייער, געבראַכן גיין. עזרא, וואָס איז אליין א כהן געווען, וואָס האָט אליין פון איינער פון די פאָרנעמסטע כהנים משפחות געשטאַמט, האָט געבראַכט דער־צו, אז די פירערשאַפט איבער דעם אידישן פאָלק זאָל איבערגיין פון רשות פון דער בית המקדש אריסטאָקראַטיע צו דער תורה־אריסטאָקראַטיע.

אנשטאָט וואָס ביז יעצט זיינען די כהנים דער גרעסטער אויטאָ־ריטעט ביים פאָלק געווען, זיינען עס יעצט די פאָרשטייער פון דער תורה, די סופרים, געוואָרן. אָנשטאָט, וואָס ביז יעצט איז געשטאַ־נען אין צענטער פון אידישקייט דאָס כהונהטום, די אלע ענינים פון קרבנות און פון דער עבודה אין בית המקדש, איז יעצט געשטאַנען די תורה, די גאַנצע תורה מיט די אלע פאָרשריפטן אירע, וואָס רע־גולירן די אלע פארשיידנסטע ווינקעלעך פון אידישן לעבן. ביי יעדער געלעגנהייט האָט געזוכט עזרא אונטערצושטרייכן, אז דער הויפט באַזיס פון אידישקייט זיינען ניט די פריווילעגיעס אָדער פונקציעס פון דער אָדער יענער קאַסטע, נאָר די קאָלעקטיווע באַטיילונג פון גאַנצן פאָלק אין דער דורכפירונג פון די פאָרשריפטן פון דער תורה; אז דער רוקנביין פון אידישן פאָלק איז ניט די אָדער יענע פריווי־ליגירטע גרופע, נאָר די אלע פארשיידענע עלעמענטן זיינע.

און אָט אזוי זען מיר אויך, אז אזא גרויסע פאַרזאַמלונג, ווי יענע פאַרזאַמלונג, אויף וועלכער עס איז דער געשוואָרענער אָפּמאַך דורכגעפירט געוואָרן, איז פאָרגעקומען ניט אינעווייניק אין בית המקדש, נאָר אויסערהאַלב אים, און איז אויך ניט פאָרגעקומען אונטער דער פירערשאַפט פון דעם כהן גדול. דער בית המקדש און די אלע מכשירים זיינע פאַר דעם צוועק פון קרבנות ברייננגען

איז ביז צו א געוויסן גראַד אין הינטערגרונד דאָן געשטעלט גע־יוואָרן.

עזרא האָט מיט דעם אַלעם, ווי געוואָלט אונטערשרייבן, אַז ווי וויכטיק עס איז ניט די בית המקדש עבודה, דאָס קרבנות ברענגען, איז דאָס ניט מער, ווי נאָר א טייל פון אידישקייט, אָבער ניט דאָס גאַנצע אידישקייט, ער האָט געוואָלט דורך דעם — דעם אויטאָריטעט פון די פאָלקס לערער, פון די פאַרשטייער פון דער תורה, דעם אויטאָריטעט פון די סופרים אין די אויגן פון פאָלק דערהויבן אויף דעם חשבון פון די כהנים.

און ער האָט אויך דעם דאָזיקן ציל זיינעם דערגרייכט.

זיין גאַנצע אכטונג און ליבע האָט דאָס פאָלק אוועקגעגעבן די סופרים, צו די, וואָס האָבן צווישן אים דאָס וויסן פון דער תורה פאַרשפּרייט.

ביי די ראשי המדברים פון די כהנים האָט זיך דעריבער אַזוי אַרום אן אינערלעכער האַס געמוזט אַנטוויקלען צו עזראן, דערפאַר, וואָס זיי זיינען דורך אים אין הינטערגרונד אין אידישן לעבן גע־שטעלט געוואָרן, אן אינסטינקטיוו געגן געפיל צו די אַלע אַספּיראַ־ציעס און שטרעבונגען זיינע, א באַהאַלטענער וואונש, עס זאָלן זיך די אַלע גרויסע אויפטואונגען זיינע מיט א נידערלאַגע ענדיקן.

אויב דירעקט אָבער האָבן די מעשים תעתועים פון דער כהן גדול משפּחה ניט געקענט אויסאיבן אן איינפלוס צום שלעכטן אויף די ברייטע שיכטן פון פאָלק, האָבן זיי אינדירעקט יאָ אַזאַ איינפלוס אויף זיי אויסגעאיבט. עס האָט אָנגעהויבן אויך ביי זיי לויז ווערן זייער צוגעבונדעקייט צו דעם אַלעם, וואָס זיי האָבן גענומען אויף זיך מקיים צו זיין, כאָטש אמת, ביי זיי האָט זיך די דאָזיקע לויזקייט ארויסגעוויזן — די ערשטע צייט אַלנפאַלס אין גאַנץ אַנדערע לעבנס ווינקלען, ווי ביי די ערשטע. און וואָס נאָך מער אינטערעסאַנט איז דאָס, וואָס געקומען איז דאָס אַלעם אַלס פּראָטעסט געגן די מעשים תעתועים פון דער כהן גדול משפּחה, דאָס וואָס די מאָטיוון און כוונות דערפון זיינען דווקא לשם שמים געווען.

דאָס פאָלק איז אַזוי אויפגעבראַכט געוואָרן אויף די פירונגען פון דעם כהן גדול און די אָנהענגער זיינע, אַז עס האָט אָפן אָנגע־

הויבן ארויסצואווייזן אין קאָנקרעטע טאַטן זיין מיסאַכטונג צו זיי. די לאַנד אייגענטימער האָבן אויפגעהערט צו ברייננען זייער תרומות און מעשרות אין בית המקדש. דאָס פאָלק האָט אויך אויפגעהערט צו ברייננען קרבנות צום בית המקדש.

און טראָץ דעם אָבער, וואָס דאָס אַלעס האָט געקענט באַטראַכט ווערן אַלס סימפּאַטישע דערשיינונג, אויף וויפיל עס שפּיגלט זיך אָפּ אין דעם דער פּאַרדרוס, דער פּראָטעסט פון פאָלק געגן אייניקע פאַרשטייער פון די כהנים פאַר זייער דעמאָראַליזירטער אויפפירונג, זיינען די קאָנסעקווענצן אָבער זייער טרויעריקע געווען. צוזאַמען מיט די שולדיקע כהנים האָבן אויך די אומשולדיקע געמוזט ליידן; צוזאַמען מיט די כהנים האָבן אויך די אומשולדיקע לוים דערוויל אָן הכנסות געמוזט פאַרבלייבן. זייער לאַגע איז אַזוי אומטרעגלעך געוואָרן, אַז זיי האָבן געמוזט פאַרלאָזן ירושלים מיט דעם בית המקדש. עס האָט אויך ניט געקענט אָנגעהאַלטן ווערן די עבודה אין בית המקדש. זי האָט געמוזט אָדער גאָר אינגאַנצן אָפּגעשטעלט ווערן אָדער פון איר קדושה בארויבט ווערן, אויף א מדרגה פון דער־נידערונג, פאַרשוועכונג געשטעלט ווערן. צוליב דעם, וואָס דאָס פאָלק האָט קיין קרבנות ניט געבראַכט, איז דער מזבח אינגאַנצן אָפּגעלאָזט געוואָרן, אָדער מען האָט גאָר אינגאַנצן ניט געבראַכט קיין קרבנות, אָדער מען האָט געבראַכט אַזוינע, וואָס האָבן פאַר־שיידענע מומים געהאַט.

און וואָס ווייטער זיינען די קאָנסעקווענצן פון דער דאָזיקער דערשיינונג אַלץ מער טרויעריק געוואָרן.

אמת, אז דאָס, וואָס דאָס פאָלק האָט זיך איצט מיט דעם רוקן זיינעם צום בית המקדש אויסגעדרייט איז געווען א פּראָדוקט פון דעם שטאַרקן פּראָטעסט געפיל פון פאָלק געגן די מעשים תעתועים פון אייניקע פון די כהנים. עס איז אָבער דאָך דורך דעם א גרויסער איינברוך געמאַכט געוואָרן אין א וויכטיקן טייל פון דעם געשוואָ־רענעם אָפּמאַך. עס איז דורך דעם ווידער א פּסיכאָלאָגישע מעג־לעכקייט געשאַפן געוואָרן פון דעם טייל נאָך ווייטערע שריטע צו מאַכן. פון דעם טייל אויך צו די אנדערע טיילן זיינע איבערגיין.

און נאָך מער מאָראַלער שאָדן איז אין דעם געווען צוליב דעם, וואָס דער אידישער ישוב האָט דורך דעם—דעם צענטראַלן פּונקט פון

זיין פאראייניקונג אָנגעוואָרן, האָט דאָס צו סאָציאַלער און מאָראַלער דעמאָראַליזאַציע געמוזט פירן. דאָס, וואָס זיי האָבן צוליב זייער פאַראַכטונג צו די כהנים פאַרלאָרן דעם אינטערעס צום בית המקדש, צו די אַלגעמיינע קהלשע ענינים, האָט געמוזט פירן דערצו, עס זאָל זיך אָן אומגעווינשטער עגאָאיזם אַנטוויקלען אין אידישן ישוב, אַן עגאָאיזם, וואָס טרייבט דעם באַזיצער זיינעם צו לעבן נאָר פאַר זיך, ער זאָל נאָר נאָך אייגן מאַטעריעלן גליק זיך יאָגן.

ט"ו

נחמיהס צווייטער באַזוך אין ירושלים

נחמיהס צוריקקער קיין ירושלים. — זיינע תלמידים און אָנהעגער האָבן אים מיט בריוו פאַרוואָרפן, ער זאָל קומען מאַכן אָרדנונג אין יהודה. — ער פאָרט איצט מיט א פיל גרינגער הארץ קיין יהודה, ווי ער האָט דאָס דאָס ערשטע מאָל געטאָן. — ער איז זיכער געווען, אז ער וועט די סיטואַציע באַהערשן. — מיט אַ פעסטער זיכערער האַנט און מיט געוואגטן מוט פירט ער אויך דאָס מאָל זיין טעטיגקייט אָן. — זיין ביטערער קאַמף קעגן דער דערשיינונג פון געמישטע הייראטן. — זיין קאמף פאר דער העברעאישער שפראך. — דעם כהן גדולס אייניקל צוזאַמען מיט דעם שווער זיינעם, סנבלט החורוני, פאַריאָגט ער פון ירושלים; טוביהן ווארפט ער פון דער בית המקדש געביידע ארויס. — זיין זאָרג פאר דעם, אז די עבודה אין בית המקדש זאָל אומ־געשטערט מיט געהעריקער ווירדע אָנגעפירט ווערן. — זיין זאָרג, אז עס זאָל א שטרענגער שמירת שבת אין אידישן ישוב איינגעפירט ווערן.

נאָך א קורצער אָפּוועזנהייט*) איז נחמיה געקומען צוריק קיין ירושלים. אויך זייענדיק אין קעניגלעכן הויף אין פערסיען, איז ער אין שטענדיקן פאַרקער מיט דעם אידישן ישוב אין יהודה געשטאַנען. און ווען עס האָבן אים די ידיעות דערגרייכט וועגן די אומגעווינשטע ענדערונגען, וואָס זיינען אין ישוב אריינגעטראָטן, האָט ער מער נים געקענט בלייבן אין פערסיען און ער האָט געבעטן דערלויבניש פון קעניג, ווידער אמאָל שוין אויף שטענדיק דעם קעניגלעכן הויף פארלאָזן און קיין ירושלים פאָרן. ער האָט זיך געאיילט צו דערפילן

*) מען באדארף אָננעמען, אז די הפסקה איז פון 7־8 יאָר באשטאנען.

דעם פארלאַנג, וועלכער איז אויך זיין פארלאַנג געווען, פון די תלמידים און אַנהענגער זיינע אין יהודה, וועלכע האָבן אים געבעטן אין זייער בריוו, ער זאָל וואָס גיכער קומען צוריק אין לאַנד, כדי ער זאָל ווידער דעם אידישן ישוב אויף זיין געהעריקער הויך אוועקשטעלן. זיי האָבן געגלויבט און געהאָפט, אז אַלעס וועט ווידער אַמאָל אויף דעם בעסטן אופן איינגעאָרדנט ווערן, ווען נחמיה וועט אין לאַנד קומען און וועט דאָס אידישע לעבן אונטער דער פירונג פון זיין שטארקער, ענערגישער האַנט שטעלן. און דעריבער האָבן זיי זיך געווענדט צו אים, ער זאָל וואָס גיכער קומען צו זיי.

און אויך נחמיה אליין האָט געגלויבט אין דעם. ער איז איצט מיט א פיל גרינגער הארץ געפאָרן קיין ירושלים, ווי ער איז אהין דאָס ערשטע מאָל געפאָרן. ער האָט געוואוסט גוט די לאַגע אין יהודה, און עס איז געווען קלאָר פאר אים, אז ווי שלעכט דער מצב זאָל נים זיין איצט אין אידישן ישוב, איז ער נאָך אַלץ אומגעהויער בעסער, ווי ער איז געווען דאָרטן, ווען ער איז אהין דאָס ערשטע מאָל געפאָרן. עס איז פאר אים קלאָר געווען, אז עס איז איצט קיין ערנסטע געפאר נים פאראן פאר א מאָראַלן פאַנאַנדערפאַלן אין אידישן ישוב, ווי עס איז דאן געווען. ער איז דעריבער געווען זיכער, אז עס וועט אים לאַנג נים נעמען אַלעס צוריק גוט מאַכן. אויב ער האָט דאן פארטרייבן געקענט די אַלע בייזע, שווערע וואָלקנס, אין וועלכע די אידישע וועלט איז דאן איינגעהילט געווען, וועט ער זיכער איצט אודאי קענען די סיטואַציע באהערשן.

און מים דער זעלבער שטארקער האַנט, מיט דעם זעלבן מוט, מיט דער זעלבער געוואַגטקייט, מיט וועלכער ער האָט אַלע זיינע פּלענער דורכגעפירט, ווען ער איז דעם ערשטן מאָל געקומען קיין ירושלים, האָט ער אויך איצט זיין טעטיקייט אָנגעפירט.

ראשית כל האָט ער זיך גענומען באקעמפן די געמישטע הייראטן, אויף וויפיל אַט די דערשיינונג האָט דאן געפונען נאָך א פּלאַץ פאר זיך אין אידישן ישוב.

און ווען עס איז נויטיק געווען האָט ער זיך אין דעם דאָזיקן קאמף זיינעם פאר די גאָר שטרייַנגסטע מיטלען אפילו נים אָפּגעשטעלט. ער האָט אין מאַנכע פעלע די פאַרזינדיקטע אויך מיט פיזישער באליידיקונג באשטראָפט.

„אויך אין יענע טעג — דערציילט נחמיה אליין אין לעצטן קאפּיטל פון „נחמיה" — האָב איך געזען אייניקע אידן, וואָס האָבן געבראַכט פרויען פון אשדוד, פון עמון, פון מואב, און זייערע קינ־דער פלעגן טיילווייז ריידן אשדודית און אויך אנדערע שפּראַכן און האָבן ניט פאַרשטאַנען צו ריידן העברעאיש".

„האָב איך זיך געקריגט מיט זיי און זיי געשאָלטן און אייניקע פון זיי האָב איך געשלאָגן, און זיי ביי די האָר געריסן און באַ־שוואוירן זיי ביי גאָט: אויב איר וועט געבן אייערע טעכטער פאַר זייערע זין און אויב איר וועט נעמען פון זייערע טעכטער פאַר אייערע זין און פאַר אייך. אין דעם האָט דאָך שלמה מלך ישראל געזינדיקט. און צווישן די פילע פעלקער איז דאָך ניט געווען אַזאַ קעניג, ווי ער, באַליבט ביי זיין גאָט איז ער געווען און גאָט האָט אים געמאַכט פאַר אַ קעניג איבער אַלע אידן, און דאָך האָבן אויך אים די פרעמדע פרויען געמאַכט זינדיקן. און איר קומט טאָן אַזאַ אומערהערטע זאַך, אַזאַ גרויסן פאַרברעכן באַגיין, צו פעלשן אין אונזער גאָט, מיט פרעמדע פרויען צו וואוינען".

און אויך אויף דעם כהן גדולם אייניקל האָט ער קיין כבוד ניט געלייגט. אויך מיט אים איז ער זיך באַגאַנגען, ווי מיט אַלע אַנדערע. ער האָט מיט אים אַ קורצן משפּט געמאַכט, ער האָט אים פאַריאָגט פון זיך.

„און פון די זין פון יוידע דער זון פון אלישיב דער כהן גדול — דערציילט אונז נחמיה אויף זיין אייגנפּאַכן און אָפּהערציקן אופן — איז געווען אַן איידים ביי סנבלט החורני — האָב איך אים פאַר־יאָגט פון מיר".

און אויך טוביהן האָט ער פון ירושלים פאַריאָגט.

„און איך בין געקומען קיין ירושלים — דערציילט נחמיה אין צוזאַמענהאַנג דערמיט — און איך האָב געזען דאָס שלעכטס, וואָס אלישיב האָט געטאָן מיט טוביהן, וואָס ער האָט געמאַכט פאַר אים אַ וואוינונג אין די הויפן פון הויז פון גאָט.

„און עס האָט מיך זייער געערגערט און איך האָב ארויסגע־וואָרפן די אַלע כלים פון הויז פון טוביה אין דרויסן פון זיין וואוי־נונג".

אין צוזאַמענהאַנג מיט דער שטעלע אין „נחמיה" דערציילט גרעץ, אַז דער נאָמען פון דעם מיטגליד פון דער כהן גדול פאַמיליע, וואָס האָט חתונה געהאַט מיט א טאָכטער פון סנבלט החורני איז געווען מנשה. דערביי דערציילט ער אונז אויך, אַז דער נאָמען פון סנבלטס טאָכטער איז געווען נסכה. די צוויי פּרטים אָבער זיינען אין נחמיה ניט פאַראַן. זיי געפינען זיך נאָר אין יוסיפון. דאָרטן באַציען זיי זיך אָבער ניט אויף דעם פאַל, וואָס ווערט אין נחמיה דערציילט, נאָר אויף אַן ענלעכן פאַל, וואָס האָט מיט צוויי דורות שפּעטער פּאַסירט, אין דער צייט פון ידוע דעם כהן גדול, וועלכער איז געווען אַן אייניקל פון יוידע. נחמיה האָט שוין דאַן ניט גע־לעבט און אויך דער סנבלט פון נחמהס צייטן האָט שוין מער ניט געלעבט, און דער סנבלט, וואָס ווערט דאָרטן דערמאָנט אלס דער פאָטער פון נסכה, איז אַן אַנדערער.

און רבי נחמן קראָכמאַל האָט ניט צענויפגעמישט דיביידע פאַלן. ער דערמאָנט יאָ, אַז איינער פון דעם כהן גדולס פאַמיליע האָט חתונה געהאַט פאַר סנבלטס א טאָכטער. ער פאַרבינדט אָבער ניט די דאָזיקע געשעעניש מיט נחמיהן און זיין צייט. ער גיט ניט איבער דעם פאַל, ווי ער ווערט אין נחמיה דערציילט, נאָר, ווי ער ווערט דערציילט אין יוסיפון, און ער שרייבט בפירוש, אַז דער סנבלט, וואָס ווערט דערמאָנט אין דער דאָזיקער געשיכטע איז א צווייטער, ניט דער, וואָס איז געווען אין נחמיהס צייטן.

און עס איז ניט נויטיק צו זאָגן, אַז די געשיכטע, וואָס ווערט דערציילט אין נחמיה איז אריינגענומען געוואָרן אהין ערשט אין דער צייט פון דער לעצטער רעדאַקציע פון תנ"ך, אַז צוליב דעם, וואָס נחמיה האָט זיך אַזוי אויסגעצייכנט מיט זיין קאַמף אַנטקעגן געמישטע הייראַטן, האָט די טראַדיציע אים אויך געשטעלט אין צענטער פון א פּאַסירונג וואָס האָט מיט צוויי דורות שפּעטער פּאַ־סירט. עס קען זייער מעגלעך זיין, אַז די דאָזיקע צוויי ענלעכע געשיכטן, וואָס ווערן דערציילט אין נחמיה און אין יוסיפון, זיינען גאָר אינגאַנצן צוויי באַזונדערע פּאַסירונגען, וואָס איינע האָט גע־טראָפן מיט צוויי דורות פריער, און איינע מיט צוויי דורות שפּע־טער.

דער צווייטער מאָמענט פון דער טעטיקייט פון נחמיה איז גע־ווען צו זאָרגן דערפאַר, אז די עבודה אין בית־המקדש זאָל קענען אומגעשטערט און מיט געהעריקער ווירדע אָנגעפירט ווערן. ער האָט דעריבער זיך גרויס מי געגעבן, אז די לוים זאָלן פון איצט אָן און ווייטער פאַרזאָרגט זיין מיט זייער הכנסות, אז די כהנים זאָלן זיי פון זייערע מעשרות ניט קענען מער בארויבן. ער האָט דעריבער איינגעפירט איצט, אז אנשטאָט, וואָס ביז אהער פלעגן לויט דער תקנה, וואָס ער האָט אליין מתקן געווען, די לוים ארויסגיין אין די פראָווינץ־שטעט איינצוזאַמלען די מעשרות זייערע, זאָלן פון איצט אָן די אלע מעשרות געבראכט ווערן, אזוי ווי די תרומות פאר די כהנים, פון די ערד איינגנטימער קיין ירושלים אין ספּעציעל באשטימטע דארויף לאַגער־קאַמערן, וועלכע זיינען געשטאַנען אונטער דער השגחה פון א פאָרשטייער פון די כהנים און צוויי פאָרשטייער פון די לוים, וואָס האָבן געהאַט אויף זיך די אויפגאַבע פאַנאַנדערצוטיילן זיי אויף א גערעכטן אופן צווישן זייערע ברידער.

„און איך בין געוואויר געוואָרן", דערציילט נחמיה אין לעצטן קאַפּיטל פון נחמיה אין צוזאַמענהאנג מיט דער דאָזיקער תקנה, „אז די גאבן פון די לוים זיינען ניט געגעבן געוואָרן צו זיי, און זיי זיינען אַנטלאָפן יעדער צו זיין פעלד: די לוים און די משוררים און די אלע, וואָס האָבן פאַרשיידענע ארבעטן געטאָן אין בית־המקדש".

„און איך האָב זיך געקריגט מיט די הארן און האָב געזאָגט: פאר וואָס איז פאַרלאָזן געוואָרן דאָס הויז פון גאָט? און איך האָב זיי צענויפגענומען און אוועקגעשטעלט זיי אויף זייערע פּאָס־טענס".

„און גאַנץ יהודה האָט געבראכט דעם מעשר פון קאָרן און פון נייעם וויין און פון די אוילבירטן אין די לאַגער־קאַמערן. און איך האָב באַשטימט אלס די משגיחים איבער די לאַגער־קאַמערן: שלמיה דעם כהן און צדוק דעם סופר און פדיה פון די לוים און צוזאַמען מיט זיי — חנן בן זכור בן מתניה. ווארום זיי זיינען באַטראַכט

געוואָרן אלס באגלויבטע, און זיי האָבן באדארפט פאנאנדערטיילן די מעשרות צווישן זייערע ברידער.*)

דאן האָט נחמיה זיך גענומען צו זאָרגן דערפאר, עס זאָל א שטרייגגער שמירת שבת איינגעפירט ווערן אין אידישן ישוב.

---

*) די פסוקים אין נחמיה, וואָס ריידן וועגן דעם דאָזיקן ענין, ווי אזוי, צו וועמען, דורך וועמען און וואו עס זיינען איינגעמאָנט און פאַנאַנדערגעטיילט געוואָרן די תרומות און די מעשרות, זיינען אויף דעם ערשטן בליק ניט אין גאנצן קלאָר און שיינען צו ליידן פון א מוקדם ומאוחר סדר, ווי עס האָט דארויף שוין רבי נחמן קראכמאל אָנגעוויזן, און די חכמי התלמוד נאָך האָבן זיך באשעפ־טיקט מיט דעם איינשטעלן פון די דאָזיקע פסוקים. עס שיינט מיר אָבער, אז נאָך א טיפן אַנאַליז פון די אלע שטעלן אין נחמיה, אין וועלכע עס רעדט זיך וועגן דעם דאָזיקן ענין, מוז מען זיי פארשטיין אויף דעם זעלבן אופן ווי איך פאַרשטיי זיי, אז די גאנצע נייקייט, וואָס איז אויפגעטאָן אין יענעם דור בנוגע צו תרומות ומעשרות, באשטייט הויפטזעכלעך אין דעם, וואָס פריער אין דעם מאָמענט, ווען דער געשוואָרענער אָפּמאַך איז פאַרגעקומען, איז באַשטימט געוואָרן, אז די לוים זאָלן גיין אליין אויפמאָנען די מעשרות, און נאָכדעם, ווען נחמיה איז דעם צווייטן מאָל געקומען קיין ירושלים, האָט ער איינגעפירט, אז אויך די מעשרות זאָלן, ווי תרומות, קיין ירושלים געבראַכט ווערן אין די ספּעציעל דארויף באַשטימטע לאַגער־קאַמערן.

און אי רבי נחמן קראכמאל און אי רבי אייזיק הירש ווייס האָבן געגרייזט — ווי איך האָב עס שוין אין א פריערדיקן קאַפּיטל געשריבן — אין דעם פאַרזוך זייערן איינצושטעלן די פסוקים ווי געהעריק. דער פסוק וואָס קומט נאָך זיין פאַרגייענדן פסוק „והלוים יעלו את מעשר המעשר לבית אלהינו אל הלשכות לבית האוצר״, דער דאָזיקער פסוק, וואָס לייענט זיך: כי אל הלשכות יביאו בני ישראל ובני הלוי את תרומת הדגן, החירוש והיצהר ונומר באווייזט קלאָר, אז די באַהויפּטונג פון ווייס, אז דער מעשר פון המעשר איז געגאַנגען פאר די צרכי המקדש איז אָן השערה, וואָס האָט קיין גרונט ניט. עס איז קלאָר, אז דער זין פון דעם דאָזיקן פסוק איז, אז פונקט ווי די בני ישראל האָבן גע־בראַכט אין בית אלהים די תרומות פאר די כהנים, אזוי האָבן זיי אויך באדארפט ברייגגען אהין די בני לוי דעם מעשר מן המעשר פאר די כהנים.

און נאָך מער דייטלעך און קלאָר זען מיר, אז נחמיה האָט ניט אָפּגעשאפט דעם מעשר מן המעשר פאר די כהנים, פון דעם פאָלגענדן לעצטן פסוק אין קאַפּיטל י״ב פון נחמיה: וכל ישראל בימי זרובבל ובימי נחמיה נתנים מניות המשוררים והשערים דבר יום ביומו ומקדישים ללוים והלוים מקדישים לבני אחרן — און די אידן אין די טעג פון זרובבל און אין די טעג פון נחמיה פלעגן געבן די גאבען פון דעם משוררים און די טויער היטער טאָג־טעגלעך און מקדיש זיין פאר די לוים און די לוים האָבן זיי מקדיש געווען פאר די בני אהרן.

עס פלעגט זיין דער מנהג, אז די צורים, וואָס האָבן געוואוינט אין און ארום ירושלים, האָבן געבראכט אין שטאָט ארײַן פריש געכאפטע פיש, ווי אויך אנדערע עסנווארג פראָדוקטן, אים שבת קיין ירושלים, צו פארקויפן צווישן דער אידישער באפעלקערונג. דאָס האָט געבראכט דערצו, אז אויך די אידישע הענדלער מיט עסנווארג זיינען געצוואונגען געווען ארויסצופירן זייערע סחורות אין מארק, כדי זיי זאָלן א באדייטענדן פדיון ניט אָנווערן, און אויב אין ירושלים האָט דאָס נאָר צו מקח וממכר אים שבת געבראכט, האָט דאָס אין די פראָווינץ שטעט גורם געווען, די אידישע איינוואוינער זאָלן דאָרטן אויך אין די ערגסטע פאָרמען פון חלול שבת נכשל ווערן, זיי זאָלן אויך טאָן אזוינע מלאכות, וואָס זיינען בפירוש פארבאָטן אין דער תורה. האָט נחמיה דעריבער פארבאָטן יעדן האנדל אים שבת אין אידישן ישוב. ניט נאָר דעם אידישן האנדל אליין, נאָר אויך דעם ניט אידישן. ווען עס איז געקומען ערב שבת פארנאכט, האָט ער געהייסן פארמאכן אלע טויערן פון שטאָט, עס זאָל אויף מאָרגן קיינער פון ניט־אידישע הענדלער ניט קענען אריינקומען אין שטאָט מיט זיין סחורה.

„אין יענע טעג", ווערט וועגן דעם ענין דערציילט אין לעצטן קאפיטל פון נחמיה, „האָב איך געזען אין יהודה, ווי מען טרעט די קעלטערן אים שבת און מען ברענגט די סטויגן תבואה און מען לאָדט אָן אויף די אייזלען, און אויך דעם וויין פון די ווינטרויבן און פייגען און יעדער משא און מען ברענגט קיין ירושלים אין טאָג פון שבת, און איך האָב זיי געוואָרנט אין דעם טאָג, ווען זיי האָבן פארקויפט פראָוויזיאָן."

„און די צורים, וואָס האָבן געוואוינט אין איר פלעגן ברענ־גען פיש און אלע סחורות און פארקויפן אים שבת צו די בני יהודה און אין ירושלים".

„און איך האָב זיך געקריגט מיט די הארן פון יהודה און איך האָב געזאָגט צו זיי: וואָס איז דאָס די דאָזיקע שלעכטע זאך, וואָס איר טוט און איר זייט מחלל דעם טאָג פון שבת, אזוי האָבן דאך געטאָן אייערע עלטערן — און ער האָט געבראכט אונזער גאָט אויף אונז דאָס דאָזיקע גאנצע שלעכטס און אויף דער דאָזיקער

שטאָט. און איר מערט צאָרן אויף די אידן צו פאַרשוועכן דעם שבת.

„און עס איז געווען, ווען עס האָבן זיך פאַרשפּרייט די שאָטנס*) אויף די טויערן פון ירושלים, פאַר דעם אָנקומען פון שבת, האָב איך געזאָגט — און עס זיינען פאַרשלאָסן געוואָרן די טירן, און איך האָב געזאָגט, אז מען זאָל זיי ניט אויפעפענען ביז נאָך שבת, און פון מיינע יונגען האָב איך געשטעלט ביי די טויערן, זיי זאָלן אכטונג געבן, עס זאָל קיין משא ניט אריינקומען אין טאָג פון שבת".

און די ערשטע צייטן האָבן די וואָסזיינען נוגעים בדבר געווען, געפּרואווט פּראָטעסטירן. זיי האָבן זיך ניט געוואָלט אונטער־ווארפן אונטער דער פאַראָרדנונג פון נחמיה. טראָץ דעם, וואָס מען האָט די טויערן געהאַלטן פאַרשלאָסן, פלעגן זיי נאָך אַלץ קומען מיט זייערע וואָגנס און הינטערן שטאָט שטיין בלייבן. דאָס האָט פאַר זיי באדארפט דינען אי אלס פּראָטעסט מיטל געגן דעם פאַר־באָט פון נחמיהן, ווי אויך אלס אנשרעקונגס מיטל געגן אים, אז ער זאָל זען, אז עס וועט אים אוממעגלעך זיין דורכצופירן זיין פאַר־באָט. ווי שטענדיק, האָט זיך אָבער נחמיה אויך דאָס מאָל זייער וועניק געשראָקן. און ווי שטענדיק, האָט ער אויך דאָס מאָל זיינס אויסגעפירט. אומערשראָקן האָט ער מיט א שטאַרקער האַנט די

*) עס וועט ניט זיין אויסערן פּלאַץ צו ברענגען דאָ די אויסטייטשונג פון „צללו" פון פאַרשטאָרבענעם גאון רבי יצחק אייזיק הלוי. אין אַנקלאַנג מיט זיין שיטה, צו דערווייזן, אז די אלע, כמעט תקנות, דינים און מנהגים פון דער תורה שבעל פה זיינען געווען אין עקזיסטענץ שוין אין די גאָר אלטע צייטן, זאָגט ער, אז דער מנהג, וואָס מיר געפינען שפּעטער ביי אידן, צו בלאָזן זעקס תקיעות פרייטיק פארנאכט אויף צו מודיע זיין אויף דאָס אָנקומען פון שבת, איז שוין דאַן ביי אידן געווען און ער טייטשט איין אויף פאָלגענדן אופן דעם „ויהי כאשר צללו שערי העיר", און עס איז געווען ווען עס האָבן אָנגעהויבן קלינגען די טויערן פון ירושלים, ווארום צוליב דעם, וואָס ירושלים איז געווען ווייניק באפעלקערט דאַן און צוליב די אלע וואָס האָבן זיך געפונען ארום ירושלים אין די פעלדער, האָט נחמיה איינגעפירט, אז דאָס פּראָקלאַמירן פון שבת זאָל געמאכט ווערן דורך קלינגען אין גלאָקן, וואָס מען האָט אין די אלע טויערן אויפגעהאנגען, אנשטאָט צו בלאָזן פון א שופר, וואָס וואָלט ניט געקענט געהערט ווערן פון אלעמען אין די אלע צעווארפענע ווינקעלעך און וואוינונגס פונקטן פון ארום ירושלים, ווי דאָס שטאַרקע קלינגען פון די גלאָקן.

פראָטעסטן פון דעם פּאַראינטערעסירטן צד אונטערדריקט און די פאַראָרדנונג זיינע איז פאָלקאָם אינם לעבן פון דעם אידישן ישוב דורכגעפירט געוואָרן.

„און זיי האָבן מתרעם געווען" — דערציילט אונז — דאָרטן ווייטער — נחמיה, „די הענדלער, און די אַלע וואָס האָבן פאַר־שידענע סחורות פאַרקויפט, ווען זיי האָבן זיך אויסער ירושלים געפונען. איך האָב זיי אָבער געוואָרנט און געזאָגט צו זיי: פאַר־וואָס זייט איר מתרעם אנטקעגן דעם מויער? אויב איר וועט ווידערהאָלן, וועל איך מיין האַנט לייגן אויף אייך, און פון דאַן זיינען זיי שוין מער ניט געקומען אים שבת".

אָט אַזוי איז מיט דעם צווייטן מאָל קומען פון נחמיהן שוין אויף שטענדיק און גאָר אין גאַנצן די ניט איינגעשטעלטקייט און די וואקלעניש פון דעם גייסטיקן לעבן פון אידישן פאָלק איז יהודה פאַרשוואונדן. ער האָט מיט נאָך מער פאָלקאָמענהייט צוריק פעסט־געשטעלט דאָס גלייכגעוויכט אין אידישן לעבן נאָכדעם, וואָס עס איז אביסל געשטערט געוואָרן פאר דער קורצער צייט פון זיין אָפּוועזנהייט. עס איז אין יענעם מאָמענט שוין פאָלשטענדיק און ענדגילטיק פאָרמירט געוואָרן די אייגנאַרטיקע געשטאַלטונג פון אי־דישן פאָלק אַלס באַזונדערע נאַציאָנאַלע איינהייט, וואָס איז אַזוי וועזנטלעך אָפּגעטיילט פון אַלע אנדערע פעלקער.

מיט אַן אייזערנער האַנט האָט נחמיה ארויסגעפירט דאָס אידישע פאָלק אויף דעם וועג, אויף וועלכן ער האָט עס געוואָלט זאָל גיין, אויף דעם וועג, וועלכער איז דאַן שוין אויף שטענדיק זיין היסטאָ־רישער וועג געוואָרן.

ט"ז

מלאכי דער לעצטער אידישער נביא

א ווירדיקער חבר פון די אלע גרויסע פארגעגנגער זיינע. — ער פירט אָנגעשטרענגטן קאמף אָן קעגן דעם שעדלעכן איינפלוס פון דער כהן גדול פאַמיליע. — ער דונערט איבער זיי מיט דעם צאָרן זייגעם דערפאר וואָס מיט זייערע פירונגען האָבן זיי געבראכט דערצו, אז דער בית המקדש זאָל פאַרמיאוסט ווערן אין די אויגן פון יהודה. — מיט שווערע שטראָף־רייד טרעט ער אויך קעגן דער אידישער באַפעלקערונג ארויס דערפאר, וואָס זיי טראָגן איבער דעם מיסרעספעקט, מיט וועלכן זיי באציען זיך צו די כהנים, אויך אויף דעם בית המקדש.

דער נביא מלאכי איז דער לעצטער אידישער נביא געווען. ער איז דער לעצטער רינג געווען אין דער גרויסער גאָלדענער נביאים-קייט. מיט אים איז אין יענעם דור געשלאָסן געוואָרן די נביאים עפּאָכע, וואָס האָט זיך איבער א משך פון פיר הונדערט יאָר געצויגן.

און ווי דאָס וואָרט פון אלע פאָרגענגער זיינע, די אלע אנדערע גרויסע אידישע נביאים, איז אויך זיין וואָרט פול מיט געטליכער קראפט געווען. און, ווי זיי, איז ער אויך שטענדיק אויף דער וואך געשטאנען, ער זאָל א שטראָפער און טרייסטער פאר זיין פאָלק זיין, איז ער אויך שטענדיק אויף דער וואך געשטאנען, ער זאָל א לערער און וועגווייזער זיין פאר זיי.

די אידישע נבואה האָט אויך אין דעם לעצטן אידישן נביא איינעם פון אירע גרעסטע פאָרשטייער געהאט. ער איז א ווירדיקער חבר געווען פון די אלע גרויסע פאָרגענגער זיינע. אויך פון זיין

מויל האָט דער נביאישער גייסט מיט א קרעפטיקער שטימע ארויס־גערעדט. ער האָט אויך אויף די אַלע דערשיינונגען, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין זיין צייט אין לעבן פון אידישן ישוב מיט זיין פראַפעטיש וואָרט רעאַגירט. ער איז די טרייסט און די האָפנונג פון די פרומע עלעמענטן פון אידישן ישוב געווען און די שטראָף און שרעק פון די עלעמענטן, וואָס זיינען אונטער דעם איינפלוס פון דער כהן גדול פאַמיליע געשטאַנען. ער איז געווען איינער פון די אָנפירער אין לאַגער פון די, וואָס האָבן באַקעמפט דעם שעדלעכן איינפלוס פון דער כהן גדול פאַמיליע, זיי זיינען ארום אים קאָנ־צענטרירט געווען. מיט די פון טיפן נבואישן גייסט, פון גליענדער הייסער ליבע אינספּירירטע רייד זיינע האָט ער מוט און גלויבן ביי זיי געוועקט, זיי זאָלן אָן שרעק, אָן פארצווייפלונג זייער קאמף געגן די פארפירער און פארפירטע אָנפירן. מיט דעם ברענענדן פייער פון זיין געטלעך וואָרט האָט ער די הערצער פון די געגנער, פון די פון גאָט אָפּגעקערטע, געבריענט.

מיר האָבן שוין פריער געשריבן, אז דורך די שלעכטע פירונגען פון אייניקע פון די כהנים, וואָס זיינען אונטער דעם שלעכטן איינ־פלוס פון דער כהן גדול משפחה אונטערגעפאַלן, האָט דאָס פאָלק אָן אומחן אויף די אַלע כהנים געוואָרפן און זיי האָבן זיך צוליב דעם ניט מיט דעם געהעריקן רעספּעקט אויך צום בית המקדש באַצויגן. און דאָס האָט געבראַכט דערצו, אז עס האָט ניט געקענט, ווי געהעריק, די עבודה אין בית המקדש אָפּגעהיט ווערן. דאָס פאָלק האָט קרבנות אויפגעהערט צו ברענגען, און כדי ווי עס איז אָנצוהאַלטן די עבודה אין בית המקדש האָבן די כהנים מקריב געווען, וואָס עס האָט זיך זיי נאָר איינגעגעבן אַלס קרבן צו באַקומען. איז מלאכי געגן די דאָזיקע כהנים מיט אַ שאַרפן פּראָטעסט ארויס־געטראָטן.

„אַ זון גיט אָפּ כבוד אַ פאָטער" — לייענען מיר אין מלאכי א' די רייד פון נביא אין גאָטס נאָמען — „און אַ קנעכט זיין האַר. און אויב איך בין (אייך) אַ פאָטער — וואו איז מיין כבוד ? און אויב איך בין (אייך) אַ האַר — וואו איז די מורא פאַר מיר ? גאָט צבאות האָט געזאָגט צו אייך כהנים : „איר זענט מבזה מיין נאָמען

און איר זאָגט נאָך: מיט וואָס האָבן מיר מבזה געווען דיין נאָמען? איר ברענגט אויף מיין מזבח אומריינעם ברויט — און איר זאָגט נאָך: מיט וואָס האָבן מיר דיך פאַראומריינקט? און אז איר ברענגט א בלינדן קרבן צו מקריב זיין — איז דאָס ניט שלעכט? און אז איר ברענגט א הינקענדיקן קרבן און א קראַנקן — איז דאָס ניט שלעכט? ברענג אים נאָר צו דיין פּחה — צו וועט ער דיך באַוויליגן, אָדער צו וועט ער דיך אויפנעמען — האָט געזאָגט גאָט צבאות. הלואי וואָלט זיך אויך געפונען צווישן אייך אזוינער, וואָס זאָל פאַרשליסן די טירן פון בית המקדש, איר זאָלט ניט קענען באַלויכטן מיין מזבח אומזיסט. איך האָב אייך ניט גערן — האָט גאָט צבאות געזאָגט. און א מתנה וועל איך ניט באַוויליגן פון זייער האַנט. איר ברענגט געגזלטע קרבנות און הינקענדיקע און קראַנקע — זאָל איך וויליק זיין פון אייער האַנט זיי נעמען? — האָט גאָט געזאָגט. און פאַרשאָלטן זאָל זיין דער באַטריגער, וואָס אין סטאַדע איז א זכר פאַראַן און ער איז מנדר און שעכט א פאַרדאָרבענעם קרבן צו גאָט. וואָרום איך בין א גרויסער קעניג, האָט גאָט צבאות געזאָגט, און פאַר מיין נאָמען האָט מען מורא צווישן די פעל־קער".

און וואָס ווייטער ווערט אלץ מער דער פּראָטעסט זיינער שטאַר־קער און שאַרפער, אלץ מער הויבט דער כעס זיינער אָן צו שטייגן און ער הויבט אויך אָן צו שרעקן די פאַרזינדיקטע כהנים, אז עס וועט זיך אויף זיי גאָטס צאָרן אויסגיסן, אז ער וועט אויף זיי פאַר זייערע שלעכטע מעשים זיין קללה מאַכן רוען.

„און איצט" — ווערט געזאָגט אין צווייטן קאַפּיטל פון מלאכי — „איז דער דאָזיקער באַפעל צו אייך כהנים. אויב איר וועט ניט הערן און אויב איר וועט ניט צום האַרצן זיך נעמען, אָפּצוגעבן כבוד צו מיין נאָמען האָט גאָט צבאות געזאָגט — וועל איך אָנשיקן אויף אייך די קללה און איך וועל פאַרשעלטן אייערע בענטשונגען. איך וועל פאַרמינדערן אייער זאמען און איך וועל פאַרשפּרייטן אומריינקייט איבער אייערע פּנימער, די אומריינקייט פון אייערע פייערלעכע קרבנות. און דאַן וועט איר ווּיסן, אז איך האָב געשיקט צו אייך דעם דאָזיקן באַפעל, עס זאָל זיין מיין זיכערהייט מיט דעם לוי — האָט גאָט צבאות געזאָגט".

מיט טיפן באדויערן דערמאָנט ער יענע גוטע יאָרן, ווען די כהנים און די לוים זיינען אין גאָטס וועגן געגאַנגען און האָבן זיין וואָרט אָפּגעהיט.

„איך האָב מיט אים (מיט דעם שבט לוי) — זאָגט מלאכי אין גאָטס נאָמען — כורת ברית געווען, איך זאָל אים לעבן און פרידן געבן. איך האָב עס אים געגעבן פאַר דער מורא, וואָס ער האָט פאַר מיר מורא געהאַט דערפאַר וואָס ער האָט פאַר מיין נאָמען געציטערט. די תורה פון אמת איז אין זיין מויל געווען און קיין אומרעכט איז ניט געפונען געוואָרן אין זיינע ליפּן. אין פרידן און אין גראַדקייט איז ער געגאַנגען מיט מיר און ער האָט פילע אומגעקערט פון זינד. ווארום די לעפצן פון כהן האָבן וויסן געהיט און תורה האָט מען געזוכט פון זיין מויל, ווארום דער שליח פון גאָט צבאות איז ער געווען”.

אזוי איז אמאָל געווען, היינט אָבער האָבן די כהנים זייערע גוטע טראַדיציעס פארלאָזט.

„און איר” — זאָגט מלאכי צו די כהנים פון זיין דור — „איר האָט אָפּגעקערט פון דעם וועג. איר האָט געמאַכט שטרויכלען פילע אין דער תורה. איר האָט פאַרדאָרבן דעם ברית פון לוי — האָט גאָט צבאות געזאָגט”.

און דער נביא דערקלערט זיי, אז זיי זיינען אליין שולדיק, וואָס דאָס פאָלק האָט זיך אָנגעהויבן באַציען צו זיי מיט מיסאַכ־טונג. דאָס איז דער עונש זייערער פאַר זייער שלעכטער אויפפירונג דערפאַר, וואָס זיי האָבן זיך פון גאָט אָפּגעקערט און זיין תורה פארלאָזט.

„און איך אויך” — רעדט דער נביא אין גאָטס נאָמען — „האָב אייך געגעבן, איר זאָלט נבזים ושפלים זיין ביי דעם גאַנצן פאָלק. פונקט ווי איר האָט ניט מיינע וועגן אָפּגעהיט און איר זענט נושא פנים אין דער תורה”.

און ווי ער האָט זיך געווענדט מיט זיינע שטראָף רייד צו די כהנים, אזוי האָט ער זיך מיט זיין מוסר אויך צום פאָלק געווענדט דערפאַר, וואָס זיי האָבן איבערגעטראָגן די באַציאונגען זייערע פון מיסאַכטונג צו די כהנים אויך אויף דעם בית המקדש, דערפאַר

וואָס זיי האָבן צוליב די מעשים תעתועים פון די כהנים אויך די לוים פון זייערע איינגאמען בארויבט.

„פון די טעג פון אייערע עלטערן” — זאָגט מלאכי אין דריטן קאפיטל אין נאָמען פון גאָט — „האָט איר אָפּגעקערט פון מיינע געזעצן און איר האָט ניט געהיט (זיי). קערט זיך אום צו מיר, וועל איך זיך אומקערן צו אייך — האָט גאָט צבאות געזאָגט. און איר זאָגט: מיט וואָס זאָלן מיר זיך אומקערן? קען א מענטש בארויבן גאָט? ווארום איר בארויבט מיך. און איר זאָגט נאָך: מיט וואָס האָבן מיר דיך בארויבט? אין מעשר און אין תרומה (האָט איר מיך בארויבט). מיט א קללה ווערט איר פארשאָלטן און מיך בארויבט איר — דאָס גאַנצע פאָלק. ברענגט דעם גאַנצן מעשר אין מיין הויז און פרובירט מיך נאָר דערמיט — האָט גאָט צבאות געזאָגט: אויב איך וועל ניט אויפעפענען פאר אייך די פענצטער פון הימל און אראָפּגיסן פאר אייך בענשונג ביז איבער גענוג. און איך וועל אָנשרייען פאר אייך אין דעם פארדארבער פון דער תבואה און ער וועט ניט פארדארבן די פרוכט פון דער ערד און דער וויינשטאָק וועט ניט אראָפּוואַרפן פון זיך זיינע פרוכט אין פעלד פאר דער צייט — האָט גאָט צבאות געזאָגט.”

און מיט נאָך מער קראַפט און פייער, ווי די שטראָף־רייד זיינע, צייכענען זיך זיינע טרייסט־רייד אויס. די האָפנונגען, וואָס די מיטגלידער פון דעם קרייז, צו וועלכן מלאכי האָט באַלאַנגט, האָבן געלייגט אויף דעם צוריקקומען פון נחמיה קיין ירושלים, האָבן אין מלאכי זייער שטארקסטן אויסדרוק געקראָגן.

י״ז

די נחמות נבואות פון מלאכי

זיינע נבואות וועגן נחמיהס צווייטן מאָל קומען קיין ירושלים. — דערהויבענער טאָן און טיפע באגייסטערונג. — זיין גרויסער גלויבן אין דעם כח פון נחמיהן אוועקצושטעלן ווידער אמאָל דעם ישוב אויף זיין פריערדיקער מאָראַלער הויך. — די מערקווירדיקע אייגנשאפט פון מלאכיס נבואות. — דאָס פולשטענדיקע בילד, וואָס מיר באקומען פון זיי ארויס וועגן דעם גייסטיקן און מאַטעריעלן לעבן פון יענעם דור. — דער צווייפל, וואָס האָט דעם יונגן דור באַהערשט. — דאָס פראָבלעם פון צדיק ורע לו און רשע וטוב לו.

אין גליענדע פייער פארבן מאָלט פאר אונדז מלאכי דאָס אָנקומען פון נחמיה און די מיסיאָן, וואָס ער וועט דורכפירן. און עס פילט זיך אין דעם דערהויבענעם טאָן, אין דער טיפער באגייסטערונג פון די רייד, מיט וועלכע דער נביא רעדט וועגן דעם אָנקומען פון נחמיה, אומענדליכער גלויבן פעסטער אין דעם גרויסן כח פון נחמיה, אוועקצושטעלן ווידעראמאָל דעם ישוב אויף זיין פריערדיקער מאָראַלער הויך, מערקווירדיקע זיכערקייט, אז דער קריזעס, וואָס איז אריינגעטראָטן אין לעבן פון דעם אידישן ישוב מיט דער אפוועזנהייט פון נחמיה, איז נאָר א צייטווייליקער. די־דאָזיקע רייד זיינע געבן אונדז א ווירקלעך א וואונדערלעכע אָפּשפּי־לונג פון דעם זעלן צושטאַנד, פון די שטימונגען, וואָס האָבן געהערשט אין דעם קרייז, צו וועלכן מלאכי האָט באלאנגט.

ער רעדט וועגן אים אלס דער שליח פון גאָט, וואָס ווערט געשיקט פון אים, ער זאָל זיין שליחות דורכפירן.

„איך וועל שיקן — זאָגט מלאכי אין גאָטס נאָמען אין דעם קאַפּיטל ג׳ — מיין שליח און ער וועט אָפּראַמען דעם וועג פאר מיר. און פּלוצלונג וועט ער קומען אין זיין היכל דער האר, נאָך

וועלכן איר גערט, און דער מלאך הברית, וואָס איר באַגערט — אָט קומט ער — האָט גאָט צבאות געזאָגט". און אַז ער וועט קומען, וועט ער — זאָגט פאַראויס דער נביא — ווי אַ פאַרצערנד פייער פאַרניכטן די אַלע בייזע קרעפטן, וואָס זייען מאַראַלן כאַאָס אין אידישן ישוב. די געגנער וועלן געגן אים קיין תקומה ניט האָבן.

„און ווער וועט קענען" — לייענען מיר ווייטער אין זעלבן קאַפּיטל — „אויסהאַלטן דעם טאָג פון זיין קומען? און ווער וועט קענען שטיין בלייבן, ווען ער וועט זיך באַווייזן? וואָרום ער וועט זיין, ווי פייער, וואָס לייטערט און ווי די זייף פון די וועשער. און ער וועט זיך אַוועקזעצן, ווי אַ גאָלד לייטערער און ווי אַ רייניקער פון זילבער — און ער וועט רייניקן די בני לוי. און ער וועט זיי לייטערן ווי גאָלד און ווי זילבער. און זיי וועלן מקריב זיין צו גאָט אַ מנחה אין גערעכטיקייט. און זי וועט זיס זיין צו גאָט די מנחה פון יהודה און ירושלים, ווי זיי זיינען שטענדיק געווען און ווי אין פאַרצייטיקע יאָרן".

עס זיינען אונז פון מלאכי זייער ווייניק נבואות געבליבן. דער ספר מלאכי באַשטייט בסך הכל פון דריי קאַפּיטלען נאָר. די-דאָזיקע נבואות צייכענען זיך אָבער מיט אַ מערקווירדיקער אייגנ-שאַפט אויס. זיי געבן אונדז אַ פאָלשטענדיק קלאָר בילד וועגן דעם גאַנצן גייסטיקן און — אין מאַנכע הינזיכטן אויך וועגן דעם מאַטעריעלן לעבן פון יענעם דור: ניט אָבער אין אויספיר-לעבע פּרטים, נאָר אין אַלגעמיינע שטריכן קורצע. און אין מאַנכע פעלע אויך אין אומקלאָרע, נעפּלהאַפטע רמזים, וואָס מען דאַרף זיי פריער ענטציפערן.

און אָט אַזוי האָבן מיר אין די דאָזיקע נבואות — אין די דייטלעכע און אומדייטלעכע שטעלן זייערע — דעם גאַנצן מאַטע-ריאַל פאַר דעם בילד, וואָס מיר האָבן פריער געגעבן וועגן די פירונגען פון אייניקע פון די כהנים און, ווי אַזוי די דאָזיקע פירונגען האָבן זיך אויף דעם אידישן ישוב אָפּגערופן, וועגן די צוויי צווישן זיך קעמפנדע לאַגערן דאַן אין ארץ ישראל אידנטום. און פון אַ פּאָר אַזוינע שטעלן זעען מיר אויך די אַלגעמיינע שטימונג, וואָס האָט געהערשט צווישן די מער מעסיגע עלעמענטן פון

אידישן ישוב צו יענער צייט, צווישן די, וואָס האָבן ניט באַלאַנגט צום לאַגער פון דער כהן גדול פאַמיליע אָנהענגער און האָבן אויך ניט באַלאַנגט צו די מוטיגע יראי השם, וואָס האָבן אָן צווייפל אָן וואַקלעניש, זייער גלויבן אין גאָט אָנגעהאַלטן, וואָס זיינען אין אַקטיוון קאַמף געשטאַנען מיט די צעשטערנדע מאָראַלע כוחות אין אידישן ישוב.

די דאָזיקע עלעמענטן האָבן אמת ניט אויסגעדרייט מוטוויליק זייער נאַקן צו גאָט. זיי זיינען אָבער דאָך פון וועג אַראָפּגעשלאָגן געוואָרן. זיי זיינען, ווי צוטומלטע געשטאַנען פאַר דעם אָנגעזיכט פון די אַלע דערשיינונגען, אויף וועלכע זיי האָבן זיך דאָן אין לעבן פון אידישן ישוב אָנגעשלאָגן, און האָבן זייער זין ניט געקענט אויפכאַפּן. זיי האָבן זיך ניט געקענט אָריענטירן אין דעם אַלעם, וואָס זיי האָבן געזען פאַר זיך. אַ גאַנצע רייע פון ספקות און שאלות זיינען אויסגעוואַקסן פאַר זיי, און זיי האָבן פאַר זיי קיין באַשייד ניט געקענט געפינען. זיי האָבן זייער מוט פאַרלאָרן, און צווייפל האָט זייער האַרץ געגעסן, ווען זיי האָבן געזען, אַז טראָץ דעם, וואָס פילע פון זייערע ברידער האָבן צוליב דער שלעכטער אויפפירונג פון די כהנים איינגאַנצן פאַרנאַכלעסיקט זייערע פליכטן צום בית המקדש, וואָס דאָס האָט ווידער געפירט אויך דערצו, זיי זאָלן אויך בכלל איבעררייסן די פעדים, וואָס האָט זיי מיט די אינטערעסן פון דעם גאַנצן קאָלעקטיוו פאַרבונדן, זיי זאָלן זיך נאָר פאַר זייערע אייגענע אינטערעסן זאָרגן, אַז טראָץ דעם אַלעם האָט זייער וואוילזיין און גליק געבליט, דאָן, ווען זיי די פרומע, די, וואָס האָבן זיך אין גאָטס תורה געהאַלטן, האָבן אין אָרימקייט און דחקות געלעבט. זיי האָבן זיך אָפּהענגיק געפילט, ווען זיי האָבן דאָס אַלעם געזען. אוואו איז דער עונש — האָבן זיי געפרעגט — פאַר די, וואָס האָבן די שבועה, וואָס זיי האָבן געגעבן געבראָכן? פאַר וואָס ווערן זיי ניט באַשטראָפט דערפאַר, וואָס זיי שטעלן זיך פאַר קיין זאַך ניט אָפּ, ווען זיי יאָגן זיך, גליק פאַר זיך צו דערווערבן? פאַר וואָס ווערן זיי ניט באַשטראָפט פאַר דעם אומרעכט, וואָס זיי באַגייען דאָן? „אומזיסט איז עס" — האָבן זיי מתרעם געווען — „דאָס דינען גאָט און וואָס פאַר אַ פאַרדינסט האָבן מיר, אַז מיר האָבן געהיט זיין באַפעל און מיר

זיינען מיט הכנעה פאר גאָט צבאות געגאנגען? מיר זעען אצינד, ווי די מוטוויליקע זיינען גליקלעך. זיי זיינען (גוט) אויפגעבויט די וואָס טוען שלעכטס, זיי האָבן אויך געפּרואווט גאָט און זיי זיינען ניצל געוואָרן".

און נאָך מער באהערשט פון צווייפל איז דער יונגער דור געווען. אפילו אין די פאמיליען, וואו דער גלייכגעוויכט פון די עלטערע מיטגלידער איז ניט צעשטערט געוואָרן דורך די נסיונות, וואָס זיי האָבן דורכגעמאכט, האָט צווייפל און תרעומות געהערשט. די קינדער, וועלכע זיינען ניט געווען אזוי געשטארקט אין זייער גלויבן, ווי די עלטערן זייערע, וועלכע האָבן ניט דורכגעמאכט אָט יענע יאָרן פון גרויסן רעליגיעזן עקסטאז, וואָס זייערע עלטערן האָבן דורכגעמאכט, זיינען פון שווערע ספיקות געפייניקט געוואָרן, האָבן זיך מיט רעליגיעזן גריבלען באשעפטיקט. און דאָס האָט געבראכט דערצו, עס זאָל א דיסהארמאָניע הערשן אין פילע הייזער. די קינדער פלעגן וכוחים פירן מיט די עלטערן זייערע, און אין מאנכע פעלע פלעגן זיי זיך אויך אויף גאנץ אנדערע, ווי די וועגן פון זייערע עלטערן, אוועקלאָזן.

און אויך געגן די דאָזיקע עלעמענטן האָט דער נביא מלאכי זיינע רייד געריכטעט. ער טרייסט זיי, אז די טעג פון צווייפלען, פון וואקלעניש וועלן פאראיבער. עס וועט דער גרויסער טאָג קומען, ווען זיי וועלן אלע איינזען דעם העכערן זין פון גאָטס פירונגען, ווען עס וועט צוריק איינגעשטעלט ווערן די צעשטערטע הארמאָניע אין די אידישע פאמיליען.

איך שיק אייך אליה הנביא*) פאר דעם אָנקומען פון גרויסן און שרעקלעכן טאָג פון גאָט. און ער וועט אומקערן דאָס הארץ פון די עלטערן צו די קינדער און דאָס הארץ פון די קינדער צו די עלטערן.

---

*) אליה הנביא איז געוואָרן דער סימבאָל פון יעדן איינעם, וואָס איז, ווי ער א גרויסער קנא לה' אלהי צבאות געווען, און דעריבער רופט דער נביא אויך נחמיהן מיט דעם דאָזיקן נאָמען. צוליב פּאָליטישע מאָטיוון, ווייזט אויס, רופט ער אים ניט דאָ ביי דעם נאָמען זיינעם, פונקט ווי ער רופט אים ניט ביי זיין נאָמען אין די אלע אנדערע שטעלן פון זיינע נביאות.

ווארום עס וועט דאן זייער צווייפל פאַרשווינדן. זיי וועלן די גערעכטיקייט פון גאָטס הערשן זען.

זיי „וועלן דאן אלע ווידער אמאָל זען (דעם אונטערשייד צווישן דעם צדיק און דעם רשע, צווישן דעם, וואָס דינט גאָט און צווישן דעם, וואָס דינט אים ניט."

„וואָרום עס וועט דער טאָג קומען, וואָס וועט ברענען ווי אן אויוון און די מוטוויליקע און די אלע, וואָס טוען שלעכטס — וועלן זיין שטרוי און עס וועט זיי שרפען דער קומענדער טאָג — האָט גאָט צבאות געזאָגט — וואָס וועט זיי ניט איבערלאָזן קיין וואָרצל און צווייג".

„אָבער פאר אייך, וואָס איר האָט מורא פאר מיין נאָמען וועט שיינען די זון פון גערעכטיקייט און א היילונג וועט זיין (פאַר אייך) אין אירע פליגל און איר וועט ארויסגיין און וואַקסן ווי געשטאָפּטע קעלבער און איר וועט באטרעטן די רשעים, אז זיי זאָלן זיין אש אונטער די זוילן פון אייערע פיס אין דעם טאָג, ווען איך וועל טאָן (דאָס אלעס) — האָט גאָט צבאות געזאָגט".